אָנגעפּאַנגען צו לערנען אין דער ערשטער קלאַס גימנאַזיום. אויך זענען אויפגעשטעלט געוואָרן קולטורעלע אינסטיטוציעס פון די פּאַליאַקן: דער קאַסינאָ, דער „סאָקול" און די שטאָט־ביבליאָטעק. אין דער פּאָלקס־שולע, וועלכע האָט אין 1873 געציילט נאָר 70 שילער, האָבן אין 1908 געלערנט 800 ייִנגלעך און מיידלעך.

אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין די יאָרן שטאַרק אַנטוויקלט און אויסגעברייטערט אירע אינסטיטוציעס. (וועגן דער היסטאָריע פון יידישן ישוב אין טאַרנאָבזשעג — זע אין עברית טייל).

איבערזעצט דורך שמואל שאַלער

חיים וויינמאַן

די מעשה פון די קדושים *

(נאָכדערציילט פון מיין זיידן ר׳ אַלטער קאָפּלס ע״ה (שפּילפּויגל)

קודם־כל אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין זיידן ר׳ אַלטער שפּילפּויגל ע״ה, וועלכן מ׳האָט גערופן „ר׳ אַלטער קאָפּלס". ער האָט זיך נישט גערעכנט צווישן די תלמידי חכמים פון שטעטל, אָבער ער איז געווען אַ גרויסער ערלעכער ייד, געלערנט יעדער נאַכט משניות אָדער מדרש, אויך איז ער געווען אַ גרויסער חסיד פון רביים, ספּעציעל האָט ער מקרב געווען די „אייניקלעך" פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. ער האָט אויך געהאַט אַן אָפענע האַנט און געגעבן פיל צדקה.

פּרנסה איז געווען בריווח. פון זיין „כל־בו" געשעפט, וואָס ביי אים האָט עס געהייסן אַ „בשמים געשעפט" און אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ חוץ עטלעכע אמתע שמעקנדיקע בשמים, אויך: הערינג, שמירעכץ צו וועגענער, פאַרבן, לאַק סמאָלאָוויץ, לעכט, דאַך־פּאַפּע און בעיקר נאַפט און בענזין וואָס זייער ריח האָט מען געפילט פון דער וייטנס פון דעם „בשמים געשעפט"... איז אָבער די שפע געווען גרויס און די גויים פון די דערפער האָבן געוווסט צו קומען מאַסנווייז „דאָ קאָפּלאַ", דאָס איז געווען אַ פירמע...

דער זיידע ע״ה האָט זיך אויך „געקויפט" גוטע איידעמ׳ס,

* מיר גיבן דאָ איבער די דערציילונג פון ה׳ וויינמאַן וועגן די „קדושים" אין דער פאָרם ווי׳ ער דערציילט אין נאָמען פון זיין זיידע, וואָס איז אַן אויסנאַם פון די אַלע גירסאות וואָס מיר האָבן געהערט און וואָס מיר ווייסן.

אין דעם עברית־טייל דרוקן מיר אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן די „קדושים" א. נ. „הקדושים" באַזירט אויף היסטאָרישע קוועלן און לויט די פאַרשידענע גירסאות פון די לעגענדע און זייער היסטאָרישע באַדייטונג.

אײנער פון זיי איז געווען מיין טאַטע ר׳ יהושע העשל ווייגמאַן ז״ל, וועלכער איז געווען אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער עסקן פון די שטאָטישע תלמוד תורה.

**
*

איינער פון זיידנס בעסטע קונים איז געווען דער גראַף טאַרנאָווסקי פון וועלכן עס האָבן געהאַט פרנסה נאָך אַ סך יידן פון שטעטל. געוווינט האָט דער גראַף אין זיין אַלטן היסטאָרישן שלאָס, וועלכער איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט וואָס האָט געהייסן „דזשיקאָוו״ און דעם הויף האָט מען גערופן דער „דזשיקווער שלאָס״. מיין זיידע ע״ה פלעג אָפט גיין אין פאַלאַץ אָפּנעמען געלד, אָדער אַהינפירן סחורה, האָט ער מיך אויך אָפטמאָל מיטגענומען, אַהין בין איך טאַקע זייער גערן געגאַנגען.

אויפן ערשטן שטאָק איז געווען זייער אַ גרויסער קאָרידאָר (פּרוזדור) אין וועלכן עס זענען געשטאַנען אַלטע היסטאָרישע אַנטיקן נאָך פון די צייטן פון די פּוילישע מלכים. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען פאַרשידענע ווערטפולע בילדער. צווישן די בילדער האָב איך באַמערקט איין בילד אויף וועלכן ס׳זענען אויסגעמאָלט יידן מיט בערד און פּיאות(?) אויף מיין פראַגע: ווי קומען דאָ אַהער יידן מיט בערד און פּיאות? האָט מיר דער זיידע געענטפערט: דאָס זענען מן הסתם די „קדושים״. איך האָב נאָך קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דאָזיקן וואָרט, אָבער איך בין שטאַרק נייגעריק געווען צו וויסן וואָס דאָס איז.

אַרויסגייענדיק פון הויף, האָב איך אָנגעהויבן מוטשען דעם זיידן ער זאָל מיר דערציילן וואָס דאָס איז אַזעלכעס „קדושים״? מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין גרויסן שיינעם גאָרטן אַקעגנאיבער אַ הערלעכער פאָנטאַנע פון וועלכער דאָס וואַסער האָט געשפּריצט מיט פילפאַרביקייט, אָנשלאָגנדיק זיך אין די זון־שטראַלן. איך געדענק נישט ווי לאַנג די מעשה האָט געדויערט, איך ווייס נאָר, אַז איך בין געזעסן ווי צוגעשמידט צום אָרט, פאַרגאַפט, און געהערט די מעשה מיט שטאַרקן אינטערעס. און אָט וואָס דער זיידע האָט דערציילט:

דאָס איז געשען מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין דזשיקאָוו האָבן נאָך דעמלט געוווינט ווייניק יידן און עס איז נאָך אין שטאָט קיין עירוב נישט געווען. שבת, ווען די יידן זענען געגאַנגען דאַווענען, האָט אַ שייגעץ, וועלכער איז געווען דער ״שבת־גוי״ ביי די יידן: ער האָט געהייצט ווינטער די אויוונס, אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש א.א.וו. — געטראָגן אויך די טליתים אין שול אַריין, נאָכן דאַווענען האָט ער די טליתים צוריק אַהיימגעטראָגן. פאַרן אָרעמען שייגעץ איז דאָס געווען נישט קיין שלעכטע פּרנסה: ער האָט באַקומען באַצאַלט און ביי יעדן אויך עפּעס פון שבתדיקן געקעכץ אָדער געבעקס.

איינמאָל, אין אַ שבת — דאָס איז געווען נאָנט פאַר פּסח — נאָכן דאַווענען, דער שייגעץ קומט נישט נעמען די טליתים, ער איז אויך מער נישט געקומען אין די שטיבער. די יידן האָבן נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען. ער איז נעלם געוואָרן. אָבער קיין שלעכטס האָט מען נישט געטראַכט.

ווען דער שייגעץ איז אויך נישט אַהיים געקומען נעכטיקן, זענען צוזאַמענגס געקומען צו לויפן זיין פאָטער מיט דער מוטער, זיך דערוויסן וואָס עס איז געשען מיט זייער זון, אָבער קיינער האָט זיי גאָר נישט געקאָנט זאָגן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געקאָכט ווי אין אַ קעסל: דער שייגעץ, דער „שבת־גוי״ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן... באַלד האָבן זיך געטראָפן העצער, אַנטיסעמיטן וועלכע האָבן געהעצט דעם פאָטער און די מוטער, אַז נישט אַנדערש, נאָר די יידן האָבן דערמאָרדעט זייער זון צו נוצן זיין בלוט צו די מצות אויף פּסח... יידן האָבן מורא באַקומען. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען וואָס עס באַדייט, אָבער העלפן האָבן זיי גאָרנישט געקענט. זיי האָבן גוזר תענית געווען, געלאָפן אין שול, געזאָגט תהילים, געשריגן און געבעטן, דער רבונו של עולם זאָל זיי העלפן אין זייער עת צרה.

די העצערס, צוזאַמען מיט די עלטערן פונעם שייגעץ זענען געלאָפן מיט אַ געשריי צו דער גרעפין טאַרנאָייסקי, וועלכע איז געווען מושל פון שטעטל, די גאַנצע מאַכט האָט זיך געפונען אין אירע הענט און וועלכע איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער שונא ישראל. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די גרעפין האָט באַפוילן צו אַרעסטירן צען יידן, די שענסטע בעלי בתים אין שטעטל. מען האָט זיי געפּייניקט מיט די שרעקלעכסטע עינויים, אַז זיי זאָלן זיך „מודה״ זיין, אָדער זאָלן אַרויסגעבן ווער די מערדער זענען... ווען זיי האָבן זיך נישט מודה געווען, האָט די גרעפין אַרויסגעגעבן אַ גזר־דין: מ׳זאָל די צען יידן לעבעדיקערהייט פאַרברענען. זי האָט אָבער געגעבן אַ מעגלעכקייט די פאַרמשפּטע אויסצולייזן זייער „זינד״: „זיי זאָלן זיך שמדן און ווערן גוטע קריסטן״... פאַרשטייט זיך, אַז די אומגליקלעכע יידן האָבן מיט שפּאָט אָפּגעוואָרפן דעם „איידעלן״ פאָרשלאָג.

**
*

ביי דער ווייסל, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער נידער, באַרג־אַראָפּ פון שטאָט, האָט געברענט אַ גרויס פייער. און אַ גרויסע מאַסע גוים איז דאָרט געווען פאַרזאַמלט. די צען פאַרמשפּטע יידן, האָט מען אַריינגעלייגט אין הילצערנע פעסער, פאַרקלאַפּט די פעסער מיט טשוועקעס און זיי געקאָלערט ביז צו דער ווייסל — גלייך אין פייער אַריין. ביי דער שרעקלעכער עקזעקוציע איז אָנוועזנד געווען די גרעפין אַליין און האָט געשעפּט נחת פון איר „הייליקער אַרבעט״...

**
*

ווען עס איז שוין געוואָרן אַש פון די הייליקע יידישע קערפּערס, האָט די גרעפין גענומען אַ פולן הויפן אַש און עס געוואָרפן אויף דער ווייסל, פּונקט האָט געבלאָזן אַ ווינט אויף צוריק, און דאָס אַש איז איר אַריין אין די אויגן און זי האָט אָנגעהויבן שרעקלעך שרייען אַז „יאַנקילי״, „סרוליק״, „מאָשקו״ (נעמען פון די פאַרברענטע יידן) רייסן פון איר לעבעדיקע שטיקער...

ווען די אַלע פאַרזאַמלטע גוים האָבן דאָס דערהערט,

האָבן זיי גענומען לויפן מיט גרויס פּחד, ווער צו פוס און אויך די וואָס זענען געקומען מיט פערד און וואָגן. עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. די פערד האָבן זיך צעווילדעוועט און צעשמעטערט די וועגענער. ביי דער זייט זענען געווען טיפע קאַלך־גריבער, אין וועלכע מען האָט געלאָשן קאַלך. זענען אַ סך פון מאַסע מענטשן דאָרט אַריינגעפאַלן און עס זענען געווען צווישן זיי אַ סך הרוגים.

אַזוי זענען אומגעקומען די צען „קדושים" פון קהילת טאַרנאָבזשעג.

**

אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער „דערמאָרדעטער" שיגעץ צוריק געקומען צו זיינע עלטערן. ער האָט דערציילט אַז וואַרטנדיק אַזוי פאַר דער שול ביז די יידן וועלן ענדיקן זייער דאַוונען, איז אַדורכגעפאָרן אַ וואָגן מיט ציגיינער. ער איז אַרויף אויפן וואָגן און די ציגיינער האָבן אים מיטגענומען.

דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די אומשולד פון די אומ־גליקלעכע יידן. אַ חרטה־געפיל האָט באַהערשט די גויים און אויך די גראַפין, וועלכע איז געווען בלינד און געליטן גרויסע יסורים, אָבער עס איז שוין לייִדער געווען צו שפּעט... די גראַפין, וואָס האָט זיך געוואָלט „אויסקויפן" פון איר זינד, האָט געוואָלט געבן געלט די אלמנות, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון איר „אויסקויף־געלט", דעמאָלט האָט זי באַפוילן, אַז פונעם גראַפס הויף זאָל מען יעדעס יאָר געבן דער יידישער קהילה „מעות חיטין" צו צעטיילן פאַר די אָרעמע יידן אויף פסח און אויך האָלץ אויפן ווינטער זאָל געגעבן ווערן פאַר די אָרעמע יידן פון שטאָט. זי האָט דאָס באַפוילן אַלס „צוואה" פאַר אַלע דורות.

עטלעכע דורות האָבן די גראַפן טאַרנאָווסקי אָפּגעהיט די „צוואה" און געטיילט „מעות חיטין" און האָלץ פאַר די אָרעמע יידן אין טאַרנאָבזשעג.

**

אין דעם שטאַרק־פראָסטיקן ווינטער, וואָס האָט געהערשט אין פוילן אין יאָר 1928, האָט דער גראַף זדזיסלאַוו טאַרנאָווסקי אויפגעהערט צו האַלטן די צוואה פון זיין „איידעלער" באָבע: ער האָט מער נישט געטיילט קיין האָלץ פאַר די יידישע אָרעמעלייט, חנוכה־צייט, דאָס איז אין צייט פאַר די „חגאות", ווען ער האָט געטיילט האָלץ פאַר די אָרעמע פּאַליאַקן.

טאַקע אין דער זעלבער צייט, נאָנט פאַר די „ווייַ־נאַכטן" („חג־המולד") אין מיטן דער נאַכט, אין וועלכער עס האָט געהערשט אַ שטאַרקער פראָסט אין דרויסן און אַ טיפער שניי — האָט דאָס שטעטל אויפגעציטערט פון אַ פייערלעשער־סירענע. יעדער איז אַרויסגעלאָפן זען ווי עס ברענט. באַלד האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דעם גראַפס שלאָס ברענט... הונדערטער מענטשן, גויים און להבדיל יידן, זענען געלאָפן אַהין אין שלאָס אויסנוצן די געלעגנהייט צו זען דעם שלאָס, אין וועלכן נישט יעדער האָט דאָרט געקאָנט אַריינקומען. אויך איך בין געלאָפן אַהין און גלייך אַריין אינעם ברענענדיקן שלאָס. אַריינקומענדיק אין די צימערן בין איך געוואָרן פאַרבלענדט פון דעם בלאַסק און רייכטום, וואָס מיינע אויגן האָבן דערזען. באַלד אָבער האָב איך זיך דערמאָנט אַז עס ברענט און געוואָלט אַרויסלויפן, איך האָב אָבער ניט געפונען קיין טיר... די ווענט זענען געווען באַדעקט אינגאַנצן מיט שפּיגל. איך האָב גענומען שרייען. פלוצעם האָט זיך געעפנט אַ טיר און עס איז אַריינגע־קומען אַ גויה, וועלכע האָט געטראָגן אַ גאַנצן שטויס ביכער. זי גיט מיר די ביכער, געוויזן דעם וועג אויף אַרויס און געזאָגט: „נעם דאָס אַרויס, איך גיי אַרויסראַטעווען נאָך ביכער".

אַז איך בין נאָר אַרויס, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן קראַך, און באַלד שטאַרקע ווילדע געשרייען: דער סופיט האָט זיך אָפּגעריסן און פאַרדעקט הינטער זיך, די אַלע וואָס זענען דאָרט געווען.. עס זענען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן 10 גויים. קיין איין ייד האָט נישט געליטן, כאָטש אַ סך יידן זענען דאָרט פריער געווען, האָבן זיי אַלע באַוויזן אַרויסצוגיין נאָך איידער דאָס אומגליק איז געשען.

איין ייד, וועלכער געפינט זיך היינט אין ישראל, ה׳ מיכאל גרין (אַ היטל־מאַכער), וועלכער איז אויך געווען דאָרט אינווייניק און נישט געקענט אַרויס, זעענדיק די סכנה, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם צווייטן שטאָק דורכן פענצטער. ער איז אַריינגעפאַלן אינעם טיפן שניי און האָט זיך אַ ביסל צעקלאַפּט, אַ פּאָר טאָג איז ער געלעגן אין שפּיטאָל און איז אַהיימגעקומען גאַנץ און געזונט. דאָס האָט מען דעמאָלט באַ־טראַכט אַלס נס מן השמים.

דער גראַף, וועלכער האָט געראַד, מיט זיין פאַמיליע געווילט אין אויסלאַנד, דערהערנדיק די שרעקלעכע בשורה, איז גלייך אַהיים געקומען. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער מאַסן־לוויה פון די אומגעקומענע, ער האָט צוגעזאָגט צו זאָרגן פאַר די אלמנות פון די אומגעקומענע.

אָבער, דער עיקר, ,האָט ער געזען און אנערקענט, אַז דער אומגליק איז אויף אים געקומען אַלס עונש מן השמים, וואָס ער האָט מבטל געמאַכט די „צוואה" פון זיינע אָבות. ער האָט טאַקע באַלד פאַרראַכטן, און נאָך אין דער זעלבער וואָך, געטיילט דאָס האָלץ צו די אָרעמע יידן.

**

דעמאָלט האָבן אַלע געזען די נסים וואָס זענען געשען די יידן און די באַצאָלונג פאַר דעם אומשולדיקן בלוט פון די „קדושים".

צום באַדויערן האָבן מיר נישט זוכה געווען צו זען אַזעלכע נסים אין די שרעקלעכע טעג, ווען עס האָבן געווילדעוועט די היטלעריסטישע רוצחים און אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, די „קדושים" פון די לעצטע וועלט־מלחמה, צווישן זיי אויך פיל יידן פון אונדזער שטעטל דזשיקאָוו. השם ינקום דמם!

יעקב פליישער

„די רולקיס”

דאָס פּירטל, וואָס איז געווען באַוווּסט אין שטעטל אונטערן נאָמען „רולקין” (פון פּוילישן וואָרט Rola — פעלד) איז געווען דאָס אָרעמע פירטל אין וועלכן עס האָבן געוווינט ס׳רוב אָרעמעלייט, האָרעפּאַשניקעס, מלמדים און ...אלמנות (בעיקר אַלטע), די רוב איינוווינער פון די „רולקיס” זענען אויך געווען על פּי רוב די אָרעמעלייט פונעם שטעטל...

מיטן ערשטן בליק אויף דער אויסערלעכקייט פון דער דאָזיקער געגנט, האָט מען באַלד געקענט טרעפן צו וועלכער „קלאַס” עס געהערן אירע איינוווינער: די געסלעך — שמאָלע, פאַרקרומטע, אָפּגעלאָזענע. אַלע הייזלעך — הילצערנע, נידעריקע, צעבראָכענע. איניקע פון זיי — אַזוי האָט זיך געדאַכט — האַלטן ביים איינפאַלן. געשטאַנען זענען זיי אין ענגשאַפט, ווי איינער וואָלט געלעגן, אָדער געווען אָנגעלענט, אויפן צווייטן. די קליינע פענצטערלעך — פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט דאָס אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט — זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכט, פאַרפעסטיקט מיט טשוועקעס, אַפילו אין זומער, אויס מורא, אַז דער ווינט זאָל זיי נישט אַרויסרייסן און זיי וועלן דאַן אַרויפפאַלן אויף די באַרוועסע קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד אָדער אין דער בלאָטע הינטער די פענצטער...

**
*

ווי עס ווייזט אויס פון די היסטאָרישע דאָקומענטן, זענען די „רולקיס” געווען פון די ערשטע גאַסן ביים גרינדן די שטאָט, אַפילו נאָך איידער עס איז געבויט געוואָרן דער „מאַרק” און די גאַסן אַרום אים. אַזוי לייענען מיר אין די אָפיציעלע אַמטלעכע ציַיטונג, אַרויסגעגעבן פון סטאַראָסטווע און שול־ראַט פון קרייז טאַרנאָבזשעג, (נומער 8) פונעם 15־טן יולי 1908, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט די גרינדונג פון דער שטאָט און איר אַנטוויקלונג במשך פון העכער 300 יאָר, געשריבן דורך זיגמונד קאָלאַשינסקי א. נ. „פון דער פאַרגאַנגענהייט פון פּאָוויאַט”. דער שרייבער ווידמעט דאָרט עטלעכע שורות אויף דעם פירטל וואָס האָט געהייסן „רולקיס”. ער שרייבט:

„פון דער זייט פון מיעכאָטשין האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ פאַרשטאָט (Przedmieście) וואָס אויפן נאָמען פון די פעלדער („רולקי” פונעם נאָמען „ראָלאַ” Rola פעלד) האָט עס זיך גערופן „רולקיס”. דאָס מיעכאָטשינער וועלדל האָט „אָפּגעגרענעצט” (האָט זיך געגרענעצט) מיט דער פאַרשטאָט”.

עס קומט דעריבער אויס, אַז דאָס פירטל — אָדער ווי עס ווערט אָנגערופן אין דעם אויבנדערמאָנטן דאָקומענט: „פאַרשטאָט” (Przedmieście) „רולקיס” „האָט זיך פאַרמירט” באַלד ביים אַנטשטיין פון דער שטאָט אָדער גאָר נאָך פריער. כאָטש דער דאָזיקער שרייבער באַציט זיך נישט אויף דעם יידישן טייל „רולקיס” — וואָס האָט זיך טאַקע געגרענעצט מיט די „גוישע רולקעס” — האָט עס זיך אָבער פאַרנייגט אויף צפון צו דער יידישער שטאָט — דאָך, דער נאָמען „רולקיס” וואָס איז געבליבן אויך אויפן יידישן טייל, זאָגט עדות, אַז דאָס איז געווען פון די ערשטע, ביים גרינדן פון דער שטאָט.

נאָר אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט: „הכל תלוי במזל”. און ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דאָרט באַלד לכתחילה באַזעצט דער אָרעמער טייל און די „נידעריקערע” שיכטן, ווי: אַרבעטער, דאָרפסגייער און סתם אָרעמעלייט. ווייל אין דער זעלבער צייט וואָס די גבירים האָבן געבויט דעם מאַרק און דער מיטלשטאַנד די גאַסן אַרום דעם מאַרק; און אין דער צייט וואָס דער מאַרק איז באַלד געוואָרן — אַ דאַנק די געשעפטן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און אַ דאַנק דעם „יריד” וואָס האָט זיך דאָרט געשטעלט — דער האַנדלס־צענטער, עס זענען געבויט געוואָרן שיינע הייזער, לויט אַ פּלאַן און ער האָט זיך שנעל אַנטוויקלט. אויך די אַרומיקע גאַסן, ווי עס האָבן זיך באַזעצט די צוגערייזטע נייע פאַרמעגלעכע יידן, האָבן זיך פאַרגרעסערט און פאַרשפּרייט אויף מזרח, דרום און צפון, און אַפילו מעריב, פון דער זייט צו דער „ווייסל” — האָבן זיך די „רולקיס” אַנטוויקלט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: עס זענען צוגעקומען אָרעמע לייט, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די הייזקעס אָן אַ פּלאַן פון אַלט און געמיינעם בוי־מאַטעריאַל, ווייל דער הויפּט־ציל זייערער איז געווען: „האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ”.

אַפילו אויך נאָך דער „ערשטער שריפה” און נאָך דער „צווייטער שריפה” (דאַטעס, וואָס זענען במשך דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס „היסטאָרישע”, פון וועלכע אַ סך האָבן גערעכנט די אַלע אַנדערע געשעענישן אין שטאָט) וואָס פון דעמאָלט רעכנט זיך שוין דאָס „נייע טאַרנאָבזשעג”: מ׳האָט שוין אָנגעהויבן בויען גרויסע הייזער און אין מאַרק, — נאָר געמויערט, פון ציגל, אַפילו שטאָקיקע געביידעס, מיט שיינע געשעפטן און די שטאָט האָט זיך פון דעמאָלט אָן בכלל שיין אַנטוויקלט — זענען די „רולקיס” — וואָס זענען אויך אָפּגעברענט געוואָרן אין דער „גרויסער שריפה” — ווידער געבויט געוואָרן לויטן זעלבן אַלטן סטיל: די זעלבע נידעריקע, הילצערנע הייזקעס, אָן אַ פּלאַן און אָן אַן אָרדענונג, ענג און שמאָל. גענומען האָט עס זיך דערפון, וואָס אויך די סיבה האָט זיך נישט געענדערט: די בויער פון דעם דאָזיקן פירטל זענען פאַרבליבן די זעלבע אָרעמעלייט אָן די געהעריקע געלט־מיטלען, וואָס האָבן נאָך געזוכט „אַ דאַך איבערן קאָפּ”...

עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס די „הייזער” האָבן לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן און נאָך עטלעכע יאָר זענען די פונדאַמענטן (וואָס זענען אויך געווען פון האָלץ, און נישט פון ציגל) געוואָרן אונטערגעפוילט, די הייזקעס האָבן זיך „געזעצט” און געוואָרן נאָך נידעריקער. און כאָטש

דאָס דאַזיקע פּירטל האָט זיך געפונען אין „הארץ פון דער שטאָט", עטלעכע צענדליק מעטער פונעם אמתן צענטער: די שול, דאָס בית־המדרש און די מקווה — האָט עס זיך נישט אַנטוויקלט און עס האָט נישט געענדערט זיין אָריגינעלן אויסזען — ביז נאָנט צום חורבן.

נישט נאָר דער אויסערלעכער אויסזען פון די הייזער איז געווען אַזוי נעבעכדיק, נאָר אויך דער סאַניטאַרער און היגיענע־מצב איז געווען אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. און די שמאָלע געסעלעך — און אַפילו אין דער „הויפּט־גאַס" פון די „רולקיס", איז נישט געווען קיין ברוקיר־טער, שטיינערנער שאָסיי. אַפילו קיין שוטער איז נישט געווען פאַרשפּרייט. פאַרשטייט זיך, אַז פון קיין טראָטואַר האָט מען אַפילו נישט געקענט חלומען, עס איז פּשוט קיין אָרט נישט געווען פאַר דעם. אַלץ איז דעריבער דאָרט געווען אויסגעמישט: דער וועג פאַר די פוס־גייער, דער „שפּאַציר" און די קאָמוני־קאַציע, אַלץ איז געווען צוזאַמען און מיטאַמאָל: די פערלעך, די בהמות פון די גוישע שכנים (וואָס זענען געגאַנגען אויף דער לאַנקע זיך „פּאַשען") די חזירים, די הינט און — להבדיל — דערוואַקסענע מענטשן און קינדער. אַלץ האָט „גע־טאָפּטשעט" אויפן דאַזיקן „שאָסיי", וואָס די בלאָטעס האָבן דאָרט דערגרייכט, גאַנצע דריי פערטל פונעם יאָר, ביז דער קני... די סכנה איז געווען גרויס, באַזונדערס אין יריד־טאָג, פאַר די קינדער. אָבער די שטאָט־טאַטעס האָט דאָס נישט געאַרט... (זיי זענען דאָרט קיין מאָל נישט געקומען — אויסער פאַר די וואַלן צו דער „גמינע")...

אין הערבסט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס, האָט מען געקענט „דערטרינקען" ווערן אין די געדיכטע בלאָטעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַזוי בשפע פאַרשפּרייט... און אַז עס האָט אָנגעהויבן פאַלן דער ערשטער שניי, וואָס האָט בלויז אויבערפלעכלעך פאַרדעקט די בלאָטעס, און דערנאָך, אַז די ערשטע פרעסטלעך האָבן דאָס אַ ביסל צוגעפרוירן, איז געווען אַ סכנה צו גיין אויף דער דאַזיקער געדעכטער, גליטשיקער מאַסע, מען זאָל זיך נישט אויסגליטשן און ברעכן דעם קאַרק... ערשט אינעם טיפן ווינטער, ווען די שנייען האָבן באַדעקט מיט אַ גראָבער שיכט די בלאָטעס און די גרויסע פרעסט האָבן דאָס גוט פאַרפרוירן, איז ערשט געוואָרן „אַ גוטער שאָסיי" צום גיין. און ווען עס איז געקומען דער ליבער פרילינג, די שנייען האָבן גענומען טייען און דאָס וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט פון די דעכער און פון די גאַסן, האָט זיך געזוכט אַן אויסוועג, און נישט געפונען — זענען די „רולקיס" פּשוט „פאַרפלייצט" געוואָרן און מען האָט דאָרט געקענט „שווימען"... אַזוי האָט עס געהאַלטן ביזן זומער. ערשט אין מיטן זומער האָט די גליענדיקע זון אויסגעטרוקנט די בלאָטעס ביז ...הערבסט. דעמאָלט ערשט אין דער קורצער זומער־צייט, האָבן די „רולקיס"־איינוווינער אַ ביסל אויפגעלעבט און די קינדער האָבן דעמאָלט אַ דאָפּלטע הנאה געהאַט: פון דער וואַרעמדיקער זון, און פון דער טריקעניש.

⁂

אין דאַזיקן מאַנאָטאָנעם און צוריקגעשטאַנענעם לעבן פון די „רולקיס"־איינוווינער, איז אויך — אין איין תקופה פון יאָר — אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג און אַן אויפלעבונג: דאָס איז געווען ווען עס זענען געקומען די פאַר־פּסח וואָכן. די צוגרייטונגען צום פּסח, האָבן אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן און עס האָט אויסגעזען, ווי די דאַזיקע מענטשן וואָלטן איצט, נאָכן שווערן „אָפּגעשטאָרבענעם" ווינטער אויפגעשטאַ־נען תחיית המתים... און וואָס מער עס האָבן זיך דערנענטערט די יום־טוב־טעג, אַלץ מער האָט מען געפילט און דערקענט דעם „ריח" פון פּסח: די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט ברען, אינטענסיוו און מיט לעבעדיקייט.

באַלד נאָך פּורים האָט זיך אָנגעהויבן דער „קאַלך־סעזאָן". די דירות זענען געקאַלכט געוואָרן אויף פּסח, און פּשוט, דערפאַר, ווייל דער קאַלך פון פאַר אַ יאָרן איז שוין לאַנג געווען אָפּגעשיילט און ס'איז שוין פון אים קיין זכר נישט פאַרבליבן... די אָרעמע, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו צאָלן אַ קאַלכער, האָבן געקאַלכט אַליין, בעיקר האָבן דאָס געמאַכט די באַלעבאָסטעס. נאָר די „רייכערע", וועלכע האָבן זיך יאָ געקאָנט דערלויבן אויף צו באַצאָלן, (אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין נישט געקענט קאַלכן, צוליב פאַרשידענע סיבות) האָבן צוגענומען אַ קאַלכער.

צוויי יידישע קאַלכער זענען געווען אין שטאָט — עס זענען געווען נאָך גוטע מאַלער אויך — איינער ר' לייביש זאַלצמאַן — וועלכער האָט אַליין געוווינט אויף די רולקיס, און אַ צווייטער — וואָס האָט געוווינט אין צענטער פון שטאָט. ביידע זענען נישט געווען קיין גרויסע גבירים און אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי זיך געמוזט זוכן פאַרשידענע באַ־שעפטיקונגען, אַרויסצוציען בדוחק פּרנסה. דאַקעגן פון נאָך פּורים, ביז ערב פּסח ממש, איז געווען אַרבעט „איבערן קאָפּ". געאַרבעט האָבן זיי ביי טאָג און ביינאַכט, נישט געגעסן און כמעט נישט געשלאָפן — דאָך האָבן זיי נישט געקענט געבן אויספירן אַלע באַשטעלונגען. ווייל בלויז די „רולקיס" אַליין, האָבן אין דעם סעזאָן געקענט צושטעלן פולע באַשעפטי־קונג פאַר ביידע בעלי־מלאכות. היינט זשע ווו זענען די אַנדערע שטאָט־טיילן, וואָס האָבן אויך געקאַלכט אויף פּסח? האָט טאַקע געטראָפן, אַז דער קאַלכער האָט אָנגעהויבן „שמירן" פאַרטאָג אין איין דירה און פּלוצעם איז ער נעלם געוואָרן אויף עטלעכע שעה. ער איז דערווייל געלאָפן צו אַ צווייטער באַלעבאָסטע און פון דאָרט צו אַ דריטער — אויך נאָר „איינגעזייפט", ווי מען האָט דאָס גערופן, ווייל ער האָט אויך זיי צוגעזאָגט צו קומען אין זעלבן טאָג און אויך אין די זעלבע שעה... ערשט פאַרנאַכט איז ער צוריקגעקומען צו דער ערשטער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט שיעור נישט „גע־פּלאַצט" פאַר אויפרעגונג. אַ קלייניקייט? אַלע „בעבעכעס" אין דרויסן, און מ'קען גאָרנישט אָנהויבן טון?... תחילת האָט זי געמיינט אַז ער איז אַוועק עסן, נאָר זעענדיק אַז ער קומט נישט צוריק, האָט זי פאַרשטאַנען דעם „טריק" אַז זי איז נעבעך אַריינגעפאַלן...

דאָס קאַלכן אין די שטיבער פון די „רולקיס", דאַרף מען וויסן, איז נישט געווען אַזוי לייכט. ראשית, אַזוי ווי די ווענט זענען נישט געווען געשאַבריוועט פון אינווייניק, נאָר פאַר־שמירט מיט ליים און אויף דעם ליים איז געקומען דער קאַלך, און אַזוי ווי די קאַלכער האָבן נישט פיל אַכט געגעבן

— צוליב מאַנגל אין צייט — אַז די אַרבעט זאָל זיין פון ערשטן סאָרט (און אויך דאָס מאַטעריאַל...), האָט דעריבער גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז דער קאַלך האָט זיך אָנגעהויבן שיילן, נאָך איידער דער קאַלכער האָט „געדאַנזשעט" צו נעמען באַצאָלט... דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַמפּעריי מיטן בעל־מלאכה, וועלכער איז טיילמאָל דערגאַנגען ביז צו די הויכע טענער, וואָס ווען האָט געהערט אין די גאַנצע גאַס.

צווייטנס: דאָס אויסרוימען די שטיבער, איז אויך נישט געווען אַזוי פשוט און לייכט. מען האָט דאָך געמוזט אַרויסנעמען אַלץ: דאָס „מעבל", די כלים און אַלע „שמאַטעס". צוליב דעם האָט מען געמוזט אויפשטיין פאַרטאָגס ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן „שאַרען" אויפן טאָג, ווייל ביז מען האָט בלויז צענומען די בעטן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן „בדרך נס", (אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געווען פאַרפעסטיקט מיט טשוועקעס פון פחד זיי זאָלן זיך נישט צושיטן...) — דאָס איז נישט געווען קיין לייכט שטיקל אַרבעט... און ווו זענען די רעשט „שמאַטעס" וועלכע זענען אַ גאַנץ יאָר געווען באַהאַלטן אונטערן בעט אָדער אויפן „פּיעקאַליק"? האָט עס דעריבער באַדאַרפן אַביסל דויערן...

און אַזוי ווי דער קאַלכער, ווי דערמאָנט, האָט מבטיח געווען עטלעכע באַלעבאַטים צו קומען אין דעם זעלבן טאָג (און אין די זעלבע שעה..) — האָבן עטלעכע באַלעבאָסטעס מיטאַמאָל אַרויסגענומען אַלע זאַכן אין דרויסן באַלד פאַרטאָגס.

אויב דאָס אויסרוימען די שטוב איז געווען אַזוי שווער און עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג־היינט־זשע קען מען פאַרשטיין, וואָס עס האָט זיך געטון ביים אַריינגעמען צוריק די זאַכן? קודם כל האָט יעדער „שטיקל" — פון גרויס ביז קליין — געמוזט אַדורכגיין אַ גרונטלעכע „קאָנטראָל" און אַ גרונטלעכע רייניקונג. שנית, דאָס צוזאַמענשטעלן צוריק יעדער זאַך אויף זיין אָרט (וואָס דאָרט האָט עס שוין באַדאַרפן בלייבן אַ גאַנץ יאָר — ביזן צוקונפטיקן קאַלכן...) און באַזונדערס די בעטן („אוי די דאָזיקע בעטן, ווי וואָלט מען זיי שוין באַדאַרפן בייטן, אָבער ווער האָט אַזוי פיל געלט דערויף" — דעם פזמון האָט מען געקענט הערן יעדעס יאָר, אָבער אַלץ איז געבליבן ווי פאַראַיאָר...) — דאָס האָט פאַרנומען פיל צייט, אַמאָל — אַפילו עטלעכע טעג...

מען האָט דעריבער געקענט זעען אין די „קאַלך־טעג" אָט אַזאַ בילד: ביי יעדן הייזל זענען געווען אָנגעלייגט קוטשעס מיט פאַרשידענע זאַכן: דאָס גאַנצע „פאַרמעג" פון די באַלעבאָסטע. דערנעבן זענען געשטאַנען די באַלעבאָסטע מיט די טעכטער — גרויסע און קליינע — פאַרטון ביז איבערן קאָפּ מיט וואַשן און רייניקן. און אַזוי ווי קיין וואַסער האָט דאָרט נישט געפעלט (די איינציקע זאַך וואָס איז געווען בשפע...) און מ'האָט דאָס נישט באַדאָרפן שפּאָרן — האָט דאָס וואַסער —וואָס האָט געשטראָמט פונעם רייניקן — זיך אויסגעמישט מיטן וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט פונעם טייענדיקן שניי, וועלכעס האָט שוין דערוויל „אויספּעיעט" צו מאַכן אַ געדיכטע בלאָטע, און געשאַפן די אמתע בלאָטע און וואַסער קאַלוזשעס...

ווי געזאָגט, זענען די הויפּט־שוועריקייטן געקומען פון די בעטן, אָבער דאָס איז נאָכנישט געווען אַלץ. אין די בעטן דאַרף מען, ווי באַוווסט עפּעס אַריינלייגן, אַז עס זאָל זיין אויף וואָס צו שלאָפן ווי למשל אַ „שעניק". נו, דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע שוועריקייטן: די, וועלכע האָבן געקענט זיך דערלויבן דעם „לוקסוס", האָבן געהאַט שעניקעס צוזאַמענגענייט פון זעק... וועלכע מ'האָט אָנגעפילט מיט שטרוי. דאָס אָנפילן מיט שטרוי האָט מען באַדאַרפן קענען; נישט יעדער האָט געקענט אַריינשטופּן דאָס שטרוי גלייך און פאַרשפּרייטן עס זאָלן נישט זיין קיין „גריבעס און בערגער"... פאַרשטייט זיך אַז אָנפילן אַזאַ שעניק האָט אויך פאַרנומען צייט... דאָס האָט מען, געוויינלעך, נישט געקענט גלייך מאַכן אינעם טאָג פון קאַלכן, איז מען דעריבער געשלאָפן אויף דער „פּאַדלאָגע" עטלעכע נעכט, און ווען אַפילו דער שעניק איז שוין געווען פאַרטיק, איז שוין געווען אַ שאָד אים צו „באַנייען" פאַר פסח, איז מען שוין בעסער געשלאָפן נאָך עטלעכע נעכט אויף דער „פּאָדלאָגע" ביז ערב פסח, כדי צו האָבן אַ הנאה פון יום־טוב מיט אַ „ניי" געלעגער...

דאָס פאַראַיאָריקע שטרוי, וועלכעס איז שוין געווען גוט צעריבן, האָט מען געוועגלעך אויסגעשיט אויף דער גאַס און דער ווינט האָט שוין „געזאָרגט" צו פאַרשפּרייטן עס אויף אַלע „פיר עקן וועלט..."

אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געקענט צוקומען אַפילו צו אַזאַ שעניק, וואָס האָבן זיי געטון? זיי האָבן פּשוט אויסגעשפּרייט אַ בינטל שטרוי אינעם בעט אויף די בלויזע ברעטער... און אַז מען האָט באַדאָרפן קאַלעכן, האָט מען דאָס אַלטע שטרוי — וועלכעס האָט שוין קיין פּנים נישט געהאַט פון שטרוי, נאָר ווי צעמאָלענע שעצקע — אויסגעשיט מיטן איבערדרייען דאָס בעט... אויך מיט דעם אַריינלייגן ניי שטרוי האָבן זיי שוין געוואַרט ביז נאָענט צו פסח...

ווען עס איז געקומען פאַר פסח האָבן שוין די פּויערים פון דער אומגעגנט געוווּסט צו ברענגען שטרוי אין שטאָט, צו באַזאָרגן די „רולקיס" מיט „גוטע געלעגערס"...

אין די לעצטע יאָרן האָט מען זיך שוין אויף די „רולקיס" געוויצלט — אַ זאַך וואָס האָט געוויזן אויף „פּאָרשריט" פון די איינוווינער — אַז „פאַרצייטנס", נאָכדעם ווי די באַלעבאָסטעס האָבן שוין געהאַט גוט אָנגעשווענקט די „פּאָדלאָגע", האָבן זיי פאַרשפּרייט „געל זאַמד" אויף איר, אַז זי זאָל נישט ווערן פאַרשמירט ביז יום טוב... אויך איז מען שוין נישט געזעסן אויף די בענק, וועלכע זענען שוין געווען „יום־טובדיק", נאָר מען האָט איבערגעקערט אַ „וויאַדרע" (עמער) און געזעסן אויף דער דנאָ... (ווייזט אויס, אַז אַ געוויסער אמת איז געווען אין דעם ווערטל, ווייל איך אַליין געדענק נאָך, אַז אין אַ טייל אָרימערע שטיבער האָט מען נאָך פאַרשפּרייט „געל זאַמד" אויף דער „פּאָדלאָגע").

אַז עס איז געקומען פאַר פסח האָט מען אין אַלגעמיין דערקענט אין שטעטל אַז דער יום־טוב פון חירות קומט אָן, די לופט האָט פּשוט „געשמעקט" מיטן פסח. אין אַלע גאַסן, אַפילו אין מאַרק (אונטער די הייזער, אָדער אין

די „הייף״) האָט מען געקענט זען ווי די באַלעבאָסטעס, אָדער די דינסטן, רייניקן, שאַרען, קראַצן, כשרן א.אַ.וו. די כלים און אַלע זאַכן. (ס׳איז באַוווּסט דאָס וואָרט, וואָס מען זאָגט נאָך פון רבין ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו זצ״ל, דער „יודישער פאַרטיידיקער״, ווי מען האָט אים גערופן, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַר פסח די גאַסן און געזען די יידישע ווייבער אַרבעטן אַזוי שווער ביים רייניקן אַלץ אויף פסח, האָט ער געזאָגט: „יהי רצון שיעלו אלה המלאכים היוצאים מ׳,קשר׳ק„: קראַצן, שאַרען, רייבן, קאַשערן — לפני כסא כבודך וימליצו טוב בעדנו — פון דעם „יהי רצון״ וואָס מ׳זאָגט ראש השנה פאַר תקיעת שופר, וואָס דאָרט זענען די ראשי תיבות קשר״ק: תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה...) — נאָר אַזאַ בילד ווי מען האָט געזען אויף די „רולקיס״, איז שווער געווען צו געפינען אַן ענלעכקייט: די שמאָלע געסלעך זענען געווען פאַרלייגט פוז אַלע מינים אָביעקטן: מעבל, כלים, „שמאַטעס״, מיט איין וואָרט: דאָס גאַנצע „פאַרמעג״ פון אַלע שטיבער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס, אַז עס איז שווער געווען אַדורכצוגיין... אויסער דעם, ווי געזאָגט, האָט זיך פון דעם וואַסער געשאַפן גאַנצע „טייכן״: וואַסער מיט בלאָטע וואָס אויף זיי האָבן יעצט „אַרומגעשווימען״: שטרוי, אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע כלים, שאַרבנס ,וואָס האָבן שוין מער נישט געקענט נוצן...

נאָר אַ וווּנדערלעכע זאַך: ווען עס איז געקומען ערב פסח, אין די מיטאָג־שעהן איז כמעט אַלץ פאַרשוווּנדן, און די „רולקיס״ האָבן באַקומען אַן אַנדער אויסזען: אַ יום־טובדיקן אויסזען... ערב פסח אין דער פרי האָט מען נאָך געקענט זען ווי אַלע באַלעבאָסטעס, מיט די מענער אין איינעם, זענען געווען פאַרפאָרעט ביים כשרן און גליען די כלים. מיטאָג־צייט האָבן זיך די אַלע אויסערלעכע שוואַרצע אַרבעטן געענדיקט און זענען איבערגעגאַנגען אין די שטיבער, אין דער קוך: צוצוגרייטן די געקעכצער צום סדר־נאַכט. (ווי אַזוי עס איז אָנגעקומען ביז זיי האָבן „אַריינגעברענגט״ דעם פסח — דאָס איז אַ באַזונדערע פרשה...)

פאַרנאַכט זענען אויך די קינדער פון די „רולקיס״ אַרויסגעגאַנגען ריין אָנגעוואַשן, אויסגעפוצט (אפשר איין מאָל אין יאָר...) מיט נייע אָנצוגלעך, אין נייע קליידלעך (אָדער זיי זענען געווען „איבערגעניצעוועט״ און „איבערגענייט״ פון אַן אַמעריקאַנער פעקל...), נאָר די שמחה איז דאָך געווען גרויס.

***

דאָס דאָזיקע פאַראָרעמטע, פאַרלאָזטע פירטל — טראָץ דער אָרעמקייט וואָס האָט דאָרטן געהערשט בשפע — איז אָבער אויך פון אים אַרויסגעגאַנגען דאָס רוב תורה פאַר דעם רוב שטעטישע קינדער. דאָרטן האָבן, ווי שוין דערמאָנט, געוווינט דאָס רוב שטעטישע מלמדים, וואָס אויך זיי, האָבן, געוועגלעך, זיך נישט גערעכנט צווישן די גבירים פון שטעטל און האָבן זיך דעריבער — פונעם קלאַסן־שטאַנדפונקט — גוט אַריינגעפאַסט צווישן די אַנדערע איינוווינער פון דאָרט... אין מיין צייט האָבן נאָך דאָרט געוווינט פאָלגנדע מלמדים: ר׳ יומ׳טשה, ר׳ יוסל מיטן ברודער ר׳ חיים פישל און „אייזיקס איידעם״.

די מלמדים זענען על־פי־רוב געווען גרויסע משפחות און די דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסע שטוב (וואָס נאָר ביי איינעם אָדער צוויי איז די שטוב געווען אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל, וועלכעס האָט געהייסן דער „אַלקער״). אין דער זעלבער שטוב איז געשטאַנען די קיך מיטן באַק־אויוון און וואַרעם־אויוון אינעם ווינקל, וואָס האָט געהייסן „די קוך״. זיי, די מלמדים, האָבן געלעבט אַ לעבן פון דחקות, קיינמאָל איז קיין פרנסה נישט געווען אויף גענוג, און מאַנכעסמאָל איז זייער לאַגע געווען ערגער פון די „אָפענע״ אָרימעלייט, וועלכע האָבן באַקומען שטיצע פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אָדער פון סתם צדקה־געבער. אָבער זייער הייליקע אַרבעט האָבן זיי אַלעמאָל און אין אַלע באַדינגונגען, אויסגעפירט מיט נאמנות. (זע דעם מאמר: „אייזיקס איידעם״).

***

במשך פון אַ קורצער תקופה האָבן זיך געפונען אויף די רולקיס אַ „סאָרט״ איינוווינער, וועלכע מען קען אָנרופן „יוצאי־דופן״: דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה, ווען די יידישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן, מיט גרויס רעש און טאַראַראַם, צו ווירקן אויף דער יידישער גאַס אין פוילן, באַזונדערס די ציוניסטישע פּאַרטייען מיט זייערע יוגנט־גרופּעס. דאָס רוב יוגנט פון די פרייע ציוניסטישע פּאַרטייען ,זענען געקומען פון רעליגיעזע שטיבער, אפילו פון חסידישע שטיבער. זיי האָבן דעריבער נישט געוואַגט צו עפענען אַ פּאַרטיי־לאָקאַל, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט ייִנגלעך מיט מיידלעך, און פאַרברענגט צוזאַמען, — אינעם צענטער שטאָט, מוראַ־האָבנדיק פאַר די עלטערן און פאַר די חסידישע יידן, וואָס האָבן דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט ליידן, דעמאָלט האָבן זיי געפונען אַ פּאַסיק אָרט צו עפענען אַזאַ לאָקאַל: די „רולקיס״, וועלכע זענען געווען (פון קלאַסן־שטאַנדפונקט) „ווייט״ פונעם צענטער־שטאָט. נאָר אויך דאָרט אַהין האָט געטראָפן ר׳ יצחק הערש שוחט ז״ל, דער קנאי און תקיף, וועלכער האָט גאָרנישט געטראַכט, און זיך „אַריינגעריסן״ אין אַזאַ לאָקאַל, און דאָס דווקא אין דערמיט פון אַ פאָרשטעלונג, אָדער רעפעראַט, צי אין מיטן טאַנצן... און אַן אויפגערעגטער און אַ ציטערנדיקער אין גאַנצן, האָט ער געשריגן אויפן העכסטן קול: „שקצים! שיקסעס! אַרויס!!...

אַלץ איז זיך צעלאָפן שנעל, באַזונדערס די, וואָס האָבן מורא געהאַט ר׳ יצחק הערש זאָל זיי נישט זען און דערציילן פאַר די פאָטערס...

***

מיר וועלן זינדיקן צום אמת, אויב מיר וועלן פאָרשטעלן אַלע וואָס האָבן געוווינט אויף די רולקיס אין אַ נעגאַטיווע ליכט: אַלס נחותי דרגא, קבצנים א. ז. וו. מען דאַרף אויך זען די פּאָזיטיווע זייט און ווייזן,, אַז עס האָבן דאָרט אויך

געוווינט בכבודע יידן ,,אמת, נישט קיין גבירים, אָבער יידן וואָס האָבן געגעבן שיין צדקה און גמילות חסדים.. גענוג צו דערמאנען טאַקע דעם זעלבן ר׳ יצחק הערש שוחט, וועלכער האָט געוווינט אַ שיינע פּאָר יאָר אויף די „רולקיס", ביז ער האָט זיך געקויפט דאָס הויז אויף די מאַקשישאָווער גאַס. אויך ר׳ אליה שמש, אַ בכבודיקער ייד. ר׳ מאטי יוסט, וועלכער איז געווען אַ שיינער בכבודער בעל־בית (אַ זון פון ר׳ שמואל שוחט ז״ל), ר׳ מרדכי שולמאַן, וועלכער האָט געפירט אַ שיינעם וואַרשטאַט פון אבערטיילן מיט עטלעכע אַרבעטער. אויך ר׳ נח פליישער, אַ פיינער בכבודער ייד, אַ בעל־צדקה און אַ ירא שמים, ר׳ יאָסקע מילכיקער, און נאָך. (און צוגעבנדיק אין קלאַמערן: אויך האָט דאָרט געווינט די מוטער פון דעם שרייבער פון די שורות, די געערטע פון דער גאַנצער שטאָט, ברכהלע פליישער ע״ה, וועלכער איר צווייטער מאַן איז געווען טאַקע דער אויבנדערמאַנטער נח פליישער). אגב, איז ר׳ נח פליישער געשטאָרבן אין גלות־רוסלאַנד אין יאָר תש״ב אין דער שטאָט אופא (אוראַל) און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל, אויפן יידישן בית־קברות.

און טראָץ וואָס אין די גאַנצע שכונה האָט זיך נישט געפונען אַפילו קיין איין ,,אמתער גביר", האָט מען אין שטאָט געזאָגט, אַז אויף די „רולקיס" געפינען זיך מער דאָלאַרן ווי ביי די סוחרים אין מאַרק... (געמיינט האָט מען די אַלטע יידענעס, וועלכע האָבן באַקומען שטיצע פון אַמעריקע פון זייערע קינדער, אָדער קרובים), נאָר איך, וועלכער האָב געקענט אויך די דאָזיקע „עשירים", קען זאָגן עדות, אַז די שמועה איז געווען איבערגעטריבן. אָבער ס׳איז גענוג אַז אַזאַ שמועה איז אַרומגעגאַנגען.

**
*

אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן איז אויך אין די "רולקיס" אַריינגעטרעטן אַ שינוי צום גוטן, די „הויפּט־גאַס" איז אויסברוקירט געוואָרן מיט שטיינער, די הייזלעך זענען געפאַרבט געוואָרן מיט אייל פאַרב, אַלע איין קאָליר. אמת, אַז דאָס איז נישט געקומען פון אייגענער איניציאַטיוו און פונעם אייגענעם גוטן ווילן. דאָס איז גיכער געווען אַ רעזולטאַט פון אַ „גזירה" פון די פוילישע רעגירונג און באַזונדערס פונעם פּרעמיער־מיניסטער, (וועלכער איז אויך געווען אינערן־מיניסטער) מיט זיין טרויריק־באַרימטן „אָווּשעם", וועלנדיק „ריין־מאַכן" פוילן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע געבויטע הילצערנע הייזער דאַרפן ווערן געפאַרבט מיט אייל־פאַרב און זאָלן זיין איין קאָליר. ער האָט אויך שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז דער באַפעל זאָל ווערן אויסגעפירט. אַ דאַנק דעם, איז אויך געקומען די צייט אויף די הייזלעך פון די „רולקיס", וועלכע האָבן דעמאָלט באַקומען אַ לייטערישן אויסזען.

אָבער דער הויפּט־שינוי איז געווען צו באַמערקן ביי דער צווואַקסנדער יוגנט. די יוגנט האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס און מען האָט שוין אויך געקענט באַמערקן, ווי די מיידלעך פון די „רולקיס" גייען אויך פון דער יידישער ביבליאָטעק מיט אַ גראָבן בוך אונטערן אָרעם...

דאָך, נאָך דעם גאַנצן „פאָרשריט", האָט מען נאָך אַלץ דערקענט דעם קלאַסן־אונטערשיד צווישן די איינוווינער פון די „רולקיס", צו די אַנדערע שטאָט־טיילן.

**
*

אין דעם לעצטן הויז פון דער „הויפּט־גאַס" פון די רולקיס האָט שוין געוווינט אַ גוי. און פון דאָרט אָן העכער צו צפון און מזרח, האָבן זיך אָנגעהויבן די „גוישע רולקיס", ווו עס זענען געשטאַנען שיינע הייזער, אפילו ווילעס, וואָס האָבן געהאַט פאָלוואַרקן מיט פעלדער, און זענען, פאַרשטייט זיך, געווען גאַנץ אַנדערש פון די „יידישע רולקיס", און טאַקע אויף זיי באַציט זיך דער פוילישער שרייבער, וועלכן מיר האָבן דערמאָנט פון אָנהויב, ווען ער רעדט וועגן די „רולקיס".

יעקב פליישער

די שול און דאָס בית המדרש

דער צענטראַלער פונקט פונעם רעליגיעז־און־געזעלשאַפטלעך־יידישן לעבן אין שטעטל איז אָן צווייפל געווען די שול און דאָס בית המדרש. און דאָס נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען דאָס אָרט פון תפילה און תחנונים, וואָס האָבן פאַרנומען אַזאַ וויכטיק אָרט ביי יעדן ייד, נאָר אויך דערפאַר וואָס זיי זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פּולס און דער באַראָמעטער פונעם יידישן לעבן, וועלכעס האָט אַרומגענומען אַזוי גוט די געשעענישן פונעם פּריוואַטן און קהילה־לעבן, ווי אויך די אַלוועלטלעכע געשעענישן. אַלץ איז אַדורכגעשמועסט און קאָמענטירט געוואָרן אין בית המדרש. אַזוי אַרום זענען די שול און בית המדרש געווען די הויפּט־קוועלע פון נייעס און אינפאָרמאַציע פאַר דאָס רוב שטעטלדיקע יידן.

אין עברית־טייל געבן מיר איבער אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג איבער די שול און בית המדרש פון היסטאָרישן און רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. דאָ ווילן מיר נאָר איבערגעבן עטלעכע אינטערעסאַנטע היסטאָרישע פּרטים פון אויפבוי פון דער שול, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין אַ פּוילישן היסטאָרישן דאָקומענט. (דורכן פּוילישן היסטאָריקער סלאָמקאַ, וועלכער פאַררופט זיך אויף די דאָקומענטן פון פּשעמישלער קריסטלעך־רוימישן אַרכיוו.).

לויט דעם דערמאָנטן דאָקומענט, האָבן די יידן אין טאַרנאָבזשעג אָנגעהויבן בויען די שול אין יאָר 1718 (תע״ח). אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דער פאַקט וואָס עס גיט איבער דער פּוילישער דאָקומענט: די יידן אין דזשיקאָוו — שרייבט ער — צוטרעטנדיק בויען די שול, האָבן באַקומען אין אויבנדערמאָנטן יאָר, אַ הלוואה פון 1000 פלאָרין (דעמאָלטדיקע פּוילישע מטבע) פון... מיעכאָטשינער גלח אַנטאָני דעמבסקי, מיט דער הסכמה און האַפטונג פון גראַף טאַרנאָווסקי. „די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער קהילה זענען געווען (געחת׳מעט): לייב אהראָנאָוויטש, מאָשעק בערקאָוויטש און יוסף זינדעראָוויטש״.

ווייטער דערציילט דער פּוילישער מחבר:

„דעם 9.11.1741 (תק״א) האָט ווידער דער גלח סטאַניסלאָוו ליפּסקי געבאָרגט צום בויען די שול, מיט דער הסכמה און ערבות פון הראַביאַ טאַרנאָווסקי, אַ סכום פון 3000 פּוילישע זלאָטי, געחתמ׳עט האָבן די גבאים: פּנחס לעווקאָוויטש און וואָלף לעווקאָוויטש״. פון דעם סכום האָט די קהילה געצאָלט ציגזן.

דער אויבנדערמאָנטער פּוילישער דאָקומענט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„אַזוי אַרום איז דער אָנפאַנג פון בויען די שול, וועלכעס איז געווען אין יאָר 1718 ווי עס ווייזט אויס, ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען די צווייטע הלוואה, וועלכע איז באַשטאַנען נישט פון פּריוואַטע געלד פון די גלחים, נאָר פון געלד וועלכעס האָט געהערט דעם קלויסטער, וואָס איז געליען געוואָרן מיט דער הסכמה פון קראָקאווער בישאָף — איז דאָס בויען געענדיקט געוואָרן אין יאָר 1741 (תק״א)״.

קומט אויס, לויטן אויבנדערמאָנטן דאָקומענט, אַז די שול האָט זיך געבויט אַ משך פון 23 יאָר. דאָס איז אַ לאַנגע תקופה אַפילו לויט דער אויפפאַסונג פון יענער צייט.

אָבער אויך אין יאָר 1741 איז נאָך די שול נישט געווען פאַרטיק אינגאַנצן לויט ווי מיר האָבן זי געקענט. עס איז נאָר געווען פאַרענדיקט דער אויפבוי פונעם בנין. די אינעווייניקסטע... די אינערלעכע איינריכטונג און מאָלעריי האָבן נאָך געדויערט פיל יאָרן — כמעט נאָך צוויי דורות. ערשט קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די שול אין איר גאַנצן פּראַכט געוואָרן פאַרענדיקט.

די קונסט־מאָלעריי אויף די ווענט און די סטעלע (פּאַוואַלע) זענען געווען אַ מייסטערווערק. די גאַנצע פאַרצייטישע יידישע געשיכטע, אָנהויבנדיק פון אַברהם אָבינו, ביז דעם חורבן בית המקדש — איז געווען פאָרגעשטעלט אין בילד ווי ממשותדיק, לעבעדיק. אַ באַזונדער שיינעם רושם האָט געמאַכט די סטעלע מיט אירע פילפאַרביקע מאָלעריי, ווי דער לויתן מיטן „שור הבר״, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ האַלבע סטעלע.

די שול איז געווען די צירונג פון שטאָט מיט וועלכער מען איז געווען שטאָלץ, ווייל אין דער גאַנצער געגנט איז נישט געווען אַזאַ שיינע שול.

***

וועגן דעם בית המדרש, וואָס מיר האָבן געקענט האָבן מיר נישט קיין שום היסטאָרישן רמז ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן. איינס איז זיכער: דאָס בית המדרש איז באַשטימט נישט געווען דאָס ערשטע אין שטאָט. מיר ווייסן, אז פאַר דעם בית המדרש איז געווען אַ האָלצענער בנין, וועלכער איז אָפּגעברענט געוואָרן אין איינעם פון די גרויסע שרפות וועלכע זענען געווען אַזוי אָפט אין שטאָט. פאַרהעלטנסמעסיק איז דאָס נייע בית המדרש נישט געשטאַנען אַזוי לאַנג, כאָטש די זקנים אין אונדזער צייט האָבן אויך נישט געדענקט ווען מ׳האָט עס געבויט.

אונדזער מקום קדוש, ווי יידן האָבן יאָרן לאַנג אויסגעגאָסן זייערע הערצער פאַרן רבונו של עולם, דורך תפילות ותחנונים, שירות ותשבחות — האָבן די נאַציס ימ״ש פאַרוואַנדלט אין מאַגאַזינען. (מ׳זאָגט אַז פון בית המדרש האָבן זיי געמאַכט אַ שטאַל).

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָבן די מושלים פון טאַרנאָבזשעג באַשלאָסן צו מאַכן פון דער שול אַ קרייזביבליאָטעק. צו דעם צוועק האָבן זיי אויך באַשלאָסן צו מאַכן אַ גרויסן רעמאָנט אין דער שול. (זע די מודעה אין אַ פּוילישער צייטונג, זייט 40).

עס איז לײדער מקויים געוואָרן דער פּסוק: „באו גויים בנחלתך, טמאו את היכל קדשך״. (תהלים, ע״ט).

פרק ב׳

שושלת דזיקוב

חמשה דורות רבנים־אדמו״רים בדזיקוב

פינף דורות דזיקאווער רבנים־רביים:

א) רבי אליעזריל הורביץ זצ״ל: תרכ״א (1861)

ב) רבי מאיר׳ל הורביץ זצ״ל: תקע״ט (1819) — תרל״ז (1877)

ג) רבי יהושע׳לע הורביץ זצ״ל: תר״ח (1848) — תרע״ג (1913)

ד) רבי אלטר׳ל הורביץ הי״ד: תרמ״ט (1889) — תש״ג (1943)

ה) רבי מנדל׳ה הורביץ הי״ד: תרס״ד (1904) — תש״ד (1944)

ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם ודרשת והגידו לך את דבר המשפט וכו' ...על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה, לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל

(דברים י"ז)

יעקב פליישר

רבני ואדמו"רי דזיקוב

פתיחה

מתוך חרדת קודש ויראת הרוממות הנני ניגש לכתוב את הפרק הזה — החשוב ביותר בהיסטוריה של עירנו, הלא הוא הפרק: „הרבנים והאדמו"רים לבית דזיקוב". כי הרי לא ככל הפרקים הוא הפרק הזה: הוא נועד להיות גל־עד למנהיגיה של הקהלה הקדושה דזיקוב־טרנובז'ג, ראשי ועיני העדה, אשר היוו במשך יותר ממאה שנה, את המגדלור של העיירה, שזרח והפיץ את אורו למרחקים; הוא צריך להיות זכרון־נצח לרועים הרוחניים הנאמנים, אשר כיוונו ועיצבו את דמותה הרוחנית והחברתית של העיירה במשך חמשה דורות. הפרק הזה תפקידו לשקף נאמנה ולהנציח לעולמי־עד את זכרם, אישיותם ופעלם של אלה, שהודות לגדולתם ומעמדם נתפרסמה שמה של העיירה הגליצאית הקטנה, בכל רחבי העולם היהודי, והשם „דזיקוב" נעשה לשם־דבר, למושג, לשיטה. לדזיקוב הפנו רבנים וגדולי תורה את שאלותיהם הקשות והמסובכות, ואליה נהרו המונים למאות ואלפים, במשך שני יובלות שנים כדי להתחמם לאורם, ליהנות מזיוום, להתבשם מתורתם, להיות מושפעים ונאצלים מקדושתם, לשמוע בצמא את מוצא־פיהם ואמרות קדשם של גדולי אדמו"רי דזיקוב.

ולכן אין הפרק הזה דומה לשאר הפרקים שבספר הזה; הוא איננו„ עוד פרק" בהיסטוריה של העיר; הוא חורג מעל ומעבר למסגרת המצומצמת של דברי ימי עיירה קטנה. הוא מתפשט וחודר לתוך ההיסטוריה היהודית הכללית של מאתיים השנים האחרונות, ומהווה חלק בלתי מבוטל של אותו פרק מזהיר בהיסטוריה של יהדות הגולה המפוארת, ששמו: **החסידות**. פרק, שכל ההיסטוריונים המודרניים וכל הסופרים, מכל השכבות והזרמים, דשו ודשים בו, אבל לא רק שלא הגיעו לתמציתו, אלא טרם נגעו אפילו בקצהו... וכל מי שכותב על החסידות לא יכול לפסוח על השושלת הדזיקוב־אית, ואינו יכול להתעלם מהמקום החשוב שתפסו בה אדמו"רי דזיקוב, ולהדגיש את התרומה החשובה והגוון המיוחד שתרמה „דזיקוב" לאותה הקשת החסידית הרב־גונית.

היות ויודע אני חשיבותו, רוממותו וגדולתו של הנושא הקדוש הזה — אין אני מתיימר למצות במסגרת הפרק הזה, את כל רומו, עומקו והיקפו של הנושא הזה, וגם לא את כל מה שאפשר, ומה שהיה צריך לכתוב ולכלול בו, וזה משני טעמים: א' — אינני ראוי ומוכשר לכך, מפאת „עומק המושג וקוצר המשיג"; ב' — מפני שכאמור, המסגרת היא צרה מדי, ואי אפשר להכניס לתוכה אפילו חלק ממה שהייתי יכול להכניס, כשם שאי אפשר לדחוס לכלי קטן ומוגבל, כמות גדולה פי כמה משהוא יכול להכיל. אך במדת האפשר, אשתדל למסור לקוראים דברים השייכים לענינגו, ממה שלקטתי מספרים ומסופרים, וממה שידוע לי, או ששמעתי מזקני עירנו, מהם כמה דברים שטרם פורסמו עד היום.

***

על הרבנים שכיהנו בדזיקוב, לפני ר' אליעזר"ל הורביץ זצ"ל, לא ידוע לנו הרבה. יודעים רק, שהיו רבנים לפניו בדזיקוב. כמה? לא ידוע. רק על הרב האחרון שממנו קיבל ר' אליעזר'ל את רבנותו, יש איזה סיפור הקשור בהעברת הרבנות ממנו לר' אליעזר'ל. (על זה ראה מאמרו של מר דוד שליסל: סיפורים על אדמו"רי דזיקוב זצ"ל). בבית הקב־רות הישן הצביעו על מצבה ישנה שתחתיה כאילו טמון רב, או רבני העיירה, מלפני ר' אליעזר'ל, אבל פרטים על קורות חייו (או על קורות חייהם) אינם ידועים לצערנו. לכן מוכרחים אנו להתחיל את הפרק הזה מהרב, שהוא בעצמו היה מפורסם, ובזכותו נתפרסמה גם העיירה, הלא הוא: המייסד ואבי אדמו"רי דזיקוב, הרב הצדיק ר' אליעזר הורביץ זצ"ל.

ברם, כשניגשים לכתוב על רבני ואדמו"רי דזיקוב, על ייחוסם, גדולתם, אישיותם ושיטתם, אי אפשר להצטמצם ולהתחיל את הפרק ישר מר' אליעזר'ל; מוכרחים לעלות קצת למעלה בקודש, אל עץ־החיים, שהוא בעצם היה המייסד הרוחני של שושלת דזיקוב, — אביו של ר' אליעזר'ל. ר' נפתלי צבי מרופשיץ זצ"ל.

ר׳ נפתלי צבי הורביץ מרופשיץ

„פי צדיק יהגה חכמה ולשונו תדבר משפט״ (תהלים ל״ז)

„דזיקוב״ קשורה ב„רופשיץ״, כשלהבת בגר, ואין לה משלה אלא מה שקיבלה מאבי השושלת הגדול. „דזיקוב״, על אף שנעשתה במרוצת השנים, לשושלת נפרדת ומפורסמת, לא היתה עצמאית־מקורית בדרכה ובשיטתה מבחינה רוח־נית, ואף פעם לא התיימרה להיות כזו. היא אמנם פיתחה, הוסיפה והרחיבה את המסגרת, אך ביסודה נשארה נאמנה לדרכו של המייסד הראשון. כל מה שהוסיפה דזיקוב, היה רק פירוש על שיטת אביה: ר׳ נפתלי צבי זצ״ל, שהיתה ידועה בשם „שיטת רופשיץ״. המייסד ר׳ נפתלי צבי, היה תלמידו הנאמן והאהוב של ר׳ יעקב יצחק־ה„חוזה״ מלובלין, שקיבל מרבו הגדול ר׳ אלימלך מליז׳נסק, הידוע בעולם החסידות כמפיץ הראשון של תורת החסידות בגליציה, אשר למד מרבו הקדוש ר׳ דב בר ממזריץ׳, שנקרא והוסמך לנהל את עדה הקדושה ולהפיץ את החסידות בעולם על־ידי רבו, הוא האילן הגדול, האב והמחולל של החסידות: הבעל שם־טוב הקדוש, זי״ע.

ובכן רופשיץ־דזיקוב היתה חוליה אחת בשרשרת הזהב הגדולה, וענף חשוב מהאילן רב־השרשים ועתיר־הענפים, שהתפשט על פני ארצות הגולה של מזרח אירופה, וכבש בסערת־אש־קודש המוני יהודים לתורת החסידות, בה ראו אור חדש ותקוות חדשות לחייהם הגלותיים. ואמנם הפיחה החסידות ביהודים המיואשים, העצובים ושחוחי־הגב תוכן חדש, רוח־חיים חדשה, תקווה ובטחון, וכוח וגבורה עילאיים, לעמוד בלי חת ופחד נגד כל הסערות העזות והרוחות הרעות, ונגד כל פגעי הזמן והגלות העכורים, שעברו עליהם מבחוץ ומבפנים. היהודי האדיש, נהפך — הודות לחסידות — לחי ורגיש, למי שנופחה בו נשמה חדשה וקם לחיים חדשים.

„דזיקוב״, שהייתה לשושלת עצמית והתפשטה ברחבי גליציה, ינקה ע״כ מהמעיינות הזכים והמפכים, ושאבה מבא־רות מים חיים של תורה, חכמה וחסידות, שנמשכו בשרשרת בלתי פוסקת מדורי דורות של ענקי רוח, גדולים וגאונים, רבנים ומנהיגים רוחניים דגולים. כל התכונות הדגולות האלה התגלמו באישיותו הפלאית של האדמו״ר הראשון לבית רופשיץ־דזיקוב ר׳ נפתלי צבי הורביץ זצ״ל. מן הראוי איפוא להתעכב על אישיותו של ענק־רוח זה.

יחוס אבות

ר׳ נפתלי צבי נולד לאביו הגאון המפורסם ר׳ מנחם מנדל, אב־בית־דין דק״ק לינסקא (גליציה), המפורסם בשם ר׳ מנדלי לינסקר. הוא היה בנו של הגאון ר׳ יעקב, שהיה גם כן רב בלינסקא, והיה חתנו של הגאון המפורסם ר׳ יצחק הלוי איש הורביץ, אב״ד בעיר הגדולה של חכמים וסופרים ברודי, ואחר כך בשלוש הערים המפורסמות: אה״ו (אלטונא, המבורג וונסבק), לכן נקרא בשם ר׳ יצחק׳ל המבורגר. ר׳ יצחק׳ל היה ממשפחת רבנים ומנהיגים רוחניים, שייחוסם נמשך למעלה בקודש, עד השל״ה הקדוש, וממנו עד לדורות הקודמים — כולם צדיקים וגאונים.

לפי המסורת החסידית נולד ר׳ נפתלי צבי ביום שנפטר הבעל שם־טוב זצ״ל: בחג השבועות שנת תק״כ. והחסידים קראו עליו את הפסוק: „וזרח השמש ובא השמש״, על פי דרשת חז״ל: „עד שלא שקעה שמשו של צדיק אחד, עולה שמשו של צדיק אחר״.

יחוסו הגדול של ר׳ נפתלי צבי עמד לו מנגד, בדרך להקניית תורת החסידות, ולכניסתו לטרקלין של „החבריה הקדושה״. מטרת החסידות וסיסמתה — בראשית דרכה — היו כידוע: „עם הפנים אל העם״. ז.א. לרדת אל העם, להתקרב אל ההמון, שהבערות והעם־הארצות שלטו בהם באופן מבהיל, למשוך את המוני־העם הפשוטים לעבודת השם, לחנך אותם לתורה ולחסידות, להעלות אותם משפלותם הרוחנית והחברתית. לכן היחוס והאצילות לא היו נחשבים אצל אבות החסידות למעלות גדולות; אדרבא: הם התקוממו נגד המיוחסים והאצילים — ובכלל זה גם נגד רבנים מיוח־סים שהתרחקו מפשוטי העם. הם בזו למכובדים המיוחסים, שרוח של גאוה נדפה מהם, אותה המדה הגרועה שגונתה ע״י כל גדולי ישראל האמיתיים, וע״י גדולי החסידות בפרט.

וכה מספרת האגדה החסידית: כשבא ר׳ נפתלי צבי בפעם הראשונה אל הצדיק הרבי ר׳ אלימלך מליז׳נסק זצ״ל ללמוד ממנו את תורת החסידות ולהסתופף בצלו של מנהיג החסידי הגדול הזה, לא רצה הצדיק לקבלו, באומרו: „אין ברצוני לקבל תלמידים מיוחסים״. ר׳ נפתלי צבי — מוסיפה האגדה לספר — שנפשו חשקה מאד להכיר את תורת החסי־דות וצמא לשאוב מבאר־מים־החיים שלה — כאשר שמע את דברי הצדיק מליז׳נסק, התחיל לבכות מרה, נפל לארץ וצעק בקול גדול ומר, עד אשר דם ניגר מגרונו: „רבי! מה אני אשם אם אבי היה מיוחס?!״ רק אחרי שראה הרבי ר׳ אלימלך את כניעתו וביטול היש של רנ״צ, והרגיש כי יחוסו לא יכול להזיק לו עוד בעבודת השם, הכניסו לטרקלין החסידות, ונעשה לתלמיד חשוב של הרבי ר׳ אלימלך מליז׳נסק זצ״ל. אכן לא בנקל יכול היה להגיע אל החסידות.

בצעירותו למד ר׳ נפתלי צבי את תורת הנגלה מאביו הגאון, ומדודו ר׳ משולם איגרא מטיסמניץ, שהיה נחשב לארי שבגאוני דור דעה זה — והיה, אגב, מתנגד חריף לחסידות. אחרי שמילא כרסו בש״ס ופוסקים והיה לגאון בנגלה בכל מקצועות התורה, החליט ר׳ נפתלי צבי — כנראה מתוך דחיפה נפשית־פנימית — ללמוד ולהכיר, הכרה יסודית, את הזרם החדש ביהדות, שהתפשט כבר אז ברייסין ובפולין — החסידות. ומשהתחיל להתעמק בתורת החסידות, נמשך אליה בכל להט־נפשו, ומצא שהיא תואמת לרוחו הסוערת והדינמית. בגליציה היתה אז החסידות בתחילת צעדיה, ויוצגה ע״י אחד מאבות החסידות הגדולים: הרבי ר׳ אלימלך מליז׳נסק זצ״ל, שהיה נקרא בפי החסידים: „הבעל־שם־טוב השני״. הוא, הרבי אלימלך, כבש את ערי

גליציה לחסידות, ובאישיותו הקוסמת והפלאית, עשה נפ־שות רבות לחסידות, והמשיך אליו במיוחד אברכים תלמידי חכמים ובעלי מדרגה. כך מצא את עצמו באחד הימים גם הגאון הצעיר מלינסק ר׳ נפתלי, בתוך „החבורה" בליז׳נסק — נגד רצון אבותיו ורבותיו, שהיו כולם מתנגדים חריפים לחסידות.

חשוב לציין שאביו של ר׳ נפתלי צבי, ר׳ מנדלה מלינסק, היה כאמור, בזמן הצטרפות בנו לחסידות ממתנג־דיה החריפים, אך מאוחר יותר, כנראה בהשפעת בנו החסיד, קיבל גם הוא את תורת החסידות, נסע להרבי ר׳ מיכל מזלוצ׳וב, ונעשה לחסידו הנלהב ולתלמידו המובהק. בעקבות צעד „מהפכני" זה, בא בריב עם גיסו הגאון ר׳ משולם איגרא אב"ד טיסמניץ (ואח"כ בפרשבורג), שהתנגדותו לחסידות לא נחלשה, ולא יכול היה למחול גם לגיסו ר׳ מנדלה על שנתפס ל„כת" החסידות.

***

כבר מימי עלומיו ניכרו בר׳ נפתלי צבי הכשרונות העצומים והתכונות הנפשיות הנעלות שהצטיין בהם אח"כ — וניבאו לו גדולות. במיוחד התבלט בחכמה, פיקחות ושנינות מפליאות.

והיה לו לר׳ נפתלי ממי לירש חכמה ופקחות. וזאת, לא רק מאביו הגדול הרב ר׳ מנדלה מלינסק, שהיה, נוסף על גאוניותו, גם חכם גדול, אלא גם מאמו הצדקת, אשת ר׳ מנדלה, שהיתה בתו של הגאון ר׳ יצחק׳ל המבורגר זצ"ל — שהיתה גם היא מפורסמת כלמדנית ופקחית גדולה. אדמו"רי דזיקוב וכל יוצאי בית רופשיץ הירבו להלל ולשבח את הסבתא הזו ה„באבע ביילישׂ", ולספר סיפורים וחכמות ממנה.

והנה סיפור אחד מני רבים: בשבת הראשונה לנשואיה, הלכה עם אמה, כפי שזה היה נהוג, לבית הכנסת להתפלל. בדרך אמרה הכלה הצעירה לאמה: עכשיו מבינה אני את הפירוש על הפסוק בתהלים (קכ"ח) „שמחתי באומרים לי בית ד׳ נלך". היינו: אני שמחה במה שבעלי אמר: „הרי את מקודשת לי, כי על־ידי־זה, „בית ד׳ נלך", יכולה אני ללכת אל בית ד׳ ולהתפלל".

נשואיו

שמש בגבעון, בימי יהושע בן נון. ר׳ מאיר׳ל נפטר בקרלסבד. עדיין לא היתה אז רכבת בעיירה שלנו. הרכבת הגיעה רק עד לדמביץ, ומשם המשיכו את הדרך עם עגלות וסוסים. היה זה ביום ששי, והארון של הרבי היה צריך להגיע לעיר. אותו יום היה יום מעונן, השעה כבר מאוחרת, והארון עוד לא הגיע. פה ושם התחילו כבר הנשים להדליק נרות שבת. פתאום שמעו דהרות סוסים והארון עם הנפטר הגיע עד לבית הרב. והנה קרה נס: השמש יצאה מתחת העננים ונעשה יום בהיר. רק אחרי שקברו את הנפטר, החשיך היום. כולם ראו בחוש, ש„צדיקים במיתתן קרויין חיים״.

סיפורים על ר׳ מאיר׳ל מדזיקוב זצ״ל

הסיפורים שאני מוסר לקמן, שמעתי מאבי ז״ל, והם מקרים אשר קרו ממש אצלו. אנשי עירי ומכרי יודעים שאינני חסיד, אבל מוכרחים להודות שמשהו נעלה יש באדמו״רים, המראה על עליונותם. אין הם סתם יהודים, אלא, ללא ספק, אנשי מעלה.

רבי מאיר׳ל מדזיקוב, מחבר הספר „אמרי נועם״ על התורה, היה מחותנו של הרבי ר׳ חיים מצאנז. שמו הלך לפניו, שהוא מראה אותות ומופתים, וחסידים נסעו אליו כמעט מחצי גליציה. והנה מה שסיפר לי אבי ר׳ יהודה שליסל ז״ל:

בשנת תרכ״ב נשא אבי לאשה את האמא, מרת טובה ע״ה. היא היתה בת טובים, אבל בלי אמצעים כספיים, וגם הוא, האבא, לא היה בן עשיר. אחרי החתונה נכנס לרבי מאיר׳ל עם „קוויטל״, בו ביקש שהרבי יתפלל, שהשם יתברך יזמין לו פרנסה. חשב הרבי כמה רגעים ואמר לאבא בהאי לישנא: אתה יודע מה? „האנדל מיט האָניג״. („תסחור בדבש״). אבא לא הרהר הרבה ונסע ליריד, לעיירה מיידאן. באמצע הדרך — כך סיפר אבא — אני רואה פתאום יוצא גוי מביתו וצועק: „זושלוקו״! (סבא שלי היה מוכר בכל האיזור בשם „זושלוק״, כי האבא של הסבא, שמו היה זיסל) „אולי תקנה דבש?״ קניתי את הדבש אצל הגוי הזה והרווחתי הרבה כסף. מאז נעשיתי סוחר דבש ידוע בכל הסביבה״.

עוד סיפור שאבא ז״ל סיפר:

„פעם קרה לי דבר מוזר מאד, אבל טבעי. נסעתי למיידאן ליריד. במיידאן היה יריד כל יום שני בשבוע. זאת היתה עיירה קטנה, אבל התכנסו מכל הסביבה איכרים וסוחרים והיה שם יריד גדול. בעיקר היו באים הרבה סוחרי סוסים ובהמות. גם המסחר בכלי עץ השונים היה גדול. נסעתי עם אבא (ז.א. הסבא שלי). הוא היה קונה במיידאן כלי עץ ומוכר אותם בדזיקוב בריווח ניכר. בדרך ליריד ממשמש אבי בכיסו, והנה אוי ואבוי! הכסף איננו! נאבד לו כל הכסף בסכום של 134 רייניש. היה זה אז הון תועפות. מה עושים? אין לו כסף לנסוע ליריד. חזר הביתה. בדרך ניגש להרבי ר׳ מאיר׳ל וסיפר לו בקול בכי מה שקרה לו.

אמר לו הרבי: „יודל אל תבכה, שמע לעצתי, גש לכומר שבעיר, הוא ידיד שלי, ותגיד לו בשמי כי אכן ידידים אנחנו, ושלחתי אותך אליו, כי הוא יכול לעזור לך, וספר לו הכל. היה זה בחורף לפני אידיהם (החגים שלהם) ואז באים הגויים אל הכומר להתוודות.

אחרי שהכומר שמע את הסיפור של אבי, אמר לו שיבוא ביום ראשון בערב. מה היה לו לעשות? הלך הביתה בצער ועגמת נפש, שכל השבוע יהיה בלי כסף ובלי מסחר. אבל השליך על ד׳ יהבו וקיווה ש„מאן דיהיב חיי יהיב מזונא״ וחיכה כל השבוע לנס שצריך להתרחש.

באתי — המשיך אבא את הסיפור המעניין — ביום ראשון בערב. הכומר בא לנגדי עם ארנק הכסף ואמר: „יש לך מזל, כשיצאת ממני, באה אלי גויה וסיפרה לי שמצאה ארנק עם כסף. אמרתי לה שתביא לי תיכף את הכסף, כי יכול להיות אסון. כמובן שהיא הביאה את הכסף. והכומר סיים: קח לך את הארנק, ומסור דרישת שלום לרבי שלך, אבל בפעם הבאה תהיה זהיר יותר, כי „אין סומכין על הנס״. את הפתגם הזה אמר בעברית.

יעקב פליישר

ר׳ משה „ארישע׳ס״ האופה - „מחותנו״ של הצאנזר

את הסיפור המעניין שמעתי מפיו של ר׳ משה בעקער (קנובלר) ז״ל בעצמו. אמנם בחלק היידיש מספרים נכדיו של ר׳ משה את הסיפור ששמעו אותו מהסבא שלהם, אבל סיפור מעניין (והייתי אומר אפילו היסטורי) כזה, צריך להופיע גם בחלק הזה. אולם מקודם רוצה אני לתאר במקצת את ר׳ משה בעקער בעצמו.

מיום שהכרתי את ר׳ משה ארישע׳ס (כך קראו לו) — והכרתי אותו מילדותי, כי הוא גר בשכנותנו — היה כבר יהודי בא בימים, זקן מופלג. אמנם קצת כפוף, אך בריא וחסון, הלך בלי מקל, בצעדים בריאים ובטוחים, ועוד עבד סביב ביתו בעבודות שונות. שמעתי גם, בהיותי עוד ילד, שלר׳ משה יש „ברכה״ של אריכות ימים מהרבי ר׳ מאיר׳ל, וזאת כשכר על שהוא, ר׳ משה, היה שליחו של הרבי וממלא מקומו בחתונת בנו של הרבי עם בתו של הצדיק מצאנז. למרות שעוד לא הבנתי את משמעות הדברים, אבל דמותו של ר׳ משה הצטיירה בעיני — ובעיני כל הילדים בני גילי — כדמות נעלה ואפילו „כאיש קדוש״. האם זה דבר קטן, שבן תמותה פשוט, יכול להגיע למדרגה זו, להיות „המחותן״ של הצדיק הקדוש מצאנז, שעליו שמענו תילי־תילי מעשיות ו„מופתים״? השתוקקתי ע״כ לשמוע מפיו של ר׳ משה בדיוק את הסיפור, איך הוא נהיה „המחותן״

(בעיר היו קוראים לו גם ר׳ „משה מחותן״). הייתי מקדים לו „בוקר טוב״ עוד מרחוק ומאושר הייתי כשענה לי „גוט יאר״.

אך ר׳ משה לא היה דברן גדול, היה מכונס בתוך עצמו ולא היה מעורב כל כך בין הבריות. גם עניני העיר: גבאות, קהלה, מחלוקת, לא עניינו אותו. הוא בא לבית המדרש שחרית וערבית, התפלל במקומו הקבוע, וחזר הביתה לעבודתו. גם בצעירותו לא התבלט בעיר בשום דבר מיוחד. הוא עבד את עבודתו הקשה בשקידה ול„כעכים״ (בייגל) שלו יצא שם, שהם הטובים ביותר... מובן מאליו, שר׳ משה לא היה מבין החסידים היושבים ראשונה על־יד שלחן הרבי, ולא נמנה אף פעם עם החסידים הנלהבים, המקורבים אל הרבי, או עם אלה הממלאים תפקידים שונים ומסתובבים תמיד „בחצר...״ הוא אמנם בא — כמו כמעט כל יהודי העיירה, כולל היהודים הפשוטים, בעלי מלאכות, רוכלים, הולכי כפרים וכו׳ — בליל שבת אל „שלחן״ הרבי, נהנה מה„שלום עליכם״, „אשת חיל״ והקידוש של הרבי, ואח״כ מהזמירות היפות ששרו החסידים, שהה עד אחרי ברכת המזון וחזר הביתה. ספק גדול הוא, אם החליף הרבי פעם כמה מלים עם ר׳ משה. וספק יותר גדול הוא, אם ר׳ משה ידע בכלל על המחלוקת החריפה בין צאנז — לסאדיגורא, וצאנז — דזיקוב.

כך זה היה עד אותו היום ההיסטורי, שהרבי קרא לר׳ משה והטיל עליו את התפקיד להיות „המחותן״ במקומו, אצל הצאנזר.

כפי שסיפרתי, ר׳ מאיר׳ל הורביץ זצ״ל, בא בקשרי חיתון עם ר׳ חיים מצאנז שלוש פעמים. וזה היה בעת שבנו הצעיר, ר׳ אהרן נשא את בתו של הצאנזר.

החסידים שידעו את מצב הענינים ואת ה„ברוגז״ ששרר בין שני המחותנים, כשהתקרב מועד החתונה, של ר׳ אהרן, תהו ושאלו בסקרנות: מה יהיה? כשר׳ מאיר׳ל יגיע לצאנז לחתונת בנו, איך יקבל אותו ר׳ חיים, שהיה ידוע כקנאי וחריף? האם יתפייסו שני המחותנים? על האפשרות שר׳ מאיר׳ל לא יסע בכלל לחתונה לא רצו אפילו לחשוב. ויתכן שאולי כן התגנבה אצל מישהו מהמקורבים ביותר המחשבה, שהרבי לא יסע, ויטיל בודאי עליו את המשימה ליסע במקומו.

ואכן מה גדולה היתה התדהמה וההשתוממות כשנודע בעיר — יום־יומיים לפני החתונה — שר׳ מאיר׳ל החליט לא לנסוע לצאנז לחתונת בנו, אך שבעתיים גברה התדהמה, הפליאה והתמיהה, כשנודע את מי בחר ר׳ מאיר׳ל לממלא מקומו בחתונה, „כעומד מצד החתן״ וכ„מחותן״ — לצדיק ר׳ חיים מצאנז. לא יאומן כי יסופר, שהבחירה לתפקיד הרם הזה, נפלה על... ר׳ משה בעקער, דבר שלא יכול היה להעלות על הדעת... לא חסיד אחד מהמקורבים התכונן לנסוע עם הרבי אל החתונה, ולעמוד שם כמגן וחומה לימין הרבי, ולשמור שכבודו לא ייפגע ע״י חסידי צאנז הקנאים והמשולהבים, שירצו אולי להתנקם, בשעת הזדמנות, בר׳ מאיר׳ל על עמדתו במחלוקת צאנז—סאדיגורא... והנה אכזבה כזו?! שומו שמים!

אבל הרבי, שלא התיעץ באף אחד, הטיל את התפקיד הקשה הזה דוקא על היהודי הפשוט הזה, והלה ביצע אותו במלואו בכל התמימות והפשטות — לשביעות רצונו המלא של הרבי.

„וגופא דעובדא״ שמעתי, כאמור, מפיו של ר׳ משה בעצמו, אחרי שבאה לידי הזדמנות שלא החמצתי אותה. באחד הימים — הייתי אז עוד צעיר מאד — שמעתי שר׳ משה אריש׳ס חולה והוא שוכב בחדרו לבד, הרהבתי עוז בנפשי ונכנסתי אליו לקיים מצות „ביקור חולים״. כנראה שהוא נהנה מזה, ששכן „צעיר וקטן״ בא אליו לבקרו, שכן קיבל אותי בסבר פנים יפות ובחיוך על שפתיו. הוא הראה לי על כסא ואמר: „שב, שב בני״.

מזה שנים שר׳ משה מסר את המאפיה שלו לבנו אריש (אהרן), שניהל אותה באותה המתכונת כמו אביו. גם הוא עבד קשה — יחד עם כל משפחתו — לפרנסת ביתו, והיה איש ישר והרד. ר׳ אריש תמך באביו, שהיה לו חדר לחוד, ואשתו ז.א. כלתו של ר׳ משה, היתה משמשת אותו ומסדרת את החדר ואת המטה על הצד הטוב ביותר. החדר היה נקי, וגם כלי המטה היו מבריקים בלובנם.

מעודד מקבלת הפנים החמה הזו, שאלתיו על מצב ברי־אותו, ואחרי תשובתו השתתקתי, כי לא היה לי יותר מה לדבר... אחרי כמה דקות התיישב ר׳ משה על המטה ואמר: „שמע בני, מאחר שגרמת לי הנאה בזה שבאת אלי לבקרני, אספר לך מה שקרה לפני... שנים (הוא נקב בדיוק את מספר השנים), איך שאני נעשיתי „המחותן״ של הצדיק מצאנז. לשמחתי באותו רגע לא היה גבול: ראשית הרגשתי את עצמי כ„גדול״, אך בעיקר שמחתי בזה, שהנה השגתי עכשיו את הדבר ששאפתי אליו הרבה זמן...

במשך שעה ארוכה סיפר ר׳ משה את כל המעשה, ואני בלעתי ממש כל מלה... אבל לצערי אינני זוכר כיום הכל בדיוק כפי שהוא סיפר, אולם מה שאני מוסר, זהו חלק ממה ששמעתי ממנו.

„כידוע לך — התחיל ר׳ משה את סיפורו — אין אני חסיד, ואינני תלמיד חכם; אני יהודי פשוט המתפלל שלש פעמים ביום, ושומר את המצוות כפי שלמדו אותי, וכמו שראיתי אצל אבי. כשהייתי צעיר, עבדתי קשה במאפיה, אבל ב״ה את פרנסתי הוצאתי בכבוד. בלילות שבת, רגיל הייתי ללכת אל ה„טיש״ של הרבי, מקודם אל ר׳ אליעזר׳ל, ואחריו אל ר׳ מאיר׳ל, ונהניתי ממראה קדשו של הרב, ומן הזמירות היפות ששרו החסידים. שמעתי משהו שיש איזה מחלוקת בין „הרביס״, אבל לא היה לי זמן להתעניין בזה, ואפילו היה לי זמן, זה ענין בשבילי? וכי מה אני מבין בזה? כמובן שעל הצדיק מצאנז שמעתי הרבה. וכי מי לא שמע על הצדיק הקדוש הזה? אבל מעולם לא עלה על דעתי ולא יכלתי אפילו לחלום, שאני, משה בעקער, אסע לצאנז, ואהיה כל־כך קרוב אל הצדיק הזה, ממש, בין כ״כ הרבה רביים, רבנים וחסידים? אבל זה קרה, וכך זה קרה:

„היה זה ביום בהיר אחד, אני עומד במאפיה בבגדי העבודה שלי, ועוסק בלישת עיסה ללחם, נכנס פתאום הגבאי של הרבי ואומר לי: הרבי ציוה, שתיכף תבא אליו. נדהמתי. מה יש לו לרבי אלי? בשביל מה הוא יכול לקרוא לי? אינני חייב כסף לאף אחד, ואין זה יכול להיות דין תורה... וא״כ מה זה? לא היה לי הרבה זמן לחשוב, כי הגבאי הסתלק מיד, בלי לענות על שאלתי: למה צריך אותי הרבי? לא החלפתי את בגדי העבודה שלי, לקחתי רק את ה„ראק״ (מעיל) ורצתי.

משהגעתי אל בית הרבי, הוכנסתי מיד אל חדרו של הרבי. וטרם שהספקתי לשאול משהו, פנה הרבי אלי בדברים אלה: „משה, אני רוצה לעשותך שליח מצוה, ואתה צריך להבטיח לי שתעשה הכל בדיוק כפי שאני מצוה אותך". כמובן שלא העזתי לשאול איזו שליחות היא זו, והבטחתי מיד לעשות מה שהרבי יצוה לעשות.

אז ענה ואמר:

„היות ואנחנו השתדכנו עם הרב מסאנדז, והגיע כבר זמן החתונה שצריכים לנסוע עם החתן לסאנדז, החלטתי לשלוח אותך עם החתן אהר'לע במקומי, ואתה תהיה המחותן מצד החתן... אנחנו לא נוסעים לחתונה..."

לא האמנתי למשמע אזני, ולא יכולתי לענות ולהוציא הגה מפי. מיד שמעתי קול בכי מהחתן שעמד שם ושמע את דברי אביו. הוא פרץ בבכי והתחיל לומר: „אבי!". אבל הרבי השתיק אותו ואמר לו שזו החלטתו שלא יכול לשנותה. בינתיים התאוששתי קצת. אז ניגש אלי הרבי, שם ידו על שכמי ואמר: „משה, לך הביתה, תחליף את בגדיך, לבוש את בגדי השבת, קח אתך את השטריימל ובוא בחזרה, כי לא נשאר הרבה זמן".

הלכתי הביתה כסהרורי, לא ידעתי אם חולם אני, או זה אמת... אני, משה בעקער... נוסע לצאנז עם בנו של הרבי ר' מאיר'ל לחתונה... איפה אני? באיזה עולם הדמיון אני נמצא..? אבל דברי הרבי הברורים מהדהדים באזני, ונדמה לי שאני שומע אותם עוד פעם ועוד פעם: „משה... אתה נוסע לצאנז... אהר'לע... חתן... חתונה... איזה בלבול נורא במוחי?... זה אני, או לא...? עלי לשמוח, או לפחד?.. בעוד שאני חושב ומהרהר, מצאתי את עצמי בבית. בני המשפחה חיכו לבואי באי סבלנות, וטרם שהספקתי לסגור את הדלת, כבר הקיפוני בשאלות. משספרתי להם על מבוקשו של הרבי, לא רצו כמובן להאמין. ואשתי אמרה: „משה, ביזט פארנארט געוואָרען?! „דערצייל דעם אמת!!" („השתגעת?, ספר את האמת!") רק אחרי שראו שאני מתלבש ולוקח את השטריימל נרגעו...

כשחזרתי עם „הפעקיל" שלי לבית הרב, מצאתי תכונה גדולה, וההכנות היו בעיצומן. חסידים אצו־רצו, הנה וחזור, הביאו הרבה חבילות ענקיות. הרבי כמפקד מוכשר, נתן פקו־דות על ימין ועל שמאל, רק אני „המחותן" ו...החתן עמדנו בלי לנוע. במשך זמן קצר היה הכל מוכן.

באותו זמן עוד לא הגיעה הרכבת לטרנובז'ג, והיו צריכים לנסוע בעגלות עד לדמביץ, ומשם ברכבת לצאנז. הגיעה עגלה גדולה רתומה לשני סוסים אבירים. בני העיר התאספו, ויותר מחצי העיירה היו כבר במקום, ומבין ילדי העיירה בודאי לא נעדר אף אחד: ניתנה הפקודה להעמיס את החבילות על העגלה, ובעוד הסבלים והחסידים־המקורבים עסקו בהעמסת החבילות, קרא אותי הרבי לחדרו, ומסר לי את הפקודות האחרונות, איך עלי להתנהג בכל מקום, ובמיוחד עם בואנו לצאנז. הוא גם מסר לי מה שנמצא בכל חבילה, ביחוד בחבי־לות ובמזוודות שבהן נמצאו העוגות והי"ש.. על הכל הנהנתי בראשי, כמעט באופן מכני, כאות הסכמה והבנה... ולבסוף לקח את המקל שלו עם ידית הכסף, ובעת שמסר לי אותו אמר: „עם המקל הזה תלך לכל מקום, ואל תפחד שם מאף אחד, וגם לא מ„הצאנזער רב". הושיט לי ידו ואמר: „סעו לשלום"!

יצאתי מהרבי מעודד, והרגשתי את עצמי יותר בטוח. ניגשתי — מעשה בעל־בית — אל העגלה, ספרתי את כל החבילות והשגחתי שהכל יהיה בסדר. בינתיים נכנס החתן אל אביו להפרד ושהה אצלו שעה ארוכה. הרבי ליווהו עד העגלה וכל החסידים נפרדו בלבביות מהחתן וברכוהו ו... נסענו, ועוד מרחוק הדהדו השירים ששרו החסידים בעת הפרידה.

— אני זוכר — המשיך ר' משה — פרט מעניין: כש־הגענו, אחרי נסיעה מייגעת, אל תחנת הרכבת בדמביץ, וה־רכבת שעליה היינו צריכים לעלות הגיעה, נבהל החתן בראותו בפעם הראשונה „עגלה בלי סוסים"... (רכבת), ופחד לעלות על הרכבת... וכמעט שדחפתי אותו בכח לעלות.

ר' משה סיפר בפרוטרוט איך שהגיעו לצאנז, מי שבא לקראתם לקבל את החתן, איך הוא חילק י"ש ועוגות ב„קבלת הפנים". גם מהחתונה סיפר פלאי־פלאים, איזה אדמו"רים הוא ראה, ועוד, ועוד, אך לצערי אינני זוכר את כל הדברים המעניינים שסיפר לי. מה שנחרת בזכרוני הוא מה שסיפר, שלמחרת החתונה רצה להיכנס עם „קוויטל" אל הצדיק מצאנז, אך הצדיק לא רצה להכניסו, והוא נסע מצאנז מבלי להיפרד מה„מחותן שלו"...

בהגיעו חזרה לדזיקוב, לא הלך ר' משה הביתה, אלא נכנס ישר אל הרבי ודיווח לו על ביצוע המשימה שקיבל עליו, או יותר נכון: שהרבי הטיל עליו. הרבי היה מאד שבע רצון כנראה מ„הבחירה הטובה", ובירך את ר' משה באריכות ימים. ואמנם הגיע ר' משה לזיקנה מופלגת, ונפטר כשהיה למעלה מגיל תשעים.

הערה: הנכדים בסיפורים באידיש, מספרים, שהרבי מסר לר' משה „קמיע", סגולה לאריכות ימים, והם עצמם ראו את „הקמיע". ר' משה החזיק ב„קמיע" עד שנת פטירתו ומסר אותה לנכדה, ביום חתונתה, זמן קצר לפני שנפטר.

***

בזמנו עשה הדבר הזה רושם גדול בעולם החסידי, והיה לנושא חשוב בשיחות החסידים. גם ר' משה נעשה מפורסם, והחסידים שבאו מעכשיו לדזיקוב השתדלו לראותו, כדי להכיר את האיש, בו בחר הרבי למחותן במקומו.

יתכן שאם היה זה אחד מהחסידים, היה מנצל את הדבר לטובתו ולמעמדו, אך ר' משה בעקער לא עשה מזה שום „טראסק" (אולי היתה זו גם כוונתו של הרבי, שבחר דווקא ביהודי פשוט, ולא בחסיד ממקורביו), הוא המשיך בדרך החיים שלו כמקודם, על כן נשכח כל הענין הזה מהר.

א צדיק וואס האלט אויף די גאולה

(דער באַוווּסטער רעליגיעזער שרייבער ש. ראַטשטיין, דערציילט אין זיין בוך: „צדיקים און חסידים" פאָלגנדע מעשה פון רבין ר׳ אליעזרל דזשיקאָווער)

אין דער אַנדערער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אין די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן און אין גאַליציע פאַרשטאַרקט די האָפענונג, אַז אין גאַר בקרוב וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן פון ביטערן גלות.

געגומען האָט עס זיך דערפון, וואָס עמיצער, אַ גדול, האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז מען דאַרף דערוואַרטן דעם מלך המשיח אין יאָר תר״כ (1860). אין דאָזיקן יאָר וועט אַלזאָ פאַרקומען די גאולה שלימה.

זוהר־יידן, מקובלים און דורשי רשימות, האָבן אויסגעפּונען פאַרשידענע ראיות און באַווייזן, רמזים און גמטריות וועגן דער גרויסער ראָל וואָס וועט שפּילן אין יידישן לעבן דאָס יאָר כת״ר. אויף דעם געביט האָבן זיך יידן לומדים שטענדיק אויסגעצייכנט, בפרט אויף אַזאַ וואָרט ווי כת״ר... די ערשטע ספירה פון עשר ספירות איז דאָך גאָר לייכט געווען צו געפונען רמזים פון דער תורה, פון דער גמרא, מדרשים, פון זוהר הקדוש. אַמשטאַרקסטן האָט מען זיך באַנוצט מיטן וואָרט: ויתנו לך „כתר מלוכה" — כתר זענען די זעלבע אותיות ווי תר״כ.

די אמונה צווישן פאָלק, אַז אין דאָזיקן יאָר וועט משיח קומען, איז געווען אַזוי שטאַרק און פעסט, אַז ווער עס האָט געוואַגט צו צווייפלען דעריז, אויסדריקן זיך מיט ספקות, האָט מען פאַרשריגן אַלס אפיקורס, אַלס כופר בביאת המשיח.

און וואָס נענטער צום דאָזיקן יאָר, אַלץ מער האָט דער גלויבן אין דער נאָענטסטער גאולה זיך פאַרשטאַרקט. ווען סוחרים האָבן געשלאָסן געשעפטן, האָבן זיי אויסגערעכנט ביזן יאָר כת״ר, ווארום אין דאָזיקן יאָר וועלן מיר דאָך אויסגעלייזט ווערן פון גלות, אויפגיין קיין ארץ ישראל און מיר וועלן דאָך סיי־ווי־סיי איבערלאָזן אונדזערע הייזער און פעלדער, געשעפטן, עסקים אין חוץ־לארץ, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס זיך צו פאַרבונדן מיט ביזנעס אויף שפּעטער? האָבן יידן סוחרים, פאַבריקאַנטן און סתם נגידים זיך אָפּגעזאָגט פון וויכטיקע עסקים, איבערגעריסן קאָנטראַקטן און בכלל ממעט געווען במסחר, מיטן דערנענטערן זיך פון גאולה־יאָר — כת״ר.

מיט אַ יאָר פריער איז שוין דאָס גאַנצע ווירטשאַפט־לעכע לעבן פון די יידן אין די שטעטלעך געווען פּאַראַליזירט, בפרט צווישן די יידן אין גאַליציע, ווו עס איז גרויס געווען די אמונה ביי אַלעמען, אַפילו ביי די פרייע. און אַ וואָרט פון אַ צדיק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט געשטעלט דערויף מויערן. אין דאָזיקן יאָר האָט מען גענצלעך אָנגעהויבן זיך צוריקצוציען פון די געשעפטן, ליקווידירן די קראָמען, פאַרקויפן די הייזער צו גויים, די פעלדער צו פּריצים בחצי חינם און מען האָט געגעסן פון קאַפּיטאַל, גרייטנדיק זיך מיט פרומקייט און מעשים טובים אויף משיחן, וואָס קלייבט זיך שוין אין וועג אַריין און דאַרף אָקאָרשט קומען.

ענדלעך האָט זיך דערנענטערט דאָס לאַנג־דערוואַרטעטע יאָר, דאָס יאָר: כת״ר...

די ימים נוראים פון דאָזיקן יאָר האָבן יידן דורכגעלעבט מיט אמתדיקער קדושה וטהרה, מיט תשובה און צדקה. עס האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן „מיינס און דיינס". יידן האָבן פאַרגעסן זייערע אַלטע חשבונות, מחלוקת און קנאה שנאה. מען האָט זיך איבערגעבעטן איינער מיטן אַנדערן, מען האָט זיך געהאַלזט און געקושט ווי האַרציקע ברידער און מען האָט זיך געגרייט צו דעם גרויסן טאָג וואָס דאַרף קומען.

די שטימונג איז געווען אַ פריילעכע, אַ געהויבענע, די שפּאַנונג איז געוואַקסן מיטן יעדן טאָג. די אמונה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויפהויבנדיק זיך אין דער פרי האָט מען אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו זען אויב משיח איז שוין געקומען...

קינדער האָבן זיך געלייגט שלאָפן מיט ציטערניש, מיט דערוואַרטונג, אַנזאָגנדיק זייערע עלטערן, אַז טאָמער קומט משיח זאָל מען זיי אויפוועקן פון שלאָף, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרשלאָפן דעם גרויסן מאָמענט. אין אַזאַ שטימונג זענען אַריבער די ימים נוראים פון יאָר כת״ר און עס איז אָנגעקומען דער יום־טוב סוכות.

חסידים האָבן, פונקט ווי אין די ימים נוראים, אויך נישט געוואָלט בלייבן אין דער היים אין סוכות. ווי אַזוי קען מען אין אַזעלכע הייליקע און דערהויבענע טעג בלייבן אין דער היים, נישט געפינען זיך צוזאַמען מיטן צדיק הדור, טיילן זיך מיט אים די כיסופי גאולה און צוזאַמען מקבל פנים זיין דעם מלך המשיח.

האָט זיך צום יום־טוב סוכות פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם אין שטעטל דזשיקאָוו ביים רבין ר׳ אליעזרל דזשיקאָווער, אַ זון פון הייליקן רבין ר׳ נפתלי ראָפּשיצער זצ״ל. נאָך קיינמאָל האָט מען אין דזשיקאָוו אַזאַ גרויסן עולם נישט געזען. און דער עולם איז נישט באַשטאַנען פון לויטע חסידים, איידעלע יידן און בעלי מדרגה, נאָר אויך פון סתם יידן, יידן מיט באַגרענעצטע מוחות און קליינע השגות — יידן פון אַ גאַנץ יאָר.

דער רבי ר׳ אליעזר, באַטראַכטנדיק דעם עולם, איז אים געוואָרן שווער אויפן האַרצן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעקאָכטער, אַ פאַרביטערטער. חסידים האָבן זיך דערויף זייער געוווּנדערט. נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה. געהאָפט האָבן זיי צו געפינען דעם הייליקן רבין אַן אויפגע־

לייגטן, אַ מונטערן, לסוף איז ער גאָר צוגעלייגט, אומעטיק, פאַרשליסט זיך גאָר, לאָזט נישט אַריין קיינעם צו זיך...

דאָס דאָזיקע האָט מען באַטראַכט פאַר אַ נישט גוטן סימן. די הערצער ביי די בני עלי׳, האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן און שוועבן צווישן האָפענונג און שרעק.

דערווייל האָט מען זיך געגרייט צום יום־טוב. די שטענדיקע סוכה איז געווען צו קליין פאַר אַזאַ גרויסן עולם, האָט מען געמוזט אויפשטעלן אַ ריזיקע סוכה, כדי דער גאַנצער עולם זאָל האָבן ווו צו עסן, לפחות ווו צו שטיין.

עס איז געקומען די ערשטע נאַכט יום־טוב. דער רבי האָט געזאָגט אושפיזין, קידוש געמאַכט מיט גרויס התלהבות, ביים טיש געשמועסט פייערדיקע תורה וועגן דעם ענין פון גאולה שלמה און אמונת המשיח. אַ שרעק האָט אַלעמען באַהערשט. דער עולם איז געשטאַנען צונויפגעדריקט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מען האָט זיך צוגעהערט צו יעדן דיבור, צו יעדער תנועה פון רבין, אָבער מען האָט נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז די ווערטער פון רבין באַשטעטיקן דאָס, וואָס ס׳איז געווען איינגעפּרעסט אין האַרצן פון יעדן יידן, אַז ענדלעך האָט מען דערלעבט דעם גרויסן מאָמענט, אַז משיח קומט טאַקע היי־יאָר.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען געענומען בענטשן. דער עולם האָט געבענטשט בחיפזון, איילנדיק זיך, כדי צו קענען אויסהערן מיט כוונה ווי אַזוי דער רבי בענטשט אויפן קול. דאָס מאָל האָט דער רבי זיך לענגער פאַרזוימט ביים בענטשן, ווי ער איז תמיד געוווינט געווען. פון צייט צו צייט איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס דבקות, פאַרטראַכט זיך שטיל, געשוויגן, באַלד דערנאָך ווידער אָנגעהויבן, אַזוי האָט עס זיך פאַרצויגן אַ לענגערע ווײַלע.

פלוצלינג האָט דער רבי ר׳ אליעזרל פון דזשיקאָוו זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אַ געשריי געטאָן מיט גרויס התלהבות:

— רבונו של עולם, מיר בעטן דיר: הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת — דו זאָלסט אונדז אויפשטעלן דאָס חרוב געוואָרענע בית המקדש. — רבונו של עולם! שיק אונדז דעם מלך המשיח, אָבער נישט אין היינטיקן יאָר, נישט אין יאָר שנת תר״כ...

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דעם רושם וואָס די דאָזיקע דיבורים האָבן אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם געמאַכט. אין שרעק האָבן זיך די חסידים אָנגעקוקט. ביי יעדן האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מעשה איז נישט פשוט, אַז עס איז עפּעס געשען. וואָרום ווי דען קען מען פאַרשטיין די תפילה פון רבין, אַז משיח זאָל נישט קומען היינטיקס יאָר, ווען די גאַנצע וועלט איז בטוח, די ספרים זענען מרמז און אַלע יידן זענען שוין גרייט פאַר משיחן...

אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע און באַלד האָט זיך ווידער אַמאָל געהערט די ציטערדיקע שטים פון רבין ר׳ אליעזרל, וועלכער האָט אויסגערופן ווי נישט מיט זיין קול:

— מורי ורבותי! האַרציקע יידן, מאמינים בני מאמינים! אתם עדי, איר זייט מיינע עדות, אַז איך שווער פאַר אייך, ה י י נ ט י ק ס יאָר וועט משיח נישט קומען.

באַלד האָט דער רבי פאַרענדיקט דאָס בענטשן, אויפגעהויבן זיך פון טיש און ביי אַ צעטומלניש פון גאַנצן עולם פאַרלאָזט די סוכה, אַריין צו זיך אין צימער מיטן געפיל, אַז ער האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט, דערפילט אַ הייליקע אויפגאַבע...

שווער צו שילדערן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן אין דזשיקאָוו. אַ שרעק און אַ בהלה האָט באַהערשט פון גרויס ביז קליין. געלייגט אַזוי פיל האָפענונג, געמאַכט אַזוי פיל הכנות — און דאָ נאָדיר אַזאַ געשיכטע. ער בעט זיך גאָר רחמים משיח זאָל נ י ש ט קומען היי־יאָר. מיטאַמאָל זענען צעשוווּמען אַלע האָפענונגען, וואָס מען האָט געלייגט אויפן יאָר כת״ר. וואָרעם עס איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען, וואָס נאָך די תפילה פון צדיק און נאָך זיין האַרבער שבועה, וועט שוין משיח זיכער נישט קומען אין היינטיקן יאָר, אין דעם האָט שוין קיינער נישט געצווייפלט. ווייל עס איז דאָך באַוווּסט דער מאמר: הקב״ה גוזר וצדיק מבטל, און ממילא פאַרקערט אויך: צדיק גוזר והקב״ה מקיים...

אָבער וואָס איז פאָרט די סיבה וואָס האָט געבראַכט דערצו — האָבן חסידים זיך געבראָכן די קעפּ — פאַרוואָס איז דער רבי אַרויס פון זיין גדר, פון זיין שיטה, פון זיין געוווינהייט און זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ שרעקלעכער און נישט באַגרייפנדער שבועה, מרי דעלמא כולה, וואָס אַזעלכעס האָט פאַסירט, צי איז נישט אַמאָל „יד השטן באמצע״?

ערשט אין חדשים שפּעטער, ווען חסידים האָבן שוין אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען צו דערגיין די זאַך, האָט עס דער רבי ר׳ אליעזרל אויפגעקלערט פאַר זיין זון און ממלא מקומו, דער באַרימטער רבי ר׳ מאירל דזשיקאָווער. און דערקלערט האָט עס דער רבי אַזוי:

— איך האָב געזען און געפילט, דאָס די אמונה, אַז היינטיקס יאָר קומט משיח איז זייער שטאַרק ביים המון־עם און ווער עס וואַגט צו זאָגן אַנדערש איז מען אים גרייט קורע כדג צו זיין, דערפאַר האָב איך מורא געהאַט טאָמער ח״ו וועט משיח נישט קומען און יידן וועלן בלייבן אַנטוישט, פאַרביטערט, וועט מען זיך אינגאַנצן מייאש זיין און בכלל אויפהערן צו גלויבן אין ביאת המשיח. און אַפילו צווישן חסידים וועלן זיך מערן אַפּיקורסים, וואָס וועלן שוין מער בכלל נישט גלויבן אין דער גאולה. און כדי דאָס צו פאַרמיידן, כדי אויפצוהאַלטן די אמונה אין ביאת המשיח אַפילו ווען ער וועט נישט קומען היי־יאָר, האָבן מיר מכריז געווען, אַז אין שנת תר״כ וועט משיח נישט קומען, ממילא וועט די אמונה אין ביאת המשיח נישט ליידן, מען וועט זאָגן, אַז אליעזרל דזשיקאָווער איז שולדיק דערין, וואָס משיח איז נישט געקומען אין שנת כת״ר, ער האָט „מעכב״ געווען די גאולה...

ערשט ווען די שבועה פון דזשיקאָווער רבין איז באַקאַנט געוואָרן, איז די וועלט צוריק געוואָרן אַ וועלט, יידן האָבן זיך צוריק גענומען צו זייערע מסחרים, אָנגעהויבן האַנדלען, וואַנדלען, עוסק זיין במצוות, שיקן די קינדער אין חדרים און אַלץ האָט זיך צוריקגעקערט צום אַלטן. די אמונה אין משיחן איז נישט שוואַכער געוואָרן, אדרבא, זי איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. יעדער האָט געגלויבט, אַז די צייט איז נאָכנישט געקומען, ווייל יידן זענען נאָכנישט גרייט, נאָכנישט מתקן געווען אַלץ וואָס יידן האָבן מתקן צו זיין אין גלות. און דעריבער דאַרף מען מער עוסק זיין אין תורה און מצוות, כדי מען זאָל באמת ראוי זיין צו דער גאולה שלימה און צו ביאת המשיח.

אָבער אין דער ערשטער צייט, ווען איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן וואָס איז די מעשה וואָס מען זעט נאָך אַלץ נישט משיחן — האָט ער תמימותדיק אָפּגעענטפערט, אַז דער דזשיקאָווער רבי לאָזט נישט, וואָס זאָל מען מאַכן, משמעות אַז אין הימל וויל מען זיך נישט איינרייסן מיטן דזשיקאָווער צדיק הדור...

איבערגעגעבן צום דרוק דורך:
רבקה פליישער (איינהאָרן)

דער זיידע ר' משה אורישנס, ווערט דעם סאנדזער רבינס מחותן...

(אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער זיידן ביים רבין ר' מאירל פון דזיקאָוו ז"ל)

דאָס האָט פּאַסירט מיט העכער 100 יאָר צוריק און אונדזער זיידע, וועלכן מ'האָט אין שטעטל גערופן משה אורישנס (ווייל זיין פאָטער האָט געהייסן אהרן, אַריש), פלעג דערציילן די דאָזיקע מעשה, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אין טיפן עלטער, דעריבער איז די מעשה פאַרבליבן גוט אין זכרון צוגלייך מיטן געשטאַלט פונעם זיידן: אַ זקן מופלג, מיט זיין שניי־ווייסער באָרד, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן פנים און מיט א שטענדיקן צוגעפּאַסטן וויץ פאַר אַ יעדערן, פלעג ער פאַר יעדן איינעם דערציילן די וווּנדערלעכע מעשה וואָס האָט מיט אים פּאַסירט מיט פיל יאָרן צוריק. און אַזוי האָט דער זיידע דערציילט:

איינמאָל אין אַ פּראָסטן וואָכנדיקן טאָג, ווען איך האָב געהאַלטן אין מיטן באַקן דאָס ברויט, קומט צו גיין אַ שליח פונעם דעמאָלסדיקן שטאָט־רב, דער רבי ר' מאירל, איך זאָל גלייך אַריבערגיין צום רב, ווייל ער דאַרף מיך האָבן. דער זיידע, נישט פרעגנדיק קיין קשיות, איז גלייך — זייענדיק אין די בגדי עבודה — אַריבערגעלאָפן צום רב. ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן דעם רבס שוועל, רופט זיך אָפּ דער רב צו אים: „משה! גיי אַהיים, נעם מיט זיך טלית און תפילין, די שבתדיקע זיידענע בעקעשע מיטן שטריימל און קום גלייך צו מיר מיט דעם אַלעם, ווייל די צייט איז קורץ, ס'איז נישט דאָ קיין סך צייט".

פאַרשטייט זיך, אַז דער זיידע האָט — נישט פרעגנדיק קיין שום שאלות — באַלד אויסגעפירט דעם באַפעל פון רבין. ווען דער זיידע איז צוריקגעקומען מיט דעם גאַנצן „פעקל", האָט אים דער רבי ר' מאירל אַריינגעפירט צו זיך אין חדר און געזאָגט: אַזוי ווי מיר האָבן זיך משדך געווען מיטן סאנדזער רב און ס'איז שוין געקומען דער זמן־חתונה, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דו משה, וועסט פאָרן מיט מיין זון דעם חתן אהרעלע אויף דער חתונה און דו וועסט, אַנשטאָט מיר, זיין דער מחותן מצד החתן... מיר פאָרן נישט אויף דער חתונה". דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס ביידע מחותנים זענען געווען ברוגז. ווייטער האָט דער רבי ר' מאירל געזאָגט צום זיידן: „איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט נישט נהנה זיין גאָרנישט פון דער חתונה, אַפילו אַ טרינק וואַסער נישט, נאָר איך גיב דיר מיט אויף דער חתונה פון כל־טוב און נאָר פון דעם זאָלסטו נהנה זיין. אפילו „לחיים" זאָלסטו טרינקען נאָר פון דעם יי"ש וואָס דו וועסט מיטנעמען פון דער היים. האָסטו פאַרשטאַנען, מחותן?

דער זיידע האָט צו אַלעם מסכים געווען און באַלד האָט מען זיך געגרייט צום פאָרן. אַלץ איז שוין געווען איינגעפּאַקט און גרייט אין וועג אַריין. אַזוי ווי אין יענער צייט איז נאָך קיין באַן אין דזשיקאָוו נישט געווען, האָט מען געדונגען אַ גרויסן וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי גרויסע, געזונטע פערד, אַרויפגעלייגט די אַלע פעק. דער חתן און דער זיידע דער „מחותן", האָבן זיך געזעגנט מיטן רבין ר' מאירל, אַרויף אויפן וואָגן און געפאָרן קיין דעמביץ, וואָס פון דאָרט איז שוין געגאַנגען די באַן ביז סאנדז. דער חתן, זעענדיק אַ באַן דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, האָט מורא געהאַט אויפצושטייגן אין וואַגאָן און דער זיידע האָט מיט כח אים געמוזט אַריינשטופּן אין וואַגאָן. אַזוי זענען זיי בשלום אָנגעקומען קיין סאנדז.

און אַזוי האָט דער זיידע דערציילט: „איך האָב אַלץ גענוי אויסגעפירט וואָס דער רבי ר' מאירל האָט מיר אָנגעזאָגט, געווען דער גאַנצער מחותן פון חתנס צד. די חתונה איז געווען אַ גרויסע רבישע חתונה, אויף וועלכע עס זענען געווען פיל גרויסע רבים און צדיקים, וועלכע איך האָב נישט געקענט, און איך „משה בעקער" צווישן זיי, אַלס

פאַרטרעטער פון דזיקאָווער רבין, דעם מחותן. מען האָט זיך זייער משמח געווען, נאָר איך האָב געמוזט היטן דעם אָנזאָג פון ר׳ מאירלען און האָבן פון דער חתונה גאָרנישט טועם געווען, נאָר פון דעם, וואָס כ׳האָב מיטגענומען פון דער היים. אַזוי האָב איך אויסגעפילט מיין שליחות און באַלד נאָך דער חתונה זיך אומגעקערט אַהיים.

אַהיימקומענדיק בין איך גלייך אַריין צום רבין און געזאָגט: „רבי! איך האָב אויסגעפירט דאָס אַלעס וואָס איר האָט אויף מיר גוזר געווען”. דער רבי האָט זיך אויסגעפרעגט אַלץ גענוי ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען און נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט אַלץ צו דערציילן, זאָגט צו מיר דער רבי: „משה! מיט וואָס זאָל איך דיר באַצאָלן פאַר דיין טרחה? זאָג, וואָס דו ווילסט, קענסט דיר יעצט אויסוויילן, וואָס נאָר דו פאַרלאַנגסט”. האָב איך איבערראַשט געזאָגט: „רבי! וואָס זאָל איך פון אייך בעטן? יונג בין איך, געזונט בין איך ב״ה, און פרנסה האָב איך אַ דאַנקען ג־ט, איז מיין איינציקער ווונטש אַ לאַנג לעבן”. האָט דער רבי ר׳ מאירל אַרויסגענומען אַ מטבע, מיר דערלאַנגט און געזאָגט: „משה! איך גיב דיר די מטבע, זאָלסט זי גוט האַלטן און אָפּהיטן, וועסטו אַזוי לאַנג לעבן ווי דו וועסט וועלן.”

מיט דער ברכה איז דער זיידע אַהיימגעקומען אַ גליקלעכער, אַ פריילעכער. די דאָזיקע מעשה האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין גאַנצן שטעטל און אַ לאַנגע צייט איז עס געווען דאָס געשפּרעך פון די שטעטלדיקע יידן. אויך איז די מעשה געווען באַוווסט צווישן אַלע דזיקאָווער חסידים פון נאָענט און פון ווייט און פיל חסידים זענען געקומען זען דעם זיידן, וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין דער „מחותן” פון גרויסן רבין ר׳ חיים פון סאַנדז אויפן אָרט פון רבין ר׳ מאירל פון דזשיקאָוו.

מיר ווילן איבערגעבן איין אינטערעסאַנטן פאַקט: אין יאָר 1914 אין דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די רוסן זענען אַריין צו אונדז אין שטעטל, האָבן זיי געמאַכט אַ בלבול, דאָס עס זענען פאַראַן אין שטעטל שפּיאָנען, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט באַלד געכאַפּט די „שפּיאָנען”: עטלעכע דזשיקאָווער יידן. די רוסן האָבן אַרויסגענומען די יידן צום שיסן און צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער זיידע. פלוצלינג, נאָכדעם ווי אַלע זענען שוין געווין צונויפגעזאַמלט אויפן פּלאַץ ווו דער אורטייל האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן, איז אָנגעקומען אַ באַפעל פריי צו לאָזן אַלע יידן. דאָס איז געווען ממש אַ נס. און דאָס איז געווען זיכער אַ דאַנק די ווונדערלעכע מטבע וואָס דער זיידע האָט ביי זיך געהאַלטן, ווען מען האָט אים געפירט צו הרגענען. אַ דאַנק דעם זענען אַלע יידן ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אַזוי האָט דער זיידע אויסגעלעבט זיינע יאָרן געזונטע און צופרידענע און שטענדיק דערציילט די ווונדערלעכע מעשה און אויך געטראָגן מיט זיך די מטבע, וועלכע איך געדענק נאָך גוט, ביז ער איז אַלט געוואָרן 94 יאָר, דאָס איז געווען אין יאָר 1936.

אין דאָזיקן יאָר האָט חתונה געהאַט זיינס אַן אייניקל, איידל האָט זי געהייסן. אין טאָג פון איר חופּה, ווען זי איז אַריינגעקומען צום זיידן ער זאָל איר געבן זיין ברכה, האָט דער זיידע צו איר געזאָגט: „מיין קינד, איך גיב דיר די גרויסע מתנה וואָס איך האָב באַקומען פון הייליקן רבין ר׳ מאירל, די טייערע מטבע וועלכע האָט מיך געהיטן פון אַלעם שלעכטס, ווייל איך האָב שוין גענוג געלעבט און גיי שוין דאָס יאָר אַהיים”. אין דעם יאָר איז ער טאַקע נפטר געוואָרן.

צום סוף וויל איך באַמערקן פאָלגענדעס: אַ פאַקט איז, וואָס כל זמן די מטבע האָט זיך געפונען אין זיידנס רשות האָט זי געווירקט, אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט. איבערגייענדיק אין אַ צווייטנס רשות האָט שוין די מטבע נישט געהאַט איר קראַפט און נישט געווירקט. און דאָס האָבן מיר געזען אין דעם לעצטן גרויסן חורבן: די מטבע, וואָס ד׳אָס אייניקל איידל האָט איבערגענומען פון זיידן האָט נישט געווירקט זי זאָל בלייבן לעבן און זי איז נעבעך אומגעקומען מיט איר מאַן יוקיל קליין און זייער קינד, פון די נאַצישע רוצחישע הענט, גלייך מיט אַלע יידישע קדושים.

דאָס איז די ווונדערלעכע און אויך אמתע מעשה, וואָס איז ווערט זי זאָל איבערגעגעבן ווערן פאַר די צוקונפטיקע דורות אינעם יזכור בוך פון שטעטל דזשיקאָוו.

איבערדערציילט פון זיינע אייניקלעך

הערשל און **קיילה קנאבלער**

יצחק גוטוויין

רבנים פון פינף דורות

(אויסצוגן פון ביכל: „אַ זכר פון מיין שטעטל דזשיקיוו״)

דאָס שטעטל דזשיקאָוו איז באַקאַנט געווען אין דער וועלט, נאָך פון אַלטע צייטן, דורך אירע באַרימטע חסידישע רביים זינט פינף דורות.

דער ערשטער דזשיקיווער רבי, ר׳ אליעזר זצ״ל, גרינדער פון דער דזשיקיווער רבישער דינאַסטיע, איז געווען אַ זון פון ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער זצ״ל, וועלכער האָט צו זיך געהאַט צוגע־צויגן חסידים פון דער גאַנצער געגנט. נאָך מער פאַרשטאַרקט האָט זיך דאָס דזשיקיווער חסידות אין דער צייט פון זיין זון ר׳ מאירל זצ״ל מיט זיין באַרימטן חבור „אמרי נועם״, אַ גראַנדיעז ווערק אויף תורה און הלכה, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין חסידישע קרייזן. נאָך אים, ר׳ מאירל זצ״ל, האָט איבערגענומען דאָס כסא־רבנות זיין זון ר׳ יהושעלע דזשיקיווער זצ״ל, באַקאַנט פון זיין חבור „עטרת ישועה״. ער איז געווען מפורסם אויף דער וועלט, סיי אַלס גאון, וואָס מיט זיין גאונות און חריפות האָט ער איבערגעשטיגן פיל גדולים און לומדים פון זיין צייט, סיי אַלס רבי, וואָס פיל וווּנדער־לעכע מעשיות ווערן דערציילט וועגן אים. חסידים האָבן גע־שטראָמט צו אים, כדי צו הערן זיין תורה. די גרעסטע רבנים און לומדים פלעגן זיך צו אים ווענדן מיט שאלות ותשובות. ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, וואָס האָט באַ־צויבערט מיט זיינע זיסע האַרציקע טענער און שטענדיק דער־וועקט גרויס התפעלות ביים עולם.

מיט אַן ערך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז דער באַוווּסטער חזן און בעל תפילה ר׳ זיידל ראָווונער געקומען קיין דזשיקאָוו צום רבין רבי יהושעלע און אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיין האַרציקער נגינה, געזונגען מיט גרויס געפיל, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן. ר׳ זיידל ראָווונער האָט אויך געזונגען פאַרן רבין זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס און געוואָלט, אַז דער רבי זאָל אים געבן זיין הסכמה.

...איינמאָל, זייענדיק אין ווין, אַדורכגייענדיק איבער די גאַסן מיט אייניקע חסידים, האָט דער רבי ר׳ יהושעלע דער־הערט שפּילן אַ גרויסן קאָנצערט אין אַ גאָרטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט דאָס שפּילן פון די מוזיקערס שיינע מוזיק. ער איז געשטאַנען פאַרטיפט אין געדאַנקען, אויסגעהערט און נאָכגעפאָלגט מיט גרויס הנאה די קלאַנגען פון אָרקעסטער. פאַרן ענדיקן פון שפּילן האָט דער רבי דער־הערט אין קאָנצערט אַ פאַלשן טאָן. ער האָט געמאַכט אַ באַ־מערקונג צו אַ חסיד:

„זיי האָבן עפּעס פאַרפעלט...״

נאָכן קאָנצערט האָט דער רבי געשיקט דעם חסיד זאָגן דעם דיריגענט, אַז ער האָט פאַרגרייזט און פאַרפעלט אַ פאַל אין דער קאָמפּאָזיציע. עס איז אַרויפגעקומען דער דיריגענט מיטן חסיד צום רבין. זיי האָבן געשמועסט אַ ווײַלע. נבהל ונשתומם זענען געבליבן אַלע חסידים אַרום, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער דיריגענט האָט זיך מודה געווען דערין.

אויך אין וועלטלעכע ענינים האָט דער רבי ר׳ יהושעלע געהאַט אַ גרויסע ידיעה. ער פלעג ליב האָבן, אַז מען זאָל אים פאָרלייענען צייטונגען. ער האָט זיך אויך פאַראינטערע־סירט אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע ענינים. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רביים, האָט ער געהייסן יידן פאָרן קיין אַמעריקע, ארץ־ישראל, ווייל אייראָפּע איז נישט פאַר יידן.

די חסידישע הויפן פון שיניעווע און סאַנדז האָבן שטאַרק געקלאַפּט אויף אים. עס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן ר׳ יהושעלע דזשיקאָווערס „דרך״, הלמאי ער לייענט צייטונגען און מישט זיך אין חול׳דיקער פּאָליטיק. אויף דעם האָט דער רבי ר׳ יהושעלע געזאָגט:

„הלואי וואָלטן זיי אויך געלייענט צייטונגען... וואָלטן זיי געווען גאָר אַנדערש, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און געוווּסט אויף וואָס מען דאַרף בעטן״.

מיט זיין קלוגן פּאָליטישן חוש האָט ער פאָרויסגעזאָגט די ערשטע וועלט־מלחמה, צוויי יאָר פאַר איר אויסבראָך, אין יאָר 1912. ער פלעגט זאָגן, אַז ער זעט, ווי מען שיסט צו אים אַריין אין פענצטער. מען האָט אים אַמאָל פאָרגעלייענט אַן אַרטיקל פון דער ווינער „נייע פרייע פּרעסע״, ווו דער מחבר האָט אויפגעוויזן די מעכטיקייט פון ק. ק. עסטרייכיש־אונגאַ־רישער גרויסמאַכט, האָבנדיק אונטערן זיך פיל לענדער: טשעכן, אונגאַרן, גאַליציע, בוקאָווינע און סערביע. ער האָט זיך צעלאַכט, דער דזשיקאָווער רבי ר׳ יהושעלע, פון די שטותים און נאַרישע אַרגומענטן פון דעם צייטונגס־שרייבער און געזאָגט:

„עסטרייך וועט נאָך האָבן אַ פּנים, ווי ר׳ זיינוול ראָפּ־טשיצערס תפילין־זעקל...״

דערביי האָט ער דערציילט פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצערס אַ חסיד וועמען עס זענען פאַרלוירן געוואָרן דער טלית און תפילין און דער חסיד האָט גענומען שטאַרק זוכן. האָט אים דער רבי געפרעגט: „זיינוול, וואָס זוכסטו דאָס אַזוי שטאַרק?״

„טלית און תפילין״. — האָט געענטפערט ר׳ זייוול אַ פאַרזאָרגטער.

דער רבי ר׳ נפתלי האָט אים געמאַכט אַ חשבון, אַז ער דאַרף גאָר נישט זיין אַזוי צעטראָגן. ווייל סך־הכל האָט ער מער נישט פאַרלוירן ווי דאָס בלויזע זעקל...

„וואָרום, דער טלית ביסטו דאָך מודה, איז געווען אַ טער־קישער... די תפילין זענען איין פאַר רש״ס און איין פאַר רבינו ת״מ׳ס... דיין אייגנס איז נישט מער געווען, נאָר דאָס בלויזע זעקל...״

רבי ר׳ יהושעלע האָט דאַן געזאָגט:

„און איך זאָג אייך, אַז עסטרייך־אונגאַרן וועט אויך פאַר־

בלייבןביים בלויזן זעקל... ביי ווין מיט דער פראָווינץ..."
און אַזוי איז טאַקע געשעען.

***

...דער לעצטער דזשיקאָווער רבי איז געוועזן ר׳ אַלטערל, דער זון פון „עטרת ישועה", וועלכער איז געקרוינט געוואָרן אַלס דער ממלא מקום נאָך זיין פאָטער און הונדערטער חסידים זענען פאַרבליבן שטאַרקע אַנהענגערס און צוגעבונדן צום אים. אויף אַ רגל פלעגן אַנקומען מאַסן חסידים פון די ווייטסטע מקומות. חסידים זענען געקומען זיך שואל־עצה זיין מיטן רבין. דאָס רבנות פון שטעטל האָט ער איבערגעגעבן זיין זון ר׳ מענדעלען און ער אַליין האָט זיך געצויגן קיין טאַרנע. אַ פאָר מאָל אין יאָר איז ער געקומען קיין דזשיקאָוו אויף יאָר־צייטן פון „עטרת ישועה" און פון זיידן „אמרי נועם". אין טאָג פון די יאָרצייטן פלעגן קומען הונדערטער יידן פון פאַר־שידענע געגנטן און פון די אַרומיקע שטעטלעך: מאדין, קאָל־בישעוו, בארניוו, מיעלעץ, צויזמיר, קאָפּשעוויניצע. דאָס שטעטל אין געוואָרן אָנגעפילט מיט מאַסן מענטשן. מענער, פרויען און קינדער האָבן געשטראָמט צום בית־עלמין, צום אוהל, ווו עס רוען די גרויסע צדיקים. אויפן גרויסן פלאַץ נעבן בית־עלמין איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. ווייבער און קינדער זענען געזעסן צעלייגט אויפן גראָז, נעבן פערד און וועגעלעך, דראָזשקעס און אויטאָס. אין אוהל האָבן געברענט פיל חלבנע ליכט. אויף די קברים זענען געלעגן צעשיט קוויטלעך. אַ הייס געבעט און געוויין האָט זיך געגאָסן פון אַ יעדנס האַרץ. צענ־דליקער אַרעמעלייט זענען געשטאַנען אַרום און געבעטן נדבות...

***

...שטאַרק באַליבט ביי דער גאַנצער שטאָט אָן אויסנאַם, אַפילו ביי די מאָדערנע און נישט חסידישע קרייזן, איז געווען דער יונגער רב רבי מענדעלע, וועלכער האָט ביי איין און צוואַנציק יאָר אָנגענומען דאָס כסא־הרבנות פון זיינע על־כער זיידעס: רבי אליעזרל „אמרי נועם" און „עטרת ישועה". ער האָט געהאַלטן דרשות אין שטאָטישן בית־המדרש און דער עולם איז געווען באַגייסטערט. ער האָט געשפּרודלט מיט שאַרפזיניקייט און חכמה, געשמט אין גאַנץ מערב־גאַליציע און ווייט אויסער די גרענעצן פון פוילן. דאָס שטעכל האָט שטאָלצירט מיט זיין יונגן מרא דאתרא, וואָס האָט זיך געוויזן פאַר אַ גדול בתורה און וועט באַשיינען די וועלט מיט זיין גאונות ווי זיינע זיידעס. זיין איינפלוס איז געווען אַ שטאַרקער אויפן שטעטל אין אַלע ענינים. קיינער האָט זיך נישט געוואַגט אַנטקעגנשטעלן דעם רבס אַ וואָרט, צוליב דעם וואָס מען האָט באַוואונדערט זיין יונגע ענערגישע שטע־לונג בנוגע שטעטלדיקע קהלישע ענינים. אַ שטעטל ווו עס זאָל נישט זיין מחלוקת פון צוויי צדדים, געפינט מען נישט לייכט. מען איז נישט מסכים מיט אַלעם, ווי עס פירט זיך אין קהל. עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן זיך ליב אַרויסצושטעלן. אָבער בנוגע דער פערזענלעכער אויטאָ־ריטעט פון רב איז אַלץ געבליבן שטיל. זיין שיינע גע־שטאַלט און הויכער געבוי, זיין רונד פנים מיטן יונג שפּי־



האדמו״ר ר׳ אלטר הי״ד עם קבוצת חסידיו בחזרה מהאוהל, ביום היאָרציים של אביו

מימין: משה גלדציילר, ×, יהושע פניכל, (בנו של ר׳ אהרן דוד פניכל), לייבצ׳ה קורנבליט, לייבל׳ה מינצברג, הרבי ר׳ אלטר, ×, הרשלה דרפלר.

צנדיק בערדל, ד׳ געקרייזלטע פאות פון אונטער דעם ברייטן פליושענעם קאַפעליוש, האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמ־קייט און אויטאָריטעט. זיין קלוגע און זעלטענע באַנעמונג האָט דערהויבן דעם כבוד פון שטעטל. דער סטאַראָסטע אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס זיין שטאָט האָט אַזאַ קלוגן „מלאַדי ראַבין״.

***

„אין יאָר 1942 איז דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אלטערל זצ״ל נאָך געווען אין טאַרנע. חסידים פלעגן צו אים אַריינ־קומען דערציילן פאַרשידענע נייעס, געשעענישן און סתם הערן אַ וואָרט, אַ מיינונג פון אים.

אין טאָג ווען די דייטשן זענען באַפאַלן ראַטנפאַרבאַנד, איז אַריינגעקומען צום רבין ר׳ ירוחם צייזלס דער חסיד, דערציילן דאָס גרויסע נייעס און צוגעבנדיק דערביי, אַז רוסלאַנד איז שוין אַריין אין קריג, איז שוין צו האָפן אויף אַ באַלדיקער ישועה. ר׳ אַלטערל אַליין, אַ פיקח, האָט זיך אויסגעקענט אין וועלטלעכע פּאָליטישע ענינים גענוי ווי זיין פאָטער, — האָט אויף אים געוואָרפן אַ שטרענגן בליק און אים געזאָגט:

„ביסט אַ שוטה, ירוחם... עס איז פונקט דער היפּוך דערפון...״

באַלד האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן שרעקלעכע רדיפות. יעדן טאָג האָבן דייטשן אַרויסגעפירט יידן אין אַן אומבאַ־קאַנטער ריכטונג און זיי דערשאָסן.

ווען אַ חסיד, אַ מקורב, איז אַריינגעקומען צום רבין דערציילן די טרויעריקע בשורה, אַז די דייטשע רשעים האָבן געשאָסן אַבוש פאוסט, אַ באַקאַנטן דזשיקאָווער חסיד פון טאַרנע, האָט ער אים געזאָגט:

„הלוואי וואָלט מען מיט מיר אויך אַזוי געטון... איך זאָל נישט דאַרפן אַריינפאַלן אין זייערע רוצחישע הענט און נישט דאַרפן עסן קיין נבלות וטרפות״.

די דאָזיקע ווערטער האָט איבערגעגעבן ר׳ שמחה טוביהס אַן אייניקל, ר׳ ישראל עדער, וועלכער איז געווען אַנוועזנדיק דערביי. דאַן האָבן די דייטשן גענומען דעם דזשיקאָווער רבין און אַוועקגעפירט אין קראָקעווער געטאָ. ז׳ אדר תש״ג האָבן נאַציישע באַנדיטן אים אַרויסגענומען פון שכּוב (פון קראָקעווער געטאָ) און צוזאַמען מיט ר׳ אברה־מעלע פייוולס (וויזענפעלד) אומגעברענגט אויף אַ טראַגישן אופן.

(באַמערקונג פון רעדאַקציע: גענויערע איינצלהייטן וועגן דעם אומקום פון ר׳ אַלטערל, זע אין עברית־חלק, אינעם פרק: ר׳ אלתר הי״ד).



הרב הצעיר ר׳ מנדלה הי״ד
עם חותנו

יושבים מימין: הרב ר׳ מנדלה הור־ביץ מדז׳יקוב, חותנו האדמו״ר ר׳ עמנואל ולטפרייד זצ״ל מפביניץ, נכדו של האדמו״ר בעת חתונתו בשנת תרצ״ח.

דער יונגער רב ר׳ מענדעלע איז געווען אַ צייט אין פלאַשאָווער לאַגער נעבן קראָקע. דאָרט האָט ער זיך גע־האַלטן זייער מוטיק, געטרייסט און געשטאַרקט אַנדערע. ביי־טאָג איז ער געגאַנגען צו דער אַרבעט און ביינאַכט געזעסן און געלערנט. די דייטשע מנוולים האָבן אים איבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער, קיין מאַטהויזן. פון די כסדרדיקע פּיי־ניקונגען איז ער דאָרט שוואַך געוואָרן און פון הונגער און נויט נפטר געוואָרן אין שמחת תורה תש״ד, הי״ד.

די יונגע רבצין האָבן די רשעים אַוועקגעפירט קיין דאַנ־ציק און צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע יידישע פרויען דערטרונקען אין אַ טייך.

זייערע צוויי קינדער — אַ זון מיט אַ טאָכטער, האָבן זיך אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אַרויסגעריסן פון די דייטשע רוצחימס הענט. זיי געפינען זיך היינט צו טאָג אין ישראל. אויך אַ זון פון דזשיקאָווער רבין, ר׳ אַלטערל זצ״ל, ר׳ יהודה, געפינט זיך היינט אין ישראל.

הראה לו הקב"ה לאדם הראשון דור דור ודורשיו
דור דור וחכמיו דור דור ופרנסיו

(מסכת ע"ז, ה')

פרק ג'

משמשים בקודש,
פרנסי העיר,
עסקני צבור

כלי־קודש, ראשי־קהל,
געזעלשאפטלעכע טוער

יעקב פליישר

דיינים ומורי הוראה בדזיקוב

על רבני ואדמו"רי דזיקוב — החל מהרב הראשון לשושלת הורביץ, ר' אליעזר'ל זצ"ל — יכלנו לאסוף חומר מספרים, ומן השמועה, מחיבורים שהם בעצמם חיברו, ומאימרות ותורות שנאמרו בשמם, ולתאר את אישיותם, תקופתם ופעולותיהם — לא כן הדבר ביחס לדיינים שישבו על מדין בעירנו. כאן אנחנו מגששים באפילה, וכמעט שאין לנו שום פרטים על חייהם ושנות כהונתם. מהדברים המעטים, זעיר־פה, זעיר־שם, אי אפשר לקבל תמונה שלימה על אישיותם, מאחר וחומר מודפס כמעט ולא נמצא. גם זקני עירנו, שאולי ידעו משהו, אינם יותר, לצערנו, בחיים. נשאר לנו מקור אחד ויחיד: ספרי שאלות ותשובות, שבהם נזכר לפעמים שם של דיין שהיה בדזיקוב, אך כאמור, זה מעט מדי, כדי ללמוד מכך ולצייר תמונה. לכן אינני יכול להבטיח שאכן יהיה זה מאמר מושלם, שיקיף את כל הדיינים ששימשו בעירנו, ואפילו את אלה שאזכיר, יהיו הפרטים עליהם דלים מאד.

לפי הנראה היו בדזיקוב דיינים, לצד הרבנים, בכל תקופת כהונתם של הרבנים, אלא שאין אנו יודעים עליהם, כשם שאין אנו יודעים על הרבנים הראשונים שהיו בדזיקוב לפני ר' אליעזר'ל. רק על הדיינים ששימשו בזמנם של הרבנים־האדמו"רים יש לנו קצת ידיעות. במאמרי אשתדל ללקט אחת אל אחת, על מנת לקבל תמונה כלשהי — עד כמה שידי מגעת.

ר' לייביש חנה'ס

הדיין הראשון הנזכר בספר הוא המו"ץ („מורה צדק" י.פ.) ר' לייביש חנה'ס. הוא נזכר בספר „בית דוד" מאת „הצעיר שבאלפי יהודה דוד שליסל דומ"ץ („דיין ומורה צדק", י.פ.) דק"ק זבארב", בפתיחה לספר הנ"ל מספר המחבר את המאורע הטראגי של „הקדושים" שנהרגו בדזיקוב ע"י הגראפינה המרושעת (ראה מאמרינו: „הקדושים"). ובדרך אגב הוא מזכיר:

„.... ולחנה בת ר' יוסקה (שהיה אחד מן „הקדושים", י. פ.) היו שני בנים. האחד קראו אותו ר' לייביש חנה'ס, והיה דיין, בק"ק דזיקוב, והשני קראו אותו ר' זיסל חנה'ס, והיה חזן בק"ק דזיקוב". (אגב, מכאן נודע שהיה פעם בדזיקוב עוד חזן...).

יותר לא כתוב. ממילא אין אנו יודעים מזה כלום, אפילו לא באיזו שנים היה דיין בדזיקוב. יש רק להניח, שהיה עוד הרבה שנים לפני בואו של ר' אליעזר'ל לדזיקוב.

ר' יהושע נוסבוים — (הנקרא: ר' יהוש'לע שיינדלס)

הדיין שעליו אנחנו יודעים קצת יותר הוא: ר' יהושע נוסבוים, שהיה נקרא „ר' יהושעל'ע שיינדלס" (כנראה ע"ש אשתו). הוא חי בזמן כהונתו של ה„אמרי נועם" כרב העיר, וכנראה גם בשנותיו האחרונות של ר' אליעזר'ל.

ר' יהושע נוסבוים היה גדול בתורה, את זה אנו רואים לא רק מהכתבים שהשאיר ונתפרסמו בספר שהוצא אחרי פטירתו — אלא שמו נמצא כמה פעמים גם בספרי שאלות ותשובות, בהם מכתירים אותו גדולי הפוסקים, כגאון וכגדול בתורה. הוא עמד במשא ומתן הלכתי כמעט עם כל גדולי גליציה בזמנו, ונזכר בהרבה ספרי שאלות ותשובות.

בספר שאלות ותשובות „חסד לאברהם", מהגאון ר' אברהם תאומים מבוצ'אץ' בתשובה מתאריך י"א אייר תרכ"ו כתוב:

„לכבוד ידידי המופלג, דיין וגריס, מורה ודאין, כש"ת מוהר"ר יהושע נוסבוים, מו"צ דק"ק דזיקוב נ"י". את תשובתו מתחיל הגאון הנ"ל בדברים אלה:

„מכתבו קבלתי, ואני פונה מהמון טרדות, בהיותי נחוץ לדרכי לקאמניץ על איזה שבועות, להשיבו בקצרה".

בספר שאלות ותשובות „שואל ומשיב" (מהדורא רביעאה חלק שני סימן קכ"ד) מהגאון הפוסק ר' יוסף שאול נתנזון מלבוב זצ"ל, כותב הגאון הנ"ל:

„לרב המופלג בתורה מו"ה יהושע נוסבוים, מו"צ ד"ק דזיקוב".

„מכתבו הגיעני היום. והנה אם כי אני עמוס הטרדות, ויאמין לי כי מיום עש"ק עד הנה היה לי הרבה תשובות הנחוצות ועוד לא נשלם, בכ"ז אחרי כי זאת הוא תקנת עגונות, אמרתי להשיב בקצרה לענין דינא".

בספר שאלות ותשובות „תפארת יוסף", מהרה"ג ר' יוסף חנינא ליפא מייזליש, אבד"ק פשמישל, ישנן הרבה תשובות חשובות אל ר' יהושע'לע נוסבוים, והוא מתפלפל עמו ארוכות וקצרות. מענין באיזה תוארי כבוד הוא מכתיר אותו.

בחלק יו"ד, תשובה ג' הוא כותב:

לק"ק דזיקוב

„רב שלום וכ"ט, לכבוד ידיד נפשי, הרב הגדול, החריף והשנון, זית רענן, כ"ש מוה"ר יהושע נוסבוים נ"י.

מכתבו קיבלתי ואמרתי להשיבו תיכף בקצרה, כיד ד' הטובה עלי".

ובחלק אהע"ז, תשובה כ"ז, הוא כותב:

„רב שלום וכל טוב, לכבוד ידידי הרבני המופלג, החריף המשכיל ונבון דבר, החכם ושלם מ' יהושע נוסבוים נ"י.

מכתבו עם שאלתו קבלתי ביום א' שבוע זו, ומחמת כאב החניכיים שהיה לי עד אתמול, לא היה באפשרי לעיין בשאלתו, ואתמול לקחתי לי תיכף פנאי לעיין בדבריו, ונהניתי מדבריו, הבנויים על אדני השכל, והנני משיבו תיכף בקצרה".

דברי הגאון הנ"ל מעידים עד כמה חשוב ונערך היה ר' יהושע'לע נוסבוים בעיני גדולי דורו.

ר' יהושע לא האריך ימים. כל ימיו היה ידוע חולי, ונפטר בדמי ימיו, ולא הגיע אפילו לגיל ארבעים. בכל זאת ישב יומם ולילה על התורה ועל העבודה, וחידש חידושי תורה רבים שהעלם בכתב, אך חלק מכתביו עלו באש, בזמן „השריפה הגדולה", באחת מהשרפות שפקדו את העיר בתקופה ההיא. (ראה הפרק: יסוד העיר והתפתחותה).

את הפרטים המעטים האלה אנו יודעים מההקדמה שכתב ידידו של הדיין, הוא: ר׳ שמעון פרידמן ז״ל, לספרו של ר׳ יהושע׳לע נוסבוים, בשם „זכרון יהושע״, שהוא, ר׳ שמעון גם הדפיסו על חשבונו. ר׳ שמעון בעצמו היה תלמיד חכם גדול (ראה עליו במאמרו של ר׳ דוד שליסל, על ר׳ אליעזר׳ל מדזיקוב) וחיבר ספר על התורה בשם „אמרי שמעון״, לצערנו הספר הזה אינו בנמצא, ואין אנו יכולים לכתוב עליו.

את הספר „זכרון יהושע״ הוציא ר׳ שמעון פרידמן בשנת „ישוב ירחמנו לפ״ק (תרל״ב), וכאמור היה זה אחרי פטירתו של המחבר. יש איפוא להניח, שעברו כמה שנים מפטירתו של הדיין ר׳ יהושע, עד להוצאת הספר (לעיל גם הבאנו תשובה אליו משנת תרכ״ו). ומאחר ור׳ אליעזר׳ל נפטר כידוע בשנת תרכ״א, אין ספק שר׳ יהושע נוסבוים היה עוד דיין בשנותיו האחרונות של ר׳ אליעזר׳ל. אך יתכן שבנו ר׳ מאיר׳ל כיהן כבר אז כרב העיר.

מעניינת הקדמתו של ר׳ שמעון פרידמן, ולכן אני מביא אותה מלה במלה:

בשער הספר כתוב:

זכרון יהושע — „מיוסד על שו״ת, מאת הרב הגדול, החריף ובקי, מו״ה יהושע נוסבוים ז״ל, מו״ץ מק״ק דזיקוב״.

יצא לאור ע״י הרב המופלג בתורה החסיד מו״ה שמעון פרידמן נ״י — בשנת ישוב ירחמנו לפ״ק״.

להלן אנו קוראים בהקדמה:

„אמר המוציא לאור: בלב נשבר אדבר, כי נכזבה מעין המתגבר, אוי לנו כי מבעוד יום נטו צללי ערב, נר אלקים נכבה, טרם הגיעו לארבעים שנה, למקום אבותיו פנה, הוא ניהו ידידנו הרב הגדול, חריף ובקי, כו׳ המנוח מו״ה יהושע נוסבוים ז״ל, מו״ץ דפה, אשר שבק לן חיים. צעיר לימים הלך גלמוד לעולמו, לא השאיר אחריו זרע, להקים לו שם בישראל. כל השומע עיניו תזלנה דמעה, ולבו יאנח על השבר הלזה, כי שושנה נחמדה נקטפה בלא עיתה. ולאשר היה רע כאח לי, בזכרי בו, המו מעי לו. ועוד בו נשמתו, בנועם אמרותיו הטיף צוף מלתו. תכלית ידידות, לזכות רעו אחר פטירתו, ע״כ שמתי אל לבי במה יוכל גבר כמוני לזכותו, לשום לו שם ומזכרת אהבה לעולמי עד, והיה משתאה ומחריש לדעת המנחה אשר תלך לפניו — שרעפי השיבוני, הלא ידוע דברי הזוה״ק (הזהר הקדוש״, י.פ.) כי תורה נקרא בן. לזאת אמרתי אלך נא ואלקטה באמרים להביא על מכבש הדפוס מפרי תנובתו, אשר הולידו עשתונותיו בעת היה בחיים על פני חלד, אם כי מעט המה, בשבטי ישראל אודיע נאמנה אשר הרבה מח״ת (מחידושי תורה״, י.פ) ניצתו בשריפת אש שהיה פה, זה כעשר שנים. וגם חלישת כחו מנעוהו לבלתי ידרוך קסתו, ולחרוט עלי לוח פרי מחשבתו: כי חלאים רבים ונאמנים סבבוהו מיום היוולדו. ומעט אשר השאיר אחריו ברכה, והוא מעט הכמות ורב האיכות, ואמרתי להדפיסם אדרא, לחלקם ביעקב ולהפיצם בישראל, ועי״ז יהיה שפתותיו דובבות בקבר, וישוב ויתהלך בארץ החיים הנצחי, בעמקי ים התלמוד״.

להלן מודיע ר׳ שמעון פרידמן, שאת הספר „זכרון יהושע״ מוציא בהסכמת הרב (ר׳ מאיר׳ל). לאות הסכמה נתן לו בנו של הרב (ר׳ יהושע׳לע) קונטרס אחד מחידושיו שידפיסו יחד עם הספר הזה, וכך הוא כותב:

„ויען כי יראתי מדיבת רבים, אשר יביעו ודברו עלי, מה ראיתי על ככה להדפיס בלתי ידיעת מרן הגאון הקדוש אב״ד דפה שליט״א, לזאת בקשתי מאת בנו, הרב הגאון מו״ה יהושע נ״י, שנתן קונטרס אחד מחידושיו לחברם יחד לעד, כי בידיעתם היה להדפיס הספר הלז, ולקרות את שמו בשם „זכרון יהושע״.

דברי הבעה״ח, יום ג׳ תשא תרל״ב. הק׳ שמעון פרידמן.

להלן הוא מביא את דברי הסכמת ר׳ יהושע׳לע, ולפני זה הוא כותב על ר׳ יהושע׳לע:

„מכתב תעודה, מאת כבוד הרב הגאון, החריף העצום, בקי בחדרי תורה, המפורסם בחריפותו ובקיאותו ע״פ תבל, ענף עץ עבות, מזה בן מזה, בנש״ק, מגזע ישישים, כקש״ת מו״ה יהושע הורוויטץ נ״י, בעהמח״ס „עמק הלכה״.

אחר כך כותב ר׳ יהושע׳לע בהסכמתו:

„למען הפצרת ידידנו, הרב המופלג בתורה, מו״ה שמעון פרידמאן נ״י ולהיות לו לעדה, נתתי לו קונטרס אחד מחידושי, אשר כוננו אצבעותי בעתים הללו, על סוגיה „דבל תוסיף״, לחבר ולספח אותו עם ספר „זכרון יהושע״, מאת ידידנו הרב הגדול המנוח וכו׳, מו״ה יהושע נוסבוים ז״ל, וקראתי את שם הקונטרס „תוספת מצוה״ דברי הק׳ יהושע הורוויטץ מדזיקוב.״

מכל אלה אפשר לעמוד על גדולתו של הדיין ר׳ יהושע נוסבוים ז״ל.

את הספר „זכרון יהושע״ לא ראיתי, הוא איננו בנמצא, לכן אינני יכול לכתוב על הספר עצמו. ראיתי רק את שער הספר, הנמצא גם כשער לספר „תוספת מצוה״, שהיה פעם נספח ל„זכרון יהושע״, וכעת הוא נשאר עם השער, בלי שער העיקרי. ראיתיו אצל הרה״צ ר׳ יהודה׳לע הורביץ שליט״א (בנו של האדמו״ר ר׳ אלטר׳ל הי״ד) בירושלים.

ר׳ ישראל מאיר קירשנבוים ז״ל

אחרי ר׳ יהושע נוסבוים נתקבל כדיין — כנראה עוד בימי ר׳ מאיר׳ל — ר׳ ישראל קירשנבוים ז״ל, אביו של ר׳ פיניע קירשנבוים הי״ד. הוא כיהן אח״כ גם בימיו של ר׳ יהושע׳לע. והגם שר׳ ישראל מאיר היה כבר דיין „בזמן החדש״, והרבה יהודים בדזיקוב עוד זכרו אותו, אפילו בזמננו, בכל זאת אין לנו שום פרטים עליו, ואיננו יודעים בדיוק מתי נתקבל כדיין בדזיקוב, ומתי נפטר.

שהיה גדול בתורה — אנו רואים שוב מספרי שאלות ותשובות. יתר על כן, אנו מוצאים תשובות אליו עוד בטרם שהיה לדיין. ושוב בספר שאלות ותשובות „שואל ומשיב״ מהגאון מלבוב זצ״ל (מהדורא רביעאה חלק שלישי, סימן קי״ט) אנו קוראים:

תשובה: „שלום וכ״ט לכבוד הרב החריף ושנון, מו״ה ישראל מאיר קירשנבוים נ״י.

מכתבו הגיעני אתמול (אין תאריך, לצערנו. י.פ.) ואני עודני יושב בקרית חוצות (נראה שהכוונה: בעיר מרפא), עוסק ברפואות, ומחוסר ספרים, ומעלתו רוצה להראות חזותו בפלפול, ולולא זאת לא הייתי משיבו, כי אין להשיב בדיני ממונות לאחד שאינו דיין (הדגשה שלי, י.פ.) כמ־

***

מעיר טארנובז׳ג גורשנו. גירוש היהודים מטארנובז׳ג אל השטחים שנכבשו על־ידי הצבא הסובייטי, היה מלווה מחזות דרמטיים. הצטרכו לעבור לפני ועדה מיוחדת, שבדקה את כל יהודי בדיקות אישיות, וגזלה ממנו את כל הכסף ודברי הערך שהיו בידיו. עם מקל נדודים ביד יצאנו לדרך אל הבלתי־נודע. נדדנו ימים ולילות כבני־בלי־בית, דרך שדות ויערות. היתה זו ראשיתה של הטרגדיה.

יעקב פליישר

הנוער היהודי ערב מלחמת העולם השניה

מיד אחרי עלות היטלר ימ״ש לשלטון בגרמניה בשנת 1933, עוד לא ידעו שליטי פולין דאז, שכולם נמנו על אנשי המרשל פלסודסקי „מה טיבו של עובר זה״ ולאן הרוח הגרמנית החדשה נושבת, כי הסיסמאות הלאומיות הקיצוניות שהשמיע היטלר לפני שהגיע לשלטון, לא בישרו טובות לפולין. הם חיכו איפוא להתפתחויות שיבואו בבחינת „נראה מה ילד יום״. בינתיים התייחסה ממשלת פולין למשטר החדש לפי הכלל: „כבדהו וחשדהו״. משום כך בהתחלת „המהפכה הנאצית״, לא חדרה עדיין האנטישמיות הגזעית הנאצית כל כך עמוק אל החוגים הממשלתיים הפול־ניים, ויהודים בפולין עוד לא הרגישו שנוי מהותי במדיניות הפולנית כלפי המיעוט היהודי.

אולם משראו השליטים הפולניים „שאין השד כ״כ נורא״, במיוחד אחרי שבמדיניותו הערמומית התחיל היטלר להתקרב דווקא לפולין ולהתנות עמה אהבים, עד ששלח אפילו את מיניסטר ההסברה והתעמולה גבלס ימ״ש להשתתף בציד ביערות בילובייז׳ — מאז אפשר היה להבחין שנוי ניכר לרעה, כמובן — אצל שליטי פולין ביחס ליהודים, באופן מתמיד. אך כל זמן שפילסודסקי היה חי, לא הגיעו הדברים לממדים רציניים, אין להסיק מכך, שפילסודסקי היה יותר „אוהב ישראל״ מאשר חבריו, אלא הוא היה יותר ער לבטחונה של פולין, ע״כ היה יותר חשדני לגבי „הכוונות הטובות״ של ה„אוהב החדש״.

אולם משמת פילסודסקי בשנת 1935 וה„אהבה הגדולה״ בין שליטי פולין ושליטי ברלין התהדקה יותר — בא השנוי הדרסטי במדיניות הממשלה הפולנית כלפי „בעיית היהודים״, שהתחילה פתאום להדאיג יותר ויותר את שליטי פולין, עד שעלתה לראש דאגותיה של ממשלת פולין. האנטישמיות, שלא היתה חסרה בפולין גם לפני זה, הרימה את הראש והתחילה ללבוש ממדים רציניים.

זה התחיל כמובן בתחום הכלכלי. על ידי הסיסמה המפורסמת לשמצה „אובשם״ ('Owszem') של ראש הממשלה הגנרל סקלדקובסקי היהיר והשחצן, הותרה הרצועה והת־חילה ההתחרות הפראית במסחר ע״י הפולנים על כל תוצאותיה העגומות. סדרה של גזירות רעות, הכבדת עול המסים, מגבלות שונות וסתם פורענויות ניתכו על ראשי היהדות הפולנית בצורות שונות, המצב הלך והחמיר מיום ליום. התרבו גם התנפלויות פיסיות גסות על יהודים ונשמע גם על פוגרומים פה ושם, עדיין בממדים לא כ״כ גדולים.

האוכלוסיה היהודית הגדולה והתוססת בת שלשת המיל־יונים, נאנקה ונאנחה תחת המשטר האנטישמי הגלוי, שכל מעייניו ודאגותיו „לקדם את המדינה״ התבטאו בגזירות חדשות לבקרים על יהודי פולין, אבל לא היה לאל ידם של היהודים לעשות לשיפור המצב. לא הועילו ההסברים והצעקות: האזניים היו אטומות ולבם התקשה כאבן. היהו־דים היו אובדי עצות.

השלטון הנאצי ראה בהנאה גדולה, איך הצליח לבלבל את מוחם וראשם של השליטים הפולנים „הנבונים״ ולהעמיד אותם על הסכנה הנשקפת לפולין מ... היהודים (שחיו במדינה זו יותר מאלף שנים...) והתמוגגו מנחת. הדברים ידועים הם ואין צורך לפרט יותר.

הנוער היהודי — ככל הנוער הרגיש ביותר לתמורות ולמצבים המשתנים — הרגיש עוד יותר את המצב הבלתי נסבל הזה ואי ראיית מוצא ממנו. שערי ההגירה היו סגורים. לא היתה אף ארץ אחת, אף מדינה אחת שהסכימה להכניס מהגרים יהודיים. והגרוע מכל היתה העובדה, שגם שערי ארץ־ישראל היו כמעט סגורים הרמטית בפני הנוער היהודי

שזעק לעליה. המכסה הקטנה של ה„סרטיפיקטים" (רשיונות עליה) שהקציבה ממשלת ה.מ. הבריטית לסוכנות היהודית, היתה בבחינת טפה מן הים לעומת הצרכים הדחופים במצב של סכנת נפשות, אך גם הממשלה הבריטית התכחשה לכל הבטחותיה היפות על הקמת ה„בית הלאומי" ליהודים.

הנוער חיפש דרכים שונות לשנות פני הדברים, בעיקר ע"י יציאה מפולין והתחילו לארגן אפילו עליה „בלתי לגלית", אך כל זה לא היה פתרון ממשי והרבה צעירים הגיעו עד לסף היאוש.

להלן אני מוסר קטעים ממכתב שכתב חברי אברהמ'טשע לבין ז"ל (שהזכרתיו במאמרי „חברי ב„חדר" ובבית המדרש")



עבודת צבא („ביקאָווע")
שורה ראשונה: מימין: גצל שוורץ, אהרן שנל, X, דוד שפינאדל.
שורה שניה: מימין: X, העשו הויזר, X, שלמה בוידא, X, ט. ברגשטיין, נ. נוסבוים, האחרון: נח גוטליב

המשקף נאמנה את המצב ששרר בימים ההם ואת הלך מחשבתם ודאגתם של הצעירים, אפילו מבין חובשי בית המדרש. זהו דוקומנט אוטנטי מזעזע על המציאות המרה בשנים האחרונות שלפני המלחמה.

המכתב המעניין הזה, מהתאריך של „יום ד' פרשת בלק, שנת תרצ"ח לפ"ק, פה דזיקוב", ז.א. כשנה וחדשיים לפני פרוץ המלחמה, שנשלח לקרוב משפחה בארץ ישראל, נשמר עד היום, ונמסר לי ע"י אחיו של אברהמ'טשע — שלום לבין יבלח"ט. המכתב נכתב בעברית צחה, ואפילו מודרנית, ומעיד על ההתלבטויות הנפשיות של צעיר חרדי בימים ההם.

והנה כמה קטעים מעניינים מאותו מכתב:

אחרי שהוא מפתח את הרעיון הפילוסופי של „חומר" „וצורה", הנמצאים בכל הבריאה כולה וביחוד „הצורה" של „המדבר" (ז.א. האדם) שהוא: „השכל", הוא כותב:

„יודע אני את עצמי, ומכיר אני אותי ואת כח שכלי, וכוחות הרוחניים שבי — שאין בי כוח ואין אני מוכשר ומזומן להקדיש כל כוחותי לתכלית הנעלה, „לצורה" אמיתית לבד, „להשכל וידוע אותי", ולכן מוכרח אני לעיין ולחשוב אודות חומר (כפשוטו: חומריות) וצורה. כמאמרם ז"ל: אם אין קמח וכו', ולכן — זה זמן ארוך התחלתי לבקר את... מחשבותי, ז.א. חקרתי ושאלתי את עצמי: כמה מעשיות (פראקטישקייט) (מציאותיות) יש במחשבותי? וראיתי ש־כמעט אין שום מעשיות כלל, שיש רק דמיון ופנטזיה, ובין המחשבה והמעשה, בין הדמיון והפעולה, בין הפנטזיה והריאליזם — יש נתיב ודרך ארוכה, „דיסטנס" רחוק והדרך מלא קוצים... כן, ה„סטרוקטורה" ודרך חיינו בגלות, ובפרט דרך החיים שלנו אנו, ז.א. של החרדים והחסידים, שכל מגמתנו אך ורק למסחר אוירי, וכ"ש של „כלי הקודש" — הוא בלתי נורמלי מאד. וק"ו בן בנו של ק"ו בעת האחרון, לאחר גזירת השחיטה..." (הוא היה בנו של ר' משה'לע שוחט).

לאחר שהוא מסתייע ברמב"ם הלכות דעות, הפוסק ש־„דרך בעלי דעה שיקבע לו אדם מלאכה המפרנסת אותו תחילה, ואח"כ וכו' וכו', ולא להתפרנס מן הצדקה", הוא ממשיך: „ואיך אנחנו עושים, כבעלי דעה, או כאחרונים? לפנים שדרך החיים היה שונה לגמרי משל היום, המצב הכלכלי היה מספיק — לא היו צריכים לחקור ולבקש ולמצוא רמב"ם ז"ל, אבל היום — לישב לחכות ולסמוך על הגורל העתיד לבוא, ולחיות מבלי משים־לב ומבלי לחשוב כלל — אי אפשר מכמה טעמים: א) המצב הפוליטי והאקונומי של יהודי פולין בעת הזאת... דבר שהכל יודעים ומרגישים איך הוא, ואין צורך להאריך בזה. והשני: העולם כולו הוא מטריאליסטי, הדברים הרוחניים והעיוניים, כבר אבדו מהח־שיבות אשר היו להם לפנים. אפילו בעת שעומדים בשעת בחירה בחיים חדשים, רצוני לומר עת שעומדים להתחתן שואלים: „א פאך האט ער"? (מקצוע יש לו?) „פרנסה וועט ער קאנען געבן?..." (יוכל לתת פרנסה) ועוד שאלות כאלה. (והוא מעיר בסוגריים: „כלום כנראה למדו הרמב"ם הנ"ל...). „ואיך איפוא נוכל לומר: אשב במנוחה ומה שעתיד להיות — בא יבוא? ... החיים... היום־יומיים דוחפים ורודפים וצועקים ורועשים: „לך בקש איזה מעמד בחיים, איזה קיום שתוכל לעמוד ולהלחם נגד הזמן הקשה והמר".

והלאה: „אין לך חיים שקטים, חסר אויר צח לנשימה, כי כלו מלא סם של אנטישמיות, כל „שגץ" ו„כוליגן", וכל מי שיש לו יד ורגל, מכים ודורסים אותך..."

ואחרי שהוא מביע לפני חברו את ההתלבטויות הנפ־שיות הפנימיות, ועל זה שכל מחשבותיו שקועות רק בבעיית העתיד שלו, הוא מודיע לו בשמחה על החלטתו ללמוד את מלאכת תיקון אופניים, אצל שאר בשרו ר' קלמן פפר, והוא כותב:

„האברך ר' קלמן פעפער קיבל אותי לחנותו, והיום אני כבר בקי בכל הענינים, ויש לי מעט מרגוע מהמחשבות האי־נעימות...".

וכאן הוא מגלה לו את תכניתו, היות: „כי אפילו במסחר הזה אין כאן בפולין בסיס חזק ואמיץ (אבל הצלה פורתא הוא בודאי, ועל זה הנני אודה לד') ורצוני החזק ובטחוני העז שלא להשאר כאן, רק להימלט, לברוח מכאן... לאן? ל... ארץ ישראל. מי יתן שיתמלאו מחשבותי לטוב".

הוא גם לא שוכח לשאול את החבר מה דעתו על „בעיית החלוקה", שעמדה אז על הפרק. אם הוא מהמחייבים, או מהשוללים? לבסוף הוא עוד מבקש מהחבר, שישלח לו

עתון עברי, ישמח מאד לקבל „עתון עברי ארץ ישראלי״, ויהיה לו אסיר תודה על הטובה הזו.

המכתב הזה מעיד לא רק על ההתלבטויות והתחבטויות, ועל הסבל החומרי והנפשי של הנוער בכלל בימים ההם, והנוער הדתי בפרט, שנמצא במצב ללא עתיד, וללא תקוה למצוא מוצא מהמצב האיום הזה — הוא גם משקף בצורה מוחשית ביותר את הטרגדיה העמוקה של היהדות הפולנית של אותה התקופה: תקופת ערב מלחמת העולם השניה.

שמואל שלר

זכרונות פון בית המדרש

דאָס בית המדרש פול, געפּאַקט. ערנסט, פייערלעך. יידישע הערצער וואַרטן, צאַפּלען, אָט, אָט קומט דאָס נייע יאָר. רבונו של עולם! וואָס וועט עס ברענגען? אין וועלכן ספר האָסטו אונדז פאַרשריבן? מיר און מיין הויזגעזינד??!

מחזורים גרויסע, פאַרגעלטע פון עלטער, אויגן ערנסטע, פאַרטראַכטע, קוקן אין זיי פון אונטער ברייטע שטריימלעך, פון אונטער יינגלשע סאַמעטענע היטעלעך: מען זאָגט „אחות לנו קטנה״. אַ פּיוט וואָס נישט יעדער פאַרשטייט זיינע רמזים, אָבער זייק ענדע רעפריין רעדט צום האַרצן: „תכלה שנה וקללותיה!״ דזשיקיוועד יידן קרעכצן: אוי, טאַטע זיסער אין הימל! גענוג, גענוג שוין צרות און פיין, גענוג באַליידיקונג און דערדריקונג, וויפל איז דער שיעור. —

אַ ייד ווישט פאַרשעמט אַ טרער. דאָס האַרץ ווייטיקט, עס גליסט זיך אַזוי אַ ביסעלע גוטס, אַ ביסעלע גאולה...

שאַ!... ר׳ פּיניע גייט. אַ זעלטענע שטילקייט אין בית־המדרש. די אויגן קוקן אַראָפּ, דאָס האַרץ קלאַפּט, אָט קומט די מינוט. פון אונטערן טלית ביים עמוד הערט זיך פּלוצים אַ רוף:

תחל שנה וברכותיה!

און גלייך ווי כוואַליעס פון אַ פייערלעכן המנון, צעזינגט זיך דער בעל תפילה אַ—אַ—אַ... דער זיסער ימים נוראים נגון. דער עולם האַלט נישט אויס, אַלעס זינגט מיט אַ - אַ - אַ.... דאָס גאַנצע האַרץ גיסט זיך אויס: ברכו את ה׳ המבורך!

אַ גוט יאָר יידן, אַ כתיבה וחתימה טובה! און טאַקע לאַלתר לחיים. אוי, טאַטע זיסער...

דעם חזנס עבודה יום כיפור ביי מוסף

די זון שיינט אַריין אין בית המדרש פון דער זייט פון אַלטן בית־הקברות, אויף די טישן ברענען די הויכע וואַק־סענע, געלע יזכור ליכט, אַריינגעשטעלט אין גרויסע טעפּ אָנגעפּולט מיט זאַמד. דער עולם שוין מיד פון היץ, פון תענית. די זילבערנע עטרות פון די טליתים גליטשן זיך אַראָפּ אויף די פּלייצעס, און דאָרט כאַפּט ווער אַ דרימל, אַנדערע פרווון זיך שטאַרקן מיט אַ שמעק „האַלבשטאַרק״ (אַמאָניאַק) געגומען פון אַ יינגל. לעזער זייגערמאַכער טיילט אַ שמעק טאַביק, — אַפּטשיק... צום געזונט! אַ יישר כח!

דער האַרציקער יום־כיפור־ניגון שוועבט אין חלל פון בית מדרש. דער עולם ברומלט נאָך: ובכן תן כבוד ה׳ לע־מ־ך, אוי! תהילה ליר־אי־ך... — במ־ה־רה בי־מ־נו! שוועד בייצושטיין דעם נגון, ער זינגט זיך פון זיך זעלבסט, גלייך פון האַרצן.

אָט קומט „עלינו״. דער עולם גיט זיך אַ וועק אויף. עס ווערט ערנסט. די עטרות אַרויפגעריקט איבער די קעפּ, דער מחזור נענטער צו די אויגן. אָט, אָט פאַלט מען „כורעים״. הינטער די לאַנגע טישן, צווישן דעם געדרענג פון די צו־געבערענגטע בענקלעך, פאַלן יידן „לפני מלך מלכי המל־כים...״ אַ פרייליכער „היה עם פיפיות״, אַ לאַנגזאַמער — פייערלעכער „אוחילה לקל״, און ס׳קומט די „עבודה״.

***

יאָרן זענען שוין דורך זייט חורבן טאַרנאָבזשעג, יום כפור האָב איך זייט דעמאָלט געדאַוונט אין גרויסע שולן, אין קליינע מנינים — אָבער אַן „עבודה״ ווי פון אונדזער חזן ר׳ יוסף הערצל, האָב איך נאָך נישט געהערט. יעדעס יאָר זעט זי, די עבודה, מיר אויס ווי דעגראַדירט, אַראָפּ פון דער גרויסקייט וואָס זי האָט געהאַט ביי אונדז אין בית המדרש.

דער חזן פאַלט „כורעים״, פלעג איך אַלס יינגל צולויפן זען יעדער באַוועגונג — געמאָסטן, באַרעכנט, ביי יעדן קנייטש און בייג זיך ספּעציעלע מעלאָדיע: א—יא..—יא... היו .. א־א־א־כורעים..... די נגינה פון דערוואַרטונג, זי ציט, זי וועקט, ביז עס דערהערט זיך ר׳ יוסף הערצלס געשטיקטע שטימע, נאָענט פון דער ערד — „ונופלים על פניהם, ואומ־רים...״ שטיל זאָגט מען נאָך דעם המשך פון פּסוק. אָפּגע־האַקט. מאַיעסטעטיש, לאַנגזאַם העלפן אים דין זון ביים אויפשטעלן זיך ווייטער, באַרעכנט, געניי.

און דער „אחת״ ...? אך! וואָס פאַר אַ זיסער אחת! גע־ציילט ממש ווי פּערל, איינס אין נאָך איינס, אין נאָך צוויי... דער עולם זאָגט בכוונה, מ׳האַלט אונטער ווי עס וואָלט אַ הייסע תפילה געווען.

אמת, מה נהדר היה כהן גדול...

כל־נדרי

די שעה דערנענטערט זיך, אָט, אָט, קומט דער יום הדין...

די זון האַלט ביים אונטערגיין הינטער די ביימער פון אַלטן בית הקברות, אירע לעצטע שטראַלן רייסן זיך אַריין דורך די פענצטער. דאָס בית המדרש ווערט פול, אָנגעפּאַקט. אַ געשפּאַנטע שטימונג... ביי די טישן, אויף זייערע „שטעט" זיצן די בעלי בתים איינגעהילט אין קיטלען, אין דעם ווייסן מתים־לבוש. אויף די טישן הויכע וואַקסענע נשמה־ליכט איינגעשטעקט אין ערדענע טעפּ. די טליתים מיט זילבערנע עטרות גלאַנצן פון זיי אַראָפּ. די קעפּ אַריינגעטאָן אין אַלטן געלן מחזור, געקלאַמערט איןביידע הענט — זאָגט מען די תפילה זכה. מען הערט אַ דערשטיקט געוויין, אַ קרעכץ...

די היץ איז גרויס, די לופט געשטיקט. אַלע פרייע פלעצער און דורכגענג זענען פאַרשטעלט מיט בענקלעך, וואָס ייִנגלעך און יונגעלייט, וועלכע האָבן נישט קיין „שטאָט", האָבן זיי געברענגט פון דער היים. מען שטרענגט זיך אָן אויך אין די שווערע באַדינגונגען צו זאָגן די תפילה מיט גרויס כוונה.

פון אויבן, דורך די פענצטער פון עזרת נשים, הערט זיך אַ געוויין, אַ כליפּעכץ. ייִדישע מאַמעס וויינען זיך אויס זייער ביטער האַרץ פאַרן טאַטן אין הימל. פעלט צרות? קינדער זענען קראַנק, טעכטער וואַקסן אונטער און קיין נדן איז נישטאָ, מיט פרנסה איז שווער — אוי טאַטע זיסער, שרייב שוין אָן אַ גוט קוויטל! זאָל דאָס קומענדע יאָר שוין זיין בעסער!

אָפּגעזאָגט די תפילה זכה, בלייבט נאָך צייט צו ווינטשן: אַ גמר חתימה טובה! אַ גוט געזונט יאָר! — גם אתה! יונגערע גייען ווינטשן די עלטערע, שכנים, משפחה און סתם גוטע ייִדן.

די תפילה האָט געפּאָדערט שלמות, תשובה, גוטע מעשים. אַ ייִנגל בין איך געווען, געגלויבט בתמימות, האָב איך געזוכט ווער פאַרווירקלעכן אַזעלכעס אין שטעטל, ווער קען מיר אַלס מוסטער דינען, און דווקא יום כיפור ביינאַכט. ר' אפרימען האָב איך געזען, ר' אפרים (רובינשטיין ז"ל) מיין רבי אין גמרא. אַ ייִד אַ למדן, דורות בית־מדרש־בחורים אין שטעטל האָט ער דערצויגן. אַליין אַ ידוע חולי, נישט נהנה געווען צו פיל פון דער וועלט, איז ער תמיד צופרידן געווען, געגלויבט ג־ט פאַר זיין חלק, און מקפּיד געווען בקלה כבחמורה. געשעצט האָב איך זיין געדולדיקייט צו די תלמידים, זיין איבערגעגעבנקייט און זיין אמונה שלמה. אַ גרויסער עניו געווען, פלעגט ער שטיין ווייט הינטן, ביים כיור נעבן דער טיר, דער מחזור נאָענט צו די קורצזיכטיקע אויגן, איז ער געשטאַנען אויסגעטון פון דער וועלט, נישט געזען און נישט געפילט וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

מיט אימה ויראה פלעג איך זיך דורכפּאַקן ביזן ענדע פון בית המדרש כדי אים צו ווינטשן און נאָך מער, כדי זוכה צו זיין פון אים געבענטשט צו ווערן. מיין ווונטש האָט אים געשטערט, אָבער איך האָב געפילט אַ דערלייכטערונג, צו אַן אמתע ברכה פון אַ ייִד אַ צדיק האָב איך זוכה געווען.

מיט גרויס התלהבות פלעג איך שפּעטער שרייען: מי יעלה בהר ד'? נקי כפיים ובר לבב... און ר' אפרים איז פאַר מיינע אויגן געשטאַנען.

נישט דער איינציקער איז ער געווען. ס'זענען געווען אין אונדזער קהילה פיל, פיל טייערע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געקענט מיט זיכערקייט און בטחון שטעלן לדין ביום הדין.

דרשנים

ייִדן לעכצן נאָך אַ גוט וואָרט.

פון צייט צו צייט קומט אַ בעל דרשער אין שטעטל. גיט אַ קלאַפּ אין באַלעמער און הויבט אָן מיט אַ זינגענדיקן ספּעציעלן ניגון צוצוציען דעם עולם. למדנים אין בית המדרש זענען בייז; אָט איז ווינטער נאָך מעריב, די בעסטע צייט צו לערנען און דאָ, נאַ דיר אַן אַנשיקעניש... אָבער מנהג דורות איז דאָס, וואָס קען מען מאַכן?!

דער פשוטער עולם וועלכער לערנט נישט יעדן טאָג, איז צופרידן. מ'וויל אַ פסוק הערן, אַ שאַרף ווערטל, אַ מעשהלע און אפשר אַ ביסעלע טרייסט.

געבליבן איז מיר אין זכרון „דער משיח", אַזוי האָט מען אים גערופן. אַ ייִד אַ ברייטער, מיט אַ רויטער באָרד, תמיד מיטן שמייכל אויפן פּנים, אַ קאָנגרעס־פּוילישער מיט אַ רונ־דיק טוכן היטל אויפן קאָפּ, פלעג ער זיך אַרומדרייען ווי אַ היימישער אין בית המדרש. יאָר ביי יאָר פלעג ער קומען און באַווייזן באותות ומופתים, דאָס יעצט מוז שוין משיח קומען... ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה: וואָס הייסט דאָס, אַ בפּרושדיקער פסוק איז דאָך פאַראַן אויף דעם!

תרצ"ה — 1935

היטלערס שלטון אין דייטשלאַנד שטאַרקט זיך. זיין חוצפּה ווערט גרעסער, אונדזערע שכנים, די פּאָליאַקן לער־נען פלייסיק זיין תורה פון שנאת ישראל. מיט פרנסה ווערט שווערער, די צוקונפט פאַרנעפּלט, שרייט דער בעל דרשן פון באַלעמער אַראָפּ: ייִדן, זאָרגט נישט! אין פסוק שטייט: „אז תרצה הארץ את שבתותיה". די ראשי תיבות פון „תרצה" זענען דאָך תרצ"ה. נאָך דאָס יאָר קומט די גאולה, חבלי משיח זענען די צרות...

תרצ"ו — 1936

אַבעסיניש - איטאַליענישער קריג. ייִדן קוקן אויס די מפּלה פון מוסאָליני, פון אַלע פאַשיסטן. ייִדן האַלטן פון צדק, פון דעמאָקראַטיע. אין דער וועלט שטייגן אויך די אַנטיפאַ־שיסטישע כוחות: לעאָן בלום שאַפט אין פראַנקרייך דעם פאָלקס־פראָנט, אין שפּאַניע — אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, אין רוסלאַנד איז דאָך סתם אַ מלכות־צדק (ס'שטערט נאָר, וואָס זיי זענען קעגן רעליגיע...). אין איינעם פון די פאַר־נאַכטן דרשנט דער ייִד: „רבותי! עס שטייט געשריבן „בשופר גדול יתקע", דער שופר פון משיח וועט בלאָזן. שופר איז מרמז אויף פרייהייט: ש — שפּאַניען, פ — פראַנקרייך, ר —

רוסלאַנד. ווען די פרייהייט וועט אין די דריי לענדער בלאָזן, דאַן וועט משיח קומען...

יידן הערן און שמייכלען, מ׳לאַכט פון זיין „אויפטו״. אָבער טיף אין האַרצן טרייסט מען זיך: רבונו של עולם, זאָל שוין טאַקע זיין די גאולה! די העכסטע צייט שוין!

שלוש־סעודות

שבת נאָכמיטאָג. דער עולם האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן, מנחה אָפּגעדאַוונט, בלייבט אַ פרייע צייט ביז מעריב. אויסגערוט אין מען, זוכט מען געזעלשאַפט, מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן, הערן וואָס יידן זאָגן. שאַפן זיך „רעדלעך״. דער גאַנצער לערער פּלאַץ צווישן בית המדרש און די שול, ביי די מויערן פון אַלטן בית הקברות ביז צו די יאַטקעס (פלייש געשעפטן) — איז פול. יעדערעס „רעדל״ מיט זיין נאַטירלעכן „ראש המדברים״, דער רעדל־פירער, מיט זיינע כמעט סטאַבילע מענטשן, מיט זיין געוויינלעכן שטענדיקן טעמאַט.

וועגן אַלץ קען מען דאָ הערן. בייג נאָר צו דיין אויער, אַ מינוט, צוויי, און אַלץ וועסטו וויסן. אָט אַ רעדל פון וועלטס פּאָליטיק: דאָ קייעט מען איבער וואָס די צייטונג האָט געשריבן די וואָך, וואָס יענער אויסערן־מיניסטער האָט געזאָגט און וואָס זיין קעגנער האָט אים געענטפערט, וואָס הערט זיך אין פעלקער־בונד אין זשענעווע, און ווי האָט גערעדט דער יידישער „פּאָסעל״ (חבר כנסת) אין פוילישן סיים. פאַרשטייט זיך „דאָס מ׳רעדט נישט סתם אַזוי. די אין רעדל „באַשליסט״ מען ווער איז גערעכט און ווער נישט, דאָ ווייסט מען ווי די זאַך וועט זיך אַנטוויקלען, מ׳גיט עצות... אַלע סודות פון די וועלטס פּאָליטיק ווייסט מען דאָ, פיל מאָל נאָך פריער ווי ווער אין דער וועלט ווייסט דאָס... אַ שאָד נאָר, וואָס אָט די „רעדלפירער״ זענען נישט קיין וועלטס־פירער, זיי וואָלטן די וועלט אָן ספק בעסער און קליגער געפירט...

דערנעבן אַ צווייט רעדל. דאָ קאָכט זיך און ס׳רודערט זיך. קהל פּאָליטיק! ציוניסטן, רבס מענטשן, בעלי מלאכהס. די פּראָבלעמען זענען ממשותדיקע, אַקטועלע — קען מען נישט רעדן שטיל, רויק. ס׳ברענט, אש להבה! היתכן, אַזוי פירט מען אַ שטאָט? וואָס מיינען זיי, מיר זענען נאַראָנים? ביי דער נאָז וועט מען אונדז פירן? די אָפּקלאַנגען פון דעם ויכוח וועט מען זיכער הערן אויף דער נעכסטער זיצונג פון קהל־ראַט.

אָט זיצט ליבער דער בעקער אויף דער לאַנגער באַנק און דערציילט דעם המשך פון זיינע „גבורות״ אין דער ערשטער וועלט־קריג. אויך מיר, יינגלעך, פלעגן דאָרט שטיין און זיך צוהערן. געווען איז ליבער אַ זעלנער ביים קייסער פראַנץ יאָזעף. ער ווייסט אַנצורופן נעמען פון שלאַכטן, פון מאַרשאַלן און גענערעלער, ער ווייסט די „סטראַטעגיע״ און „טאַקטיק״. און ווו איז ער נישט געווען? אַפילו אין לאַנדאַן און דאַכט זיך „געבאָקסערט״ מיט אַ גומענעם מענטש....

אין דערציילונג זיינע האָט מיך דערשיטערט און זיך איינגעקריצט אין זכרון. געווען איז דאָס בשעת אַ באַגנעטן־קאַמף, פּנים אל פּנים מיטן רוסישן שונא. דער באַפעל איז געווען: „שטעך! הרגע דעם שונא, ווען נישט וועט ער דיך הרגענען״. די „אוראַ״ געשרייען זענען געווען שרעקלעך, עד לב השמים. אין אָט דעם שרעקלעכן טומל האָט זיך דערהערט אַ ציטערדיקער שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד! רוסישע ברידער, יידן האָבן דאָס געשריגן, כדי די עסטרייכישע יידן זאָלן וויסן זיי אויסצומיידן. אַזוי אויך האָבן עסטרייכער צו די רוסישע יידן צו רחמנות גערופן. און דאָך איז געשען דאָס אַ ייד האָט געשטאָכן אַ יידן כדי פראַנץ יאָזעף זאָל קעניג בלייבן אָדער כדי צו שיצן דעם רשע, ניקאָלאַי דעם צאַר פון רוסלאַנד. דמים בדמים נגעו... ליבער האָט די מעשה צעצויגן, צוגעגעבן דראַמאַטישע פּרטים, און נישט געענדיקט. דער עולם האָט שטיל זיך צוגעהערט מיט דער האָפענונג, די קומענדע וואָך צו הערן דעם המשך.

געווען איז אויך אַ רעדל פון „חברה קדישא״ מיט זייערע ספּעציפישע ענינים... געווען „רעדלעך״ פון פּאַרטיי־יוגנט. אין די „פּאַכמענערישע״ רעדלעך האָט מען גערעדט וועגן בהמות און יאַלאָווקעס, וועגן מאַרק־טאָג און וועגן פרייזן; יידן האָבן זיך באַרימט מיט געקויפטע מציאות, און נאָך, און נאָך...

אין בית המדרש האָט מען אין דער צייט געפּראַוועט שלוש־סעודות. און דרום זייט, ביי די פענצטער צו דער שול צו, איז געזעסן אלעזר צימערמאַן בראש פון צענדליקער בעלי בתים און געזונגען זמירות. „בני היכלא, בבואו מאדום״ און אַזוי ווייטער. אין בית המדרש אַ פינצטערניש, די לופט אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסטיקן שבת־ריח, די „מאַרשן״ פון די זמירות־זינגער פאַרטרייבט די אומעטיקייט פון דער געזעגנונגס־שעה מיטן שבת־קודש.


פּאָר אונדז חדר־יינגלעך איז דאָס געווען אַ זעלטענע געלעגנהייט אָנצוטאָן „שטיקלעך״, אויפצורעגן די גרויסע. נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך שוין אַרומגעפּלאָנטערט צווישן די רעדלעך, געיאָגט זיך, געפילדערט און מיד געוואָרן — האָט מען זיך אַריינגעגנבעט אין בית המדרש. שטיל, מען זאָל אונדז נישט דערפילן, פלעגן מיר זיך באַהאַלטן הינטער אַ טיש און געזונגען „עוצו עצה ותופר, דברו דבר ולא יקום״. דער סדר פון די זמירות איז געשטערט געוואָרן. די בעלי בתים האָבן זיך אויפגערעגט און געשריגן: שקצים! אַרויס פון דאַנען! אַ חוצפּה דאָס איז! און מיר האָבן אַ הנאה געהאַט, אַ „שטיקל״ אָנגעטון...

די צייט רוקט זיך, ס׳ווערט איינגאַנצן פינצטער. דער עולם בענטש, לאַנגזאַם, בכוונה. אַ קלאַפּ אין בעלעמער און דער בעל תפילה פאַנגט אָן „והוא רחום...״

נאָך אַ שבת איז אַוועק.

אברהם רובינשטיין

זכרונות און איינדרוקן פון שטעטל דזיקאָוו



קבוצת בחורי בית המדרש של הדור האחרון לפני השואה
מימין: יהושע הורוויץ (בן הרב), טוביה ליפשיץ, יעקב ליכט, חיים גרייזמן, יוסף לויפר.

אין חודש אלול תר״צ (1930) האָבן מיר זיך איבער־געצויגן פון צויזמיר (סאַנדאָמיר) קיין דזיקאָוו, צוליב דעם, וואָס מיין טאַטע, ר׳ אפרים רובינשטיין ז״ל האָט זיין פרנסה געהאַט אין דזיקאָוו: ער איז געווען דער „גרעסטער״ גמרא־מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע יינגלעך גמרא מיט תוספות. איך בין דאַן אַלט געווען 10 יאָר און די איינדרוקן פון יענער צייט ליגן מיר נאָך עד היום אין זכרון און איך וועל זיך באַמיען אין די ראַמען פון מיינע מעגלעכ־קייטן, איבערצוגעבן זיי פאַר די חשובע לעזער.

צומאָרגנס נאָכן אָנקומען אין שטעטל איז דער ערשטער וועג, פאַרשטייט זיך, געווען אין בית המדרש. דאָס איז גע־ווען אין די אלול־טעג. אַריינקומענדיק אין בית המדרש, האָב איך דעם איינדרוק געהאַט, אַז איך געפין זיך מן הסתם אין ארץ־־ישראל בזמן המקדש: אַ גרופּע פון בערך 20 יינגלעך מיט לאַנגע פּיאות„ (ביי אונדז אין צויזמיר, וועלכעס האָט געהערט צו קאָנגרעס־פּוילן האָט מען נישט געטראָגן קיין לאַנגע פּיאות) מיט לאַנגע איבערצירלעך, שטייען אַרום דעם בעל־תפילה און זאָגן נאָך הויך, מיט התלהבות און זינגענ־דיקע קעלעכלעך, „ברוך הוא וברוך שמו, אמן״. אין שטיבל פון בית־המדרש, האָבן זיך געביטן מנינים וואָס האָבן גע־זאָגט תהילים.

אויף די פּנימער פון אַ יעדערן איז געווען צו דערקענען דעם פּחד פאַר דעם אָנקומענדיקן יום הדין. אויף די גאַסן האָט מען געקענט הערן נאָך דעם געוויינלעכן באַגריסן: „השי״ת זאָל אונדז מוחל זיין אויף די זינד״. אַפילו אין שפּייז־קרעמל איז געווען צו באַמערקן ווי דער סוחר האָט גוט אַכ־טונג געגעבן אויף דער וואָג, ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן אין אַ פאַלשע וואָג, טאַקע ספּעציעל „היינט פאַרן יום הדין ווען אַ וואָרם אונטער דער ערד ציטערט, ווי דאַרף מען אַכטונג געבן מען זאָל חלילה נישט נכשל ווערן״.

אַריינקומענדיק אין מיטן טאָג אין בית־המדרש, בין איך געוואָרן איבעראַשט פון דעם וואָס איך האָב געזען: די לאַנגע טישן זענען געווען באַזעצט מיט בחורים, וואָס האָבן עוסק געווען אין לערנען תורה און פון צייט צו צייט האָט ווער איבערגעריסן דאָס לערנען און זיך גענומען חזרן אַ ראש־השנהדיק „שטיקל״: ווער „הבן יקיר לי אפרים״, אָדער „ארשת שפתנו״ א.אַ.וו. (ווי באַוווסט איז דאָס שטעטל דזיקאָוו געווען שטאַרק פּאָפּולער מיט אירע גוטע זינגערס און בעלי־תפילות). דאָס איז געווען אין אַ געוויינלעכן אלול־טאָג.

ימי-הסליחות

אין די סליחות־טעג האָט זיך געמערקט אַן התרוממות הרוח: דער שמש פון שול, ר׳ אלי׳ איז אַרומגעגאַנגען מיט דעם הילצערנעם האַמער און געקלאַפּט אין די טירן מען זאָל אויפשטיין צו עבודת הבורא. גייענדיק פאַרטאָג צו די סליחות איז די באַוועגונג אין די גאַסן געווען אַ גרויסע ווי, להבדיל אויף אַ יריד... מען האָט געזען גאַנצע משפּחות מיט די קינדער, אַלץ גייט אין איין ריכטונג: צום בית המדרש.

דאָס בית המדרש האָט זיך שנעל אָנגעפילט מיט מענטשן. פאַרן אָנהויבן די סליחות, האָט מען דערווייל גע־זאָגט תהילים אויפן קול און די התלהבות איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. ווען דער חזן האָט גענומען דעם טלית אויפן קאָפּ, און אָנגעהויבן „אשרי יושבי ביתך״, האָט זיך דער גאַנצער עולם ספּאָנטאַניש געגעבן אַ ריס פון די ערטער און ווי איין עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַדורך צווישן קהל ,האָט זיך דערהערט אַ קול רעש גדול פונעם גאַנצן קהל, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען זאָגן סליחות מיט גרויס התלהבות און דבקות.

די ערנסטע ימים־נוראים־געפילן האָט מען געקענט באַמערקן אומעטום: אין גאַס און אין שטוב, ביי די בעלי־מלאכות און ביי די סוחרים און, פאַרשטייט זיך, דאָס אַמ־מיינסט אין בית־המדרש און אין... חדר.

אַדורכגייענדיק אין גאַס דורך אַ שניידער־ אָדער שוס־טער־וואַרשטאַט האָסטו געקענט הערן פון די אַרבעטער־

געזעלן, זינגען ראש השנהדיקע ניגונים און „שטיקלעך״. אין די שטיבן האָבן די עלטערן געמוסרט די קינדער און געסטראַשעט פאַר די הייליקע „פּאַרכטיקע טעג״. אין חדר איז דער הויפּט־געשפּרעך צווישן די יינגלעך געווען: די אָנקומענדיקע „ימים נוראים״. דאָס שטיפן האָט כמעט אויפגעהערט און דאָס ווילדעווען איז געוואָרן איינגעצוימט לחלוטין. און ווען עס האָט זיך פאָרט פאַרגליסט איינעם — וואָס האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט — אַ ביסל זיך צו „צולאָזן״, האָבן אים באַלד די חברים גוט אָפּגעמוסרט און דערמאָנט וואָסאַרא טעג עס קומען אָן... פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט דער רבי אַליין. וואָס נענטער עס איז געקומען צו ראש השנה, אַלץ מערער און ערנסטער זענען געווען די מוסר־רייד פון רבין. דערביי האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון יום הדין, פון תקיעת־שופר און מלכות, זכרונות ושופרות. דאָס אַלץ האָבן די תלמידים געהערט מיט גרויס אינטערעס און ערנסטקייט און דאָס האָט טאַקע שטאַרק משפיע געווען אויף דער אויפפירונג פון די קינדער אין די דאָזיקע טעג.

ערב ראש השנה

אַרויסגייענדיק אין גאַס ערב ראש השנה, האָט מען באַמערקט ווי אַלע זענען פאַרנומען: מען לויפט, מען מאַכט די לעצטע הכנות צום אָנקומענדיקן יום הדין. מען שטעלט זיך נישט אָפּ איינער מיטן צווייטן. בכלל רעדט מען ווייניק. מ׳באַגריסט איינער דעם אַנדערן און מ׳גייט ווייטער. פון שעה צו שעה, פילט מען בחוש ווי דער הייליקער יום־טוב קומט אָן. באַלד פון די פריע נאָכמיטאָג־שעהן, זעט מען שוין לויפן — יונג און אַלט, טאַטעס מיט די יונגע קינדער ביי דער האַנט — אין מרחץ אַריין. מען גייט נישט, נאָר מ׳לויפט, ס׳איז קיין צייט נישט דאָ, מ׳איילט זיך.

די לעצטע שעהן פאַר יום־טוב זענען שוין די גאַסן אָפּגעליידיקט פון מענטשן, די געשעפטן זענען שוין גע־שלאָסן פון לאַנג. אַלעס איז גרייט אויפצונעמען דאָס נייע יאָר הבאה עלינו לטובה. עס הויבן זיך אָן צו באַווייזן אין גאַס — נאָך פאַר שקיעת החמה — די קינדערלעך אויס־געוואַשענע, צוגעקעמטע, אָנגעטאָן אויסגעפּוצטע אין די שניי־ווייסע העמדלעך מיט די יום־טובדיקע בגדים, אָבער מיט אַן ערנסטקייט אויף די פּנימער. שעמעוודיקע, ציטער־דיקע וואַרטן זיי אויף דעם מאָמענט צו גיין אין שול אַריין, צו באַגעגנען דיס אָנקומענדיקע נייע יאָר. און אָט באַ־ווייזן זיך שוין די ערשטע יידן, די „זריזים מקדימים למצוה״ אין די בגדי חג: שטריימלען מיט די גלאַנצנדיקע זיידענע בעקעשעס מיט די זיידענע, ברייטע גאַרטלען, גייען מיט שנעלע טריט אין בית תפילה. באַלד ווערט די באַוועגונג אין די גאַסן וואָס אַמאָל שטאַרקער, עס גייען גאַנצע משפחות: זיידעס, זון און אייניקלעך. מען גייט מיט שנעלע טריט, מען גייט און מ׳רעדט נישט...

דאָס גרויסע בית־המדרש ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער, אָבער דאָך הערשט אַ שטילקייט, גאַרנישט ענלעך צו אַן אַנדערן ערב שבת אָדער ערב יום־טוב. מען רעדט נישט איינער מיטן צווייטן, יעדער איז פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען: אינעם „חשבון הנפש״ פונעם אַוועקגייענדיקן יאָר. אַפילו ווען איינער כאַפּט אַ וואָרט מיט אַ צווייטן, באַלד איז ער מפסיק און וועבט ווייטער זיינע געדאַנקען און זעצט פאָר עוסק זיין מיט זיך... מ׳דאַווענט מנחה. דער לעצטער מנחה פון אַלטן יאָר. און כאָטש דאָס דאַווענען איז געלאָסן, מיט כוונה, ווי מ׳וואָלט געוואָלט „מפייס״ זיין דעם מנחה פאַרן עלבון וואָס מ׳האָט אים פאַרשאַפט אַ גאַנץ יאָר, וועלכן „מ׳כאַפּט נאָר אַריין״ — דאָך איז דאָס דאַווענען באַגלייט מיט אַ געפיל פון „ברוך שפּטרנו״, צופרידן וואָס ער איז שוין דער לעצטער פון דעם אַוועקגייענדיקן יאָר, וועלכעס האָט זיך, ווי גע־ווענלעך, נישט אויסגעצייכנט מיט צופיל גוטקייט און אויף זיין אָרט וועט אפשר קומען — אַזוי האָט מען געהאָפט — אַ בעסערס, אַ מזלדיקערס.

מען האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם „אחות לנו קטנה״, וועל־כעס איז דער לעצטער געזעגענונג מיטן אַלטן יאָר. יעצט זענען אַלע בליקן געווענדט צום אָרט ווו עס זיצט ר׳ פּיניע קירשענבוים הי״ד, דער באַליבטער שליח־ציבור און ימים־נוראימדיקער בעל תפילה בחסד עליון, וועלכער זעט אויס אין יעדערנס אויגן, אין די דאָזיקע טעג, עפּעס העכער גרעסער פונעם גאַנצן קהל, און אין מיין קינדישע פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי האָט מן הסתם אויס־געזען דער כהן גדול אין בית המקדש בשעת ער האָט געטון די עבודה...

די שפּאַנונג וואַקסט פון מינוט צו מינוט און ווען ר׳ פּיניע נעמט דעם טלית אויפן קאָפּ גייענדיק מיט שנעלע טריט צום עמוד, ווו זיינע זון — משוררים שטייען שוין אַרום — שרייט אויס מיט זיין זיסע שטים „תחל שנה וברכותיה״! דערגרייכט דאָס התלהבות דעם קולמינאַציע־פונקט. עס האָט זיך באַלד באַמערקט אויף די פּנימער עפּעס אַ שינוי: אינעם אונטערבאַוווסטזיין האָט יעדער געפילט, אַז יעצט אין דעם מאָמענט האָט זיך אַלץ געענדערט, — פטור געוואָרן אַ שווער גלות־יאָר און יעצט קומט אַ נייעס, אַ בעסערס מיט דער שטאַרקסטער האָפנונג: אפשר טאַקע אַ גאולדיקס, ווען מ׳וועט שוין אויסגעלייזט ווערן פונעם ביטערן גלות... און טאַקע מיט פרישע, באַנייטע כוחות האָט דער עולם גענומען דאַווענען דעם ראש־השנהדיקן מעריב מיט גרויס התלהבות. צוזאַמען מיטן בעל־תפילה, וועלכער האָט אונטערגעגעבן מוט און קוראַזש און האָט מיטגעריסן מיט זיך מיט זיין התלהבות, שיינעם טראַדיציאָנעלן נוסח און מיט זיין זיסער שטים.

מען קען זאָגן: „מי שלא ראה די תפילה און התרוממות הנפש אין דער נאַכט פון ראש השנה אין בית המדרש פון שטעטל דזיקוב — לא ראה תפילה מעולם״.

יעקב פליישער

מ'באַקט מצות

צווישן אַלע פּרנסות וואָס מיין מאַמע ע"ה האָט געהאַט, אין די ערשטע יאָרן נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה, כדי צו קענען מפרנס זיין אירע צוויי קינדער־יתומים, מיט איר אַלטער מוטער, די באָבע נעכע ע"ה, און פון וועלכע ס'איז אַלץ קיין פּרנסה נישט געוועז — האָט פאַרנומען אַ באַזונדער חשוב אָרט דאָס באַקן מצות אויף פּסח. און הגם דאָס איז געווען נאָר אַ „סעזאָן פּרנסה", וועלכע האָט זיך געצויגן צען אָדער צוועלף טעג: פון ראש חודש ניסן ביז שבת הגדול, זענען דאָס אָבער געווען פאַר דער מאַמען זייער שווערע טעג. דאַקעגן פאַר אונדז קינדער, זענען די טעג פון באַקן מצות ביי אונדז אין שטוב, געווען די אנגענעמסטע און אפשר אויך — די בעסטע: און כאָטש מ'האָט אין די טעג געמוזט אויפשטיין גאָר פרי צו זיין גרייט עפּעס צו צוהעלפן: אָדער „גיסן" (וואַסער צום קנעטן די „מייערע"), אָדער „צוגלאַנגען" (די מצה אין אויוון אַריין) אָדער עפּעס אַנדערש טון, אַמאָל אויך וועלגערן ס'זאָל גיין שנעלער, (ביי אַזאַ באַלעבאָסטע וואָס האָט נישט געקענט מאָבילייזירן קיין סך העלפערינס־וועלגערינס) — האָט עס אָבער געלוינט: יעדן טאָג האָט מען איבערגעביסן אַ פרישן וואַרעמען בייגל און טאַקע „אַריש בעקערס" בייגל וואָס איז געווען מלא טעם און צו דעם אַפילו אויך אַן איי... און היינט־זשע וואָס די באַלעבאָסטע פלעג ברענגען פאַר די העלפערס: אַ גוטע באָנבאָנע און אַמאָל (ביי אַ מילדער באַלעבאָסטע) אויך אַ שטיקל שאָקאָלאַד און אַ גאַר מילדע באַלעבאָסטע פלעג אויך אַריינשטיפּן אַ פּאָר גראָשן... נו, האָט זיך נישט געלוינט אויפצושטיין פרי?

אָבער עס זאָגט זיך נאָר אַזוי: „צען טעג מצות באַקן", פאַקטיש איז דאָס געווען אַן ענין וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וואָכן און אפילו חדשים נאָך פּאַרן באַקן. דאָס באַקן איז שוין געווען דער לעצטער שטאַפּל: די הכנות פון אַלע פּאַקטאָרן, זענען געווען גרויס און זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך אינמיטן ווינטער, שוין דעמאָלט איז די קהילה געזעסן און באַשלאָסן צו ברענגען אַ וואַגאָן מעל פאַר מצות אויף פּסח. שפּעטער האָט מען באַדאַרפן באַשליסן אויף די פרייזן פון אַ קילאָ מעל. דאָס מעל אויף פּסח איז געווען אַ מאָנאָפּאָל פון דער קהילה, פון וועלכע די הכנסה איז געווען געווידמעט אויף „מעות חיטן" פאַר אָרעמעלייט. דערפאַר טאַקע האָט מען אויסגערופן אין שול און אין בית המדרש, אין נאָמען פון ראַבינאַט, אַ האַרבן איסור אַריינצופירן אין שטאָט אַנדער מעל, פון וועלכעס די מצות וועלן זיין „חמץ גמור". און ווער וועט וואַגן עובר צו זיין אויף אַזאַ שטרענגן איסור? (וואָס אַן אמת, האָט זיך אין לעצטן יאָר פאַר די מלחמה, געפונען עפּעס אַ „קאָנקורענט", וואָס האָט אַריינגעברענגט פּסחדיק מעל — נישט קוקנדיק אויפן איסור, אָבער ער איז אַדורכגעפאַלן).

באַלד נאָך פּורים האָט מען געברענגט אין שטאָט דעם וואַגאָן מעל, ביי דער באַגלייטונג און האַרבער שמירה פון צוויי קהילה־משגיחים, וועלכע זענען טאַקע אויך פאַרבליבן די פאַרקויפער, ד. ה. די וועגערס פונעם מעל, נאָכדעם ווי דער קויפער האָט פאָרגעלייגט די אָפיציעלע קבלה פון די קהילה, אַז ס'איז באַצאָלט געוואָרן פאַר אַזאַ צאָל קילאָ מעל. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אָרעמע לייט איז געווען אַ הנחה, אָדער זיי האָבן באַקומען אַן געלט.

טאַקע אין דער זעלבער צייט, ד. ה. באַלד נאָך פּורים, האָט מען שוין אין שטוב אָנגעהויבן מאַכן הכנות צום באַקן די מצות. דאָס ערשטע האָט מען באַדאַרפן צוזאַמענשטעלן דעם „לאַדונעק" אויף צו וועלגערן. מ'האָט באַשטעלט צוויי לאַנגע גלייכע ברעטער, זיי גוט אָפּגעהיבלעוועט און נאָכער נאָך אַרומגעקאַרצט מיט צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז, אַז ס'זאָל זיין גלייך און גלאַטיק צום וועלגערן. ווען עס זענען שוין געווען די ברעטער, (וועלכע זענען נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען ביז מ'האָט דאָס צונויפגעשטעלט) האָט מען זיך גענומען בודק זיין דעם אויוון, וועלכער איז — אַביסל פון אַלטקייט און אויך פון דעם וואָס מ'האָט אין אים געבאַקן אַ גאַנץ יאָר אויף שבת און יום־טוב און — ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן נאָך די מלחמה — אויך ברויט יעדע וואָך — איז דער אויווז געווען אויסגעהאַקט, נישט גלייך, דאָ האָט געפעלט אַ האַלבער ציגל, איז געווען אַ „גרוב". דאָ איז אַ ציגל געגאַנגען אַרויס, האָט ער געשאַפּט אַ „הויקער". — קען מען דען באַקן אין אַזאַ אויוון מצות אויף פּסח? אַז בס"ה גייט אַריין אין דעם אויוון 8 מצות, אויך נאָר דעמאָלט, ווען דער „שיבער" איז אַ פעיקער און קען אויסלייגן גאַנצע אַכט מצות אין צוויי שורות; אויב, אָבער דער שיבער איז אַ שלימזל, קען נישט אַריין אין אויוון מער ווי 6 מצות... נו, אַז צו דעם צו זאָל נאָך זיין נישט קיין גלייכער אויוון, וועט מען דאָך אינגאַנצן נישט קענען באַקן.

צווייטנס, איז דאָך אויך אַ פראַגע פון כשרות: די מצה אַז זי ליגט נישט גלייך אין אויוון, באַקט זיך דאָך נישט אָפּ אינגאַנצן, וועלן דאָך די באַלעבאָסטעס זיין ברוגז און דער „גוטער שם" אַז „ביי ברכהלע באַקט מען שיינע מצות" וועט דאָך קאַליע ווערן. דריטנס, וועט דער רב ביים בודק זיין דעם אויוון נאָכן גליען, נישט וועלן אים כשרן. שוין צוליב איינעם פון די אַלע טעמים, האָט מען געמוזט פאַריכטן דעם אויוון. נאָר דאָס איז אויך נישט אַזוי לייכט.

עס וואָלט אוודאי געווען געוו:נטשן אַריינצונעמען אַ מויערער, דעם ערל מארקעוויטש וועלכער ווינט אין שכנות, און כאָטש ער איז אַפילו נישט קיין גרויסער מומחה צו אויוונס (צו עפּעס אַנדערש — אוודאי נישט) און דאָס

שמעקן טאַבאַק, וועלכעס ער שטופּט אַריין אין נאָז פּולע הויפנס,. פאַרנעמט ביי אים כמעט אַזויפיל צייט ווי די אַרבעט גופא... אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ מויערער — נאָר וואָס זאָל מען אָבער מאַכן? ער, דער ערל, פאַרלאַנגט דאָך אָבער גוט באַצאָלט, (טאַקע ווי ער וואָלט געווען אַ גוטער פאַכמאַן) פאַר אַזאַ אַרבעט, און געוויינלעך איז אין שטוב נישט געווען קיין איבריק געלט אויף אַזאַ „זייטיקע הוצאה" — איז באין ברירה, וועט מען דאָס מאַכן אליין.

אין די ערשטע יאָרן נאָך די מלחמה, ווען די באָבע נעכע ע"ה, וועלכע האָט געשמט אַלס „אשת חיל", האָט נאָך געקענט, כאָטש זי איז שוין געווען אַ זקנה (זי איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרצ"א אין עלטער פון 86 יאָר), האָט זי זיך נאָך אונטערגענומען אַליין דאָס שטיקל אַרבעט צו מאַכן. „נישט קשה — פלעג זי זאָגן — כ'וועל דאָס מאַכן אַזוי גוט ווי להבדיל דער ערל". און זי האָט עס טאַקע געמאַכט. מען האָט באַשטעלט אַ זאַק ליים ביי די ערלטע „האַנעליע". דאָס איז געווען שוין אַן עלטערע „שבת־גויע" וועלכע איז יאָרן־לאַנג געקומען אין די יידישע הייזער, באַדינט — אַפילו אין „הייליקן טאָג" פון „באַזשע נאַראַ־דזעניע" (ווייַ־נאַכט), ווען אַנדערע שבת־גוים זענען נישט געקומען אויב ער איז געפאַלן אין שבת, — „האַנעליע" איז שטענדיק געקומען — און פלעג אויך בעטן אַ נדבה, ווי להבדיל די יידישע אָרעמע לייט. זי האָט גערעדט יידיש, פאַרשטייט זיך אַ „גוייש יידיש" פון וועלכן ספּעציעל קינדער האָבן זייער אַ הנאה געהאַט און פלעגן דוקא וועלן זי זאָל נאָר רעדן יידיש...

ערב יום כיפור ביי מנחה איז זי געשטאַנען, צוגלייך מיט די יידישע אָרעמע ווייבער, ביים אַריינגאַנג אין בית המדרש, און אַנגעוואונטשן די „באַבאַסטיס" און „באַבאַטים" אַ „כסימה מחסיבה טויעבע"... און יעדער האָט איר געגעבן אַ נדבה אַזוי ווי מ'האָט געגעבן די אַנדערע. אויך הושענה רבה ביי ביידע מנינים איז זי שוין געשטאַנען ביים בית־המדרש און געוואונטשן אַ „גוט קוויטל". נאָר אַמליבסטן האָט זי געהאַט: פּורים. דעמאָלט איז זי געגאַנגען אין די שטיבער זאָגן אַ „גוטן פּורים ,בוסטאַלעב' מיט די קינדער" און אין יעדער שטוב — אַ חוץ די נדבה וואָס זי האָט באַקומען — האָט זי עפּעס טועם געווען אויך פון געבעקס. און אַזוי ווי זי האָט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ „גלעזאַלע", איז זי געוואָרן שטאַרק „בגילופין" און די קינדער האָבן שוין מיט איר געהאַט שמחה... זי פלעג אויך ברענגען אין די יידישע הייזער — ספּעציעל אין די אָרימע יידישע הייזער — ליים אויף צו פאַרקלעבן די ווענט, וועלכע זענען על פי רוב נישט געווען געשאַבריוויט, און אויך מאָך פון וואַלד צו פאַרשטאָפּן די לעכער און אַריינצולייגן צווישן די דאָפּל־פענצטער פאַרן אָנקומען פון ווינטער, עס זאָל נישט אַזוי ציען די קעלט. באַלד נאָך די ימים־טובים איז זי שוין געקומען פרעגן: „בוסטע־לעב דאַרפסט ליין?"

„האַנעליע" האָט געברענגט ליים, איך — נאָך זייענדיק אַ קינד — האָב צוגעברענגט אַביסל „געל זאַמד". מ'האָט דאָס גוט אַדורכגעקנאָטן און די באָבע ע"ה האָט זיך אַנגעטון אַן אַלטן ברייטן שאַרץ, אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַן אַלטן טוך און אַריינגעשאַרט זיך אין אויוון אַריין. אַרויסגעקראַצט אַלע שטיקלעך ציגל. „די גריבער"־אַריינגעפּאַסט אויף דעם אָרט אַ גאַנצן ציגל, אויסגעשמירט די גאַנצע „פּאַסאַצקע" מיט ליים אויף גלאַטיק ממש „ווי אַ טיש"... דאָס האָט געוויינלעך פאַרנומען אַ פּאָר שעה. צוריק אַרויסגעשאַרט זיך, אַביסל פאַרשמירט און גוט פאַרשטויבט, אויך אַביסל פאַרסאַדזעט, אָבער — די מלאכה איז געווען געמאַכט. יעצט איז שוין דאָ אַן אויוון „ווי ביי אַ בעקער". אין די שפּעטערע יאָרן, ווען די באָבע האָט שוין דאָס נישט געקענט טון, האָט זיך אויף די מאַמע ע"ה נישט געפּוילט, און כאָטש פאַר איר איז עס געווען זייער שווער, ווייל זי איז געווען אַ דיק מענטש — נאָר וואָס האָט זי געקענט טון? מ'דאַרף דאָך באַקן מצות, מוז דאָך זיין אַ גלייכער אויוון... און ווער זאָל דאָס מאַכן, אַז קיין געלט צו באַצאָלן דעם מויערער איז נישטאָ? האָט זי עס טאַקע געמאַכט, אָבער נישט ערגער ווי די באָבע ע"ה און אויך נישט ערגער ווי, להבדיל, מאַרקעוויץ דער מויערער.

אַז די צווי הויפּט זאַכן זענען שוין געווען: דער „לאַדונעק" און דער אויוון, זענען שוין די רעשט זאַכן, ווי: גוטע שאַרפע „מאַצע־רעדלעך" צום רעדלען די מצות, גלאַטיקע, לייכטע וואַלגער־העלצער צום וואַלגערין, אַ צוויי גרויסע קיילעכיקע „מאַצע־שאַפל" אַריינצורוקן די מצות אין אויוון אַריין (איינע האָט געמוזט זיין אַ רעזערוו, טאָמער איז איינע צעבראָכן געוואָרן) און עטלעכע שמאָלע שאָפלען צום איבערדרייען און אַרויסנעמען די מצות — וועלכע האָבן זיך שנעל צוגעברענט — און נאָך קלייניקייטן — דאָס אַלץ איז שוין נישט אַזוי שווער אָנגעקומען.

נאָך איין שווערער פּראָבלעם איז פאַרבליבן: דאָס צוגרייטן טרוקן האָלץ צום גליען דעם אויוון און צום באַקן, ווייל אַז דאָס האָלץ איז נישט טרוקן, האָבן זיך די מצות נישט געבאַקן נאָר „געטרוקנט". אין די ערשטע יאָרן איז געווען איינגעפירט, אַז די באַלעבאַסטעס האָבן אַליין געברענגט האָלץ צום באַקן, פון דעסט וועגן האָט אויך דעמאָלט געמוזט זיין אין שטוב אַ רעזערוו פון טרוקן האָלץ, ווייל וואָס טוט מען, אַז די באַלעבאַסטע ברענגט נאַס האָלץ? מוז מען דאָס אויסבייטן אויף טרוקנס. איז טאַקע נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען ביז מ'האָט געקויפט צוויי וועגעלעך טרוקן האָלץ, וועלכעס האָט נישט געקאָסט אַזוי ביליק.

אַז ג—ט האָט געהאָלפן און דער גאַנצער „געלענדער" איז שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָט מען שוין געוואַרט אויפן טאָג ווען מ'וועט שוין אָנהויבן באַקן. מען האָט שוין אָנגעהויבן מאַכן „באַשטעלונגען" אויף די טעג און שעהן, און ספּעציעל אויפן „ערשטן" אויוון, וועלכער איז געווען אַ מיוחס, זענען אויף אים געווען פיל בעלנים, באַזונדערס די „שמירה־יידן", ד. ה. די, וועלכע האָבן געבאַקן אויך שמירה מצות, זיי האָבן צו זייער שמירה געמוזט האָבן דעם „ערשטן אויוון". די באַלעבאַסטע האָט אויך געמוזט וויסן אַ טאָג־צוויי פריער גענוי ווען זי וועט דאַרפן קומען באַקן — אַז זי זאָל קענען צוזאַמענשטעלן גענוג

העלפערס־וועלגערינס. ווייל דאָס וואָס עס האָט געלוינט צו באַקן מצות ביי ברכהלע און נישט קויפן גרייטע מצות אָדער באַקן ביים בעקער, איז דאָס נאָר געווען דערפאַר, וואָס דער בעקער, וועלכער האָט צוגענומען אַרבעטער און געצאָלט פאַר׳ וועלגערן, האָט דאָך געמוזט אויסקאַלקולירן דעם פרייז אַזוי, אַז עס זאָל אים לוינען. האָט טאַקע אַ קילאָ מצות געקאָסט גענוג טייער. דאַקעגן ביי ברכהלען האָט מען זיך אַליין געברענגט העלפערס און אַמאָל אויך האָלץ, וואָס האָט נישט געשפילט אַזאַ גרויסע ראָל און מ׳האָט נאָר געצאָלט פאַרן באַקן, און ביי אַ גרעסערע פאַמיליע האָט דאָס דערגרייכט צו אַ באַדייטנדע סומע וואָס מ׳האָט זיך איינגעברענגט. אָבער אַפילו אויך ביי אונדז האָט מען צוויי הויפּט אַרבעטס־כוחות געמוזט באַזאָרגן: דער שיבער, וואָס האָט געדאַרפן זיין אַ פאַכמאַן — און אַ קנעטער. ווען די באָבע נעכע ע״ה האָט נאָך געקענט, איז זי געווען „דער שיבער". זי האָט דאָס געמאַכט זייער געשיקט, כאָטש דאָס האָט געהערט צו די מלאכות וואָס אַ מאַנספערשוין האָט עס געוועגלעך געטון. די קנעטערין איז, געוויינלעך, געווען די מאַמע ע״ה. שפּעטער אַז די באָבע האָט שוין נישט געקענט, האָט מען שוין באַצאָלט פאַר אַ שיבער, אָדער אַז ס׳איז געווען אַ קנעטערין, האָט אויך דאָס, ד. ה. שיבען, פאַרטראָטן די מאַמע ע״ה.

נאָך איין וויכטיקע פעולה פאַרן אָנהויבן באַקן איז געווען דאָס גליען דעם אויוון, וועלכעס איז געמאַכט געוואָרן, געוויינלעך, דאָס רוב מאָל מוצאי שבת, אַ נאַכט פאַרן אָנהויבן באַקן. דער רב אַליין האָט געמוזט „כשרן" דעם אויוון, ווען נישט, האָט מען אויסגערופן אין בית המדרש אַז ביי דעם יעניקן טאָר מען נישט באַקן קיין מצות. דער רב פלעג קומען מיט ר׳ אליעזר זייגער־מאַכער, וועלכער איז געווען משגיח איבער אַלע מצה־בעקערס פון שטאָט, געוויינלעך ווען דער אויוון איז שוין געווען רויט ווי פייער. ער האָט גענומען אַ שטיקל אייזן, געגעבן אַ קראַץ אין אַ ציגל: איז אַרויס פינקען איז עס כשר און אויב נישט, האָט מען געמוזט צולייגן האָלץ אַזוי לאַנג, ביז ס׳זענען געגאַנגען פינקען...

כ׳געדענק, ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז מ׳האָט שוין געהאַט גוט אויסגעגליט דעם אויוון און מ׳האָט געוואַרט דער רב זאָל שוין קומען „כשרן", מ׳וואַרט און מ׳וואַרט — דער רב קומט נישט. מ׳האָט, פאַרשטייט זיך געמוזט אַלע מאָל צולייגן אַ שטיקל האָלץ, אָבער דאָס איז נישט געווען בכוח צו האַלטן די פולע היץ און ווען דער רב איז שוין געקומען און ער „קראַצט" די ציגל, עס פליען אָבער נישט קיין פונקען... עס האָט נישט געפועלט דאָס פאַרזיכערן, אַז ס׳איז געווען „רויט ווי פייער" און „פינקען זענען געפלויגן" ביים אָנרירן די ציגל — מען האָט געמוזט אַריינרוקן אַ פולן אויוון מיט האָלץ פון דאָס ניי. דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט און געוואַרט אַזוי לאַנג, (אַזוי ווי אין יענעם יאָר איז פונקט געפאַלן שבת ערב פסח, האָט ער זיצנדיק, אויסגערעכנט, ווען עס וועט דאָס צוקונפטיקע מאָל אויסגעקומען שבת ערב פסח; נאָך זייענדיק אַ קינד, האָב איך מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהאָרכט צו זיין געשפרעך, ווי ער האָט געזאָגט, אַז נאָך אין 21 יאָר וועט ווידער געפאַלן שבת ערב פסח. ליידער איז שוין דאָס געווען אין די מלחמה יאָרן און ער האָט עס שוין נישט דערלעבט...) ביז דאָס האָלץ האָט זיך אויסגעברענט און ערשטע דאַן „געכשרט" דעם אויוון. און כאָטש ס׳האָט דער מאַמען גוט געאַרט, וואָס זי האָט געדאַרפן פאַרברענען אַזוי פיל האָלץ איבעריק... איז אָבער גרויס געווען די סאַטיספאַקציע וואָס דער „יונגער רב" איז געזעסן אין שטוב אַזאַ לאַנגע צייט. דאָס האָט געלוינט...

דער רב האָט שוין אויך בודק געווען דעם „געלענדער" ד .ה. די ברעטער, די וועלגער־העלצער, די רעדלעך און אויף אַלעמען געמוזט געבן די הסכמה.

צומאָרגנס האָט זיך שוין ענדלעך אָנגעהויבן דאָס באַקן די מצות. אַמאָל איז דאָס געווען זייער אַנגענעם און אַמאָל איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. בעיקר איז דאָס געווען אָפּהענגיק אינעם כאַראַקטער פון די באַלעבאָסטע און פון די צאָל העלפערס. האָט די באַלעבאָסטע געברענגט אַ גרויסע צאָל העלפערס און אַליין איז זי אויך דערצו געווען אַ גוטע, העפלעכע, מיט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט, איז דאָס באַקן געווען זייער אַנגענעם. די מיידלך־העלפערינס, וועלכע זענען געקומען אויסגעפוצט, פלעגן פירן „קאָנקורענציע", ווער עס וועט שנעלער אויסוועלגערן אַ גרעסערע און קיילעכיקערע מצה אָן אַ פּגם. דערביי זיך געווערטלט, געלאַכט, געשטיפט און זיך צעזינגען אויפס קול — אַ מחיה. אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק. דער רעדלער, אָדער „צוגלאַנגער" פלעג פריילעך מיט אַ זינגענדיקן טאָן אויסרופן: אַ מצה אין אוי־וו־ן אַריין!" דער שיבער האָט זיך אונטערגעברומט עפּעס אַ „שטיקל" פון הלל, אָדער עפּעס אַ ימים־נוראימדיק שטיקל. די מצות זענען אַרויס פון אויוון „איינס און איינס". דערצו האָט נאָך די באַלעבאָסטע געטיילט באַנבאָנעס און אַנדערע גוטע זאַכן אַזוי, אַז יעדער האָט אַ הנאָה געהאַט, יעדער איז געווען צופרידן.

האָט אָבער געטראָפן אַ באַלעבאָסטע אַ שלעכטע, אַ בייזע, אַן אָנגעכמורעטע מיט אַ זויער פנים וואָס „דער קרומער איז ביי איר געווען גלייך און דער גלייכער — קרום" און ווי געוויינלעך, האָט אַזאַ באַלעבאָסטע געברענגט ווייניק העלפערס — איז אַלץ געגאַנגען „כאָדאַראָם" מיטן קאָפּ אַראָפּ: דאָ איז די „מייערע" נישט געלונגען: אָדער זי איז אַרויס צו האַרט און די „טייגלעך" האָבן זיך געקרישלט... אָדער זי איז אַרויס צו נאַס איז שוין גאָר געווען, צרות... די מצות האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די ברעטער, נישט געלאָזט זיך וועלגערן, זיי זענען אַרויס מיט אַ משונהדיקן פאָרעם און לעכעדיק... מען האָט מער „געשאַרט" און „געקראַצט" מיט די שטיקלעך גלאָז די ברעטער מיט די וועלגער־העלצער ווי געוועלגערט... דערפאַר האָבן זיך די מצות געריסן ביים רעדלען און ווען זיי זענען שוין קוים אַריינגעקומען אין אויוון אַריין, דאָס רוב פאַרקנייטשט און פאַרלייגט, האָבן זיי זיך נישט גוט געבאַקן: אָדער זיי זענען געווען צו בלאַס אָדער אַביסל צוגעברענט...

די באַלעבאָסטע האָט געשריגן אויפֿן קנעטער און אויפֿן שיבער: „געוואַלד, איר פֿאַרברענט דאָך מיר די מצות!״ אָדער: „אכזר! די מצות זענען דאָך אינגאַנצן רוי!״ דער רעדלער האָט געשריגן אויף די העלפֿערינס: „אַ חרפּה אַזעלכע גרויסע מיידן זאָלן נישט קענען אויסוואַלגערן קיין מצה״! דער שיבער האָט געשריגן אַן אויפֿגערעגטער: „נו, שנעלער אַ מצה אין אויוון אַריין! דער אויוון שטייט דאָך אין גאַנצן ליידיק!״ די מאַמע ע״ה פֿלעג וויינענדיק שרייען: „עס וועט דאָך דויערן אַ גאַנצן טאָג! באַלד דאַרף דאָך קומען די צווייטע באַלעבאָסטע, וועלכע איז באַשטעלט אויף דרײַ־און־די שעה, און דאָ הויבט זיך גאָרנישט אָן!״ אַזוי איבער די גאַנצע צייט איז געווען אַ גערודער, אַ געשריי: איינער האָט געשריגן אויפֿן צווייטן און יעדער האָט זיך געבייזערט אויף יעדערן... פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס גרעסטע פֿאַרביטערטקייט און אָממיינסט כוח האָט דאָס געקאָסט דער מאַמען ע״ה, וועלכע האָט דאָך געוואָלט צופֿרידן שטעלן יעדן איינעם, פֿלעג זי זייער פֿיל ליידן פֿון אַזעלכע באַלעבאָסטעס, וועלכע האָבן טאַקע אויך געברענגט אַ היזק...

נאָר ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, זענען די פּאָר טעג אַדורך און „צושטייער אויף פּסח״ האָט מען פֿאַרדינט. אַז עס איז געווען אַ „גוט יאָר״ האָט מען אַפֿילו פֿאַרדינט אויף צו „מאַכן פּסח״. אין אַ „גוט יאָר״ פֿלעג זיין פֿיל אַרבעט, אַז מ׳האָט אַפֿילו געבאַקן ביז שפּעט אין דער נאַכט. כאָטש די בעקער האָט דער רב קיינמאָל נישט דערלויבט צו באַקן ביי נאַכט, צוליב דעם וואָס די אַרבעטערינס זענען געווען מיד פֿון אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי נישט געקענט אַזוי אַכטונג געבן אויף כשרות, ביי פּריוואַטע בעקער ווי מ׳האָט זיך אַליין געברענגט העלפֿערס, האָט דער רב נישט אַזוי מקפּיד געווען. ספּעציעל האָט מען געוווּסט, אַז ביי ברכהלע ווערט גוט אָפּגעהיטן כשרות און אַפֿילו דער משגיח וואָס פֿלעג אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג צווישן די בעקער און אַכטונג געבן צי ס׳ווערן אָפּגעהיטן אַלע כללים און דינים פֿון כשרות — איז צו אונדז נישט געקומען, וויסנדיק אַז דאָ ווערט אַלץ אָפּגעהיטן פּינקטלעך, לפֿנים משורת הדין. אין אַ „גוט יאָר״ האָט זיך אויך דאָס באַקן פֿאַרצויגן נאָך אַ טאָג און אַפֿילו צוויי.

***

אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דעם חורבן, האָט מען שוין ביי אונדז קיין מצות נישט געבאַקן. בכלל איז דאָס שטעטל געוואָרן „מאָדערנער״ און געמאַכט „פֿאָרשריט״. באַלעבאָסטעס האָבן נישט געוואָלט זיך „דרייען אַ קאָפּ״ מיט קויפֿן מעל, ברענגען העלפֿערס און אַנדערע קאָפּ־דרייעניש, איז דאָס באַקן מצות אין פּריוואַטע הייזער כמעט אין גאַנצן בטל געוואָרן: מ׳האָט געקויפֿט ביים בעקער גרייטע מצות. אָבער די אָנגענעמע זכרונות פֿון „באַקן מצות״ אויף פּסח, וועלכעס האָט אַמאָל פֿאַרנומען אַ חשוב אָרט אינעם ריטעם פֿון לעבנס־אָרט פֿונעם שטעטל — זענען פֿאַרבליבן פֿריש, לעבעדיק.

בינה שאלער

זכרונות פֿון ערשטן וועלט־קריג

די קריג איז אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1914; צו אונדז אין שטעטל איז זי דערגאַנגען ערשט אין ערשטן טאָג פֿון די סליחות. טאַרנאָבזשעג איז געווען אַ גרענעץ־שטאָט, די ווייסל האָט זי אָפּגעטיילט פֿון קאָנגרעס־פּוילן, וועלכעס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פֿון דער רוסישער אימפּעריע.

אַ יונג מיידל בין איך דעמאָלט געווען, די עלטערן זענען אַוועק אין בית המדרש צו די סליחות ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער אין דרויסן, איך בין געבליבן שלאָפֿן. אָט זענען זיי צוריקגעקומען און פּלוצים האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אויפֿרייסן פֿון אַרטילעריע שראַפּנעלן. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה, מ׳האָט דערציילט דאָס אַ שראַפּנעל האָט געטראָפֿן דעם יונגערמאַן חיים קראַנץ (זון פֿון הערש קראַנץ אויף דער באַן גאַס, שפּעטער איז דאָרט געווען די דראָגעריע), ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און שפּעטער געשטאָרבן. איך געדענק נישט ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, אָבער פּלוצים האָבן אַלע פֿאַרלאָזט די הייזער און געלאָפֿן אין פֿעלד אין ריכטונג פֿון דער באַן־סטאַציע. מ׳האָט גערעכנט, דאָס די רוסן וועלן נאָר די שטאָט באַשיסן, אָבער דאָס קאַנאָנען־פֿייער האָט אונדז געיאָגט ווייטער, די קוילן זענען געפֿלויגן איבער אונדזערע קעפּ, אַזוי זענען מיר צופֿיס געגאַנגען, ביזן שטעטל מאָדען. דאָ איז אָנגעקומען די ביטערע בשורה דאָס די רוסן זענען אַריין אין טאַרנאָבזשעג. מיר זענען אַרויס פֿון די שטיבן אַן קליידונג, אָן עסן, דעריבער האָבן אַ טייל מענטשן באַשלאָסן צוריקצוגיין צום רוס. די מערהייט אָבער, און מיר צווישן זיי, זענען געלאָפֿן ווייטער. מ׳האָט שרעקלעך מורא געהאַט פֿאַר די ווילדע קאָזאַקן, וועלכע זענען געגאַנגען פֿאַראויס פֿאַר דער רוסישער אַרמיי. אַזוי זענען מיר געגאַנגען צופֿיס דורך קאָלבישוב, סענדישיוו, ראָפּשיץ, דעמביץ. די וועגן זענען געווען פֿול מיט עסטרייכישע מיליטער־איינהייטן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ ריקצוג פֿאַר די אַטאַקירנדע רוסן; נעבן זיי זענען געלאָפֿן טויזנטער פּליטים. מיט

גרויס מי איז אונדז אין דעמביץ געלונגען אַריינצוקומען אין אַ באַן־וואַגאָן, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין טאַרנע.

דערווייל זענען די קאָזאַקן אַריין קיין טאַרנאָבזשעג. די איבערגעבליבענע יידן האָבן דאָרט געלעבט אין גרויס שרעק, מ׳האָט געוווסט דאָס זיי הרגענען, רצחנען און שענדן פרויען. און עס זענען טאַקע געפאַלן אומשולדיקע קרבנות. אַ געוויסן טאָג איז איבערגעריסן געוואָרן אַ מיליטערישער טעלעפאָן־דראָט, האָבן זיי באשולדיקט די יידן אין שפּיאָנאַזש און אויפגעהאָנגען עטלעכע יידן פון דאָרף מאַקשישווו, צווישן זיי מענדעלע פערלמוטער, זיין זון און איידעם. געשאָסן געוואָרן זענען אויך חיים ענגעלבערג (דער מאַן פון פויטשע) און שיינמאַן; ביידע, גייענדיק קיין מאכיטשין.

אין טארנע זענען מיר געווען ביי קרובים ביז איבער די ימים טובים. די עסטרייכער האָבן דאַן אָפּגעשטויסן די אָפּענסיווע, טאַרנאָבזשעג איז באַפרייט געוואָרן און מיר זענען צוריק אַ היים. דאָס מאָל האָבן מיר געטראָפן דאָס הויז גאַנץ און דאָס פאַרמעגן כמעט נישט גערירט. נאָר איין וואָך האָבן מיר גערוט אין דער היים. די רוסן האָבן די צווייטע אָפענסיווע אויפגענומען און דערגאַנגען ביז די פעסטונגען פון קראָקע און פשעמישל, און אויף לאַנגע חדשים באַהערשט מער ווי האַלב גאַליציען. דאָס מאָל זענען מיר אַוועק מיט דער באַן קיין טארנע און מיטגענומען קליידונג און די נויטיקסטע זאַכן. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר געמוזט ווייטער לויפן, אָבער קיין באַן פאַר ציווילע מענטשן איז נישט געווען. דער טאַטע מיינער האָט מיט אַ שותף געקויפט אַ פערד מיט אַ וועגעלע. דאָס איז געווען אַן אויסגעדאַרטע קליינע קלאַטשע, קוים וואָס זי איז געגאַנגען, אהן אויך עסן פאַר איר איז נישט געווען. פלעג דער טאַטע גיין פאָראויס מיט אַ ביסל היי אין האַנט, און זי, די קלאַטשע, איז אים נאָכגעגאַנגען... אַזוי האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין באכניע. פון דאַנען האָט די רעגירונג אָרגאַניזירט טראַנספּאָרטן קיין עסטרייך און טשעכן און דאָרטן צעטיילט די פליכטלינגע. מיר, אַ גרופּע פון 20 יידן זענען געקומען קיין פאלנא, אַ קליין שיין שטעטל אין מערש אסטרא. דאָ האָבן מיר געוויילט כמעט אַ יאָר און געלעבט פון דעם „קייזערס" שטיצע: 90 העלער אַ טאָג פאַר אַ קאָפּ.

אין 1915 איז דזשיקאָוו באַפרייט געוואָרן פון די רוסן. אין אָנפאנג 1916 האָט מען אונדז צוריק אַהיימגעשיקט. די פאַרמעגנס זענען געווען גענצלעך אויסגערויבט, דער עיקר דורך די אָרטיקע גויישע באַפעלקערונג. די יידן, וועלכע זענען געבליבן אויפן פּלאַץ און מיטגעמאַכט די רוסישע אָקופּאַציע, האָבן אויסגעזען צעבראָכן פון הונגער און נויט. בשעת די לעצטע קאַמפן ביים פאַריאָגן די רוסן, איז געווען אַ גרויסע דעצידירנדע שלאַכט ביים דאָרף קאימאוו, פון וועלכע די שטאָט איז אויך שטאַרק באַשאָסן געוואָרן. אַ באָמבע האָט צעשמעטערט דאָס הויז פון מאָטל פעדערבוש (פאָטער פון ישראלקע) אין מאַרק, אומגעקומען זענען: זיין ווייב לאה, די טאָכטער פייגע און אַן עלטערע טאָכטער מיט צוויי קינדער.

אַ זכר לחורבן איז געווען דאָס פאַרברענטע ראָטהויז. דאָס איז געווען דאָס צענטראַלע הויז פון שטאָט. געשטאַנען איז עס אין מיטן מאַרק און געווען דאָס אייגנטום פון גראַף טאַרנאָווסקי. אין איין זייט פון דער גרויסער געביידע איז געווען די „פּראָפּינאַציע" ד. ה. דער מאָנאָפּאָל אויף שאַרפע געטראַנקען, וואָס האָט געהערט צום גרויסן גביר ר׳ שלמהלע לאם; פון דער צווייטער זייט איז געווען דאָס שטייער אַמט, און פון ביידע לאַנגע זייטן — בלויז יידישע געשעפטן. דאָס איז געטראָפן געוואָרן נאָך פון ערשטן פייער אין 1914. זיינע אָפּגעברענטע ווענט זענען אַזוי געשטאַנען עטלעכע יאָרן. דער פּלאַץ איז געבליבן נישט געפלאַסטערט ביז נאָענט צו דער צווייטער וועלט קריג.

ווי כ׳האָב שוין באַמערקט, זענען מיר די פליכטלינגער צוריק געקומען צו לערע ווענט. אַלץ איז געווען אויסגערויבט. א דאַנק דער עסטרייכישער רעגירונג, וועלכע האָט אונדז גיגעבן גרויסע הלוואות און שטיצע, האָבן מיינע עלטערן באנייט דאָס אייזן גישעפט. עס האָט גוט פּראָספּערירט ביז ענדע קריג.

אין די לעצטע 2 קריגס־יאָרן 1916—1918 איז אונדזער שטעטל געווען ווייט פון פראָנט. דאָס לעבן האָט זיך צוריק נאָרמאַליזירט, באַרואיקט און אויסערלעך איז עס געווען ווי פאַר דער קריג. קיין שום ספּעציעלע געשעענישן זענען דעמאָלט נישט פאָרגעקומען

ענדע 1918 האָט זיך די וועלט־קריג געענדיקט, די עסטרייכישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן און מיר יידן האָבן פאַרלוירן אַ מלך חסד, קיר"ה (קיסר ירום הודו). ביי עסטרייך האָבן מיר זיך געפילט גלייכבאַרעכטיקט, געשיצט.

פוילן איז אַנטשטאַנען מיט פּאָגראָמען אויף יידן, שרעקלעכע ידיעות זענען אָנגעקומען פון אַנדערע שטעט און מ׳האָט געלעבט אין פחד. מענער זענען מער אויף דער באַן נישט געפאָרן, ווייל די האַלערטשיקעס (זעלנער פין אַנטיסעמיטשן גענעראַל האַלער) האָבן אָפּגעשניטן די בערד מיט מעסערס און דערביי מערדערלעך געשלאָגן. אין אונדזער געגנט איז אַרומגעפאָרן אַ גלח פון ראַדאָמישל, אַ פירער פון דער פויערן־פּאַרטיי, און געהעצט קעגן יידן. אויך קיין טאַרנאָבזשעג איז ער געקומען. אַ געוויסן מיטוואָך, האָט זיך געמערקט, דאָס עס זענען געקומען מאַסן פויערן אויפן מאַרק, פיל מער ווי געוויינלעך. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן צו ראַבירן די יידישע קראָמען. פון דער קהילה האָט מען זיך געווענדעט צו די מאַכט־אָרגאַנען נאָך הילף; זיי האָבן געשיקט עטלעכע זעלנער, וועלכע האָבן זיך אַליין געשראָקן פאַרן המון. איך געדענק, דאָס ווען די גויים האָבן ביי אונדז דאָס געשעפט גערויבט, האָב איך געוואָלט די אויסערלעכע טירן פאַרמאַכן, אָבער זיי האָבן מיך געשלאָגן איבער די הענט. אין פאַרצווייפלונג האָב איך אויפגעזוכט אַן איינציקן זעלנער און געבעטן ער זאָל נאָר שטיין אַ פּאָר מינוט ביי אונדז, ביז מיר וועלן די טירן פאַרמאַכן. שפּעטער איז אָנגעקומען מיליטערישע פאַרשטאַרקונג און זיי האָבן די פויערים אַרויסגעטריבן פון שטאָט. כדי אונדז צו באַרואיקן און באַווירקן צו עפענען די געשעפטן, האָבן זיי אַריינגעשטעלט אַ זעלנער אין יעדן הויז.

אין פאַרגלייך צו אַנדערע שטעט, זענען מיר נאָך אָפּגע־קומען ביליק... נאָר אַ קליין פּאָגראָמעלע... אָבער די געמי־טער זענען געווען טרויריק, מ׳האָט זיך געשראָקן פון די צוקונפט אין „פרייען״ פוילן. מיר האָבן געהאַסט דעם נייעם רעזשים און די יידישע יוגנט האָט נישט געוואָלט דינען אין דער אַנטיסעמיטישער אַרמיי. אין 1919 איז דערשאָסן געוואָרן אין זיין דירה אין מאַרק חנינה מאַנהייט און זיין ווייב חנה (די עלטערן פון מאָטעלע מאַנהייט) — דער מערדער איז געווען אַ פויער פון מיעכאטשין.

אַלס רעזולטאַט פון דער אָנגעשטרענגטער לאַגע האָט די יוגנט מער נישט געזען פאַר זיך קיין צוקונפט אין דער אַלטער היים און געזוכט וועגן אויסצוואַנדערן. אַ סך האָבן געשמוגלט די דייטשע גרענעץ, און אַריבער קיין דייטשלאַנד, אַנדערע זענען אַוועק אין די גרעסערע שטעט אָדער גאָר געפאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט אָרגאַניזירט זיך אין אַ טאַרנאָבזשעגער לאַנדסמאַנשאַפט.

דעמלט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די ציוניסטישע טעטי־קייט, וועלכע האָט אויך געברענגט די עליה קיין ארץ ישראל.

יהודה יערי*

„כאור יהל״

(קטעים מפרק ראשון של הספר „כאור יהל״)

הערת העורך:

בפרק הראשון בספרו „כאור יהל״ („מגילת חייו של יוסף לנדא״, הוצאת ארץ־ישראל תל־אביב, תרצ״ז, יצאה גם מהדורה חדשה ע״י אגודת הסופרים העברים בירושלים בשנת תשכ״ט) מתאר מר יערי את עיירת מולדתו דזיקוב בעת שנכבשה במל־חמת העולם הראשונה ע״י הרוסים, את אכזריותם והתעללותם של הקוזקים הרוסיים ביהודים בהיכנסם לעיירה ואת תלייתם של חמשה יהודים, שהעלילו עליהם, שהם מרגלים, ביער שמחוץ לעיר.

מר יערי לא מזכיר בספרו את שם עירנו במפורש וגם האנשים שהוא מזכיר, לא כולם הם שמות אמתיים. כסופר מחונן הוא משווה — כיד הסופר והסיפור הטובה עליו — לסיפורו גון ספרותי דמיוני התואם את כל כללי הסיפור המודרני, כאשר סביב גיבורו הראשי (יוסף לנדא), שהוא קושר לו הילת גבורה, מסתובב הכל.

ברור שאין התיאור הזה תואם במלואו למאורעות כפי שקרו אז במציאות, אך בכל זאת, יהודי מדזיקוב הקורא את סיפורו של יערי, מכיר בו תיכף את עיירתו ואת המאורעות של ימי האימים ההם, למרות השוני שבין הסיפור למציאות. מצאנו על כן לנכון למסור בספרנו את הסיפור הזה.

על שאלתי בנדון, כותב לי מר יערי:

„אשר לתאור שלי בהתחלת הספר „כאור יהל״ הרי עלי להבהיר שלא היה בדעתי כלל לתאר את הדברים בדיוק כפי שארעו. החוויה האישית שלי, שרישומה לא יימחה מלבי לעולם, שימשה לי מעין יסוד וחומר השראה. זוהי הסיבה שלא הזכרתי את שם עיירתי בספרי „כאור יהל״ והשתדלתי עד כמה שאפשר שלא לקרוא לאנשים בשמם״.

את הסיפור אנו מביאים, ברשותו ובאדיבותו של המחבר, כמעט במלואו.

***

בהתחלה מספר יערי שהקוזקים נכנסו לעיירה בראש השנה של שנת תרע״ה (הערה: מעניין שגם הקלגסים הנאציים נכנסו

---

* יהודה יערי (וולד) נולד בדזיקוב בשנת תרס״א לאביו ר׳ חיים יוסף וואלד ז״ל. (מעניין למסור מה שכתב לי מר יערי על שם המשפחה שלהם: „על משפחתנו היו אומרים, שהיא מצאצאי אותם פליטים (כלומר, פליטי ספרד, שהתיישבו אחרי גירוש ספרד בסביבת דזיקוב — י.פ.) ולפני שנקראו בשם וואלד, נקראו בשם הולנדר, כלומד, האנשים שבאו מהולנד.)

למד בחדרים וגמר את בית הספר העממי בדזיקוב. במלחמת העולם הראשונה עבר עם הוריו לטארנוב, שם המשיך בלימודיו.

עלה ארצה בשנת 1920. עבד קשה בעבודות שחורות ונמנה על מיסדי בית אלפא.

למד את תורת הספרנות בארצות הברית וקיבל תואר של ספרן וביבליוגרף מוסמך. כאחיו אברהם ז״ל, עבד גם הוא פרק זמן כספרן בבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים.

יהודה יערי הוא כיום סופר מפורסם, מחבר ספרים ספוריים ומחזות. בשנת תש״ל קיבל פרס ברנר בעד עבודתו הספרותית החשובה.

מר יערי לא שכח את עיר מולדתו ועד היום עומד בקשר עם חבריו הישנים של עיר מולדתו דזיקוב.

לעיר בערב ראש השנה שנת ת״ש). כמעט כל יהודי העיירה ברחו יחד עם הצבא האוסטרי הנסוג. נשארו בעיר רק זקנים, חולים ויולדות. אלה התחבאו כמה משפחות בבית אחד. גם באחד הבתים בשוק, (בבית הורי גיבורו, יוסלה) התחבאו כמה משפחות. שם עשו היהודים מנין והתפללו. כשהגיעו לתקיעת שופר התחיל ויכוח ביניהם אם לתקוע או לא. היו מהם שפחדו אולי ישמעו את תקיעת השופר בחוץ וזה יכול להמיט ח״ו אסון על הנאספים בבית, ואחרים אמרו לתקוע ולהסתכן, והשם יעזור.

„הסוף היה שלא תקעו. לא הספיקו לתקוע. הדיון נפסק בדפיקות על הדלת. והפעם דפיקות צוררות מבשרות רעה, דפיקות של קוזאקים. אימה נפלה על הכל. נחבאו בפינות כעכברים. אבא הסיר מהרה את הטלית מעל ראשו הלך וישב על מיטתה של אמה (שהיתה יולדת י.פ.) סבא ניגש אל הדלת.

— מי שם שאל סבא בקול־רטט, כשלא פסקו הדפיקות.

— פתח את הדלת!

— מי שם?

— פתחו יהודים ארורים, כי נשבור את הדלת! נהם קול פרא מבחוץ. סבא פתח את הדלת. רוח חזקה וצוננת פרצה אל הבית ויחד עם הרוח פרצו חמשה: אחד אופיציר שפניו דוביים־אכזריים, שלשה קוזאקים וכידונים בידיהם, מבעד למצ־נפות הגדולות שעל ראשם לטשו עינים פראיות, וצעיר פולני מבני המקום שהיה משמש כמורה דרך. (הם, כנראה, לא השתנו: גם במלחמת השואה, היו הם, הפולניים מורי־הדרך של הנאצים ואף הרחיקו יותר: מבצעי פשעים בעצמם — י.פ.) הניחו את הדלת מחציתה פתוחה והעלטה שבבית נמוגה קמעה. עתה אפשר היה לראות את פני כולם.

— מי כאן בעל הבית? — נהם האופיצר בקול הדובי. דיבר פולנית.

— אני בעל הבית — ענו סבא ואבא בבת אחת.

— מה זה כאן? מה אתם עושים כאן?

— יהודים אנחנו, בני ישראל, והננו מתפללים לד׳ אלוקינו — ענה סבא בשלווה, שהיה בה כדי לרכך אפילו את לבו של אותו אופיציר.

אולם לבו של אותו אופיציר לא נתרכך.

— מתפללים! צעק — תמיד הם מתפללים! עושים כל מיני נבלה ואומרים שמתפללים... מרגלים אתם, יהודים נבזים! כולכם מרגלים!..

— בוש לך! — הפסיק אותו סבא בעוז — בוש לך! הן אדם נאור אתה ואיך תדבר כדברים האלה? יהודים ברי־לבב אנחנו ונתאספנו כאן לעבוד לד׳ אלקינו. ראש השנה לנו היום. ראש השנה „נובי רוק״...

— יהודים ברי לבב. היכן יש יהודים ברי לבב?... נתע־בים אתם כולכם! נבלים! ז׳ידי פארחי!...

סבא החריש. וכי מה יכול היה לומר? פעמים רבות שמע סבא בימיו את מלות־העלבון האלה ולמד לשמוע אותן כאילו עלבון לאומרן ולא לו. חייך חיוך, שהיה בו גאון, בוש ויאוש והחשה רגע, אחרי כן ניגש פתאום אל ספר התורה, שהיה מונח עדיין על השולחן ונשק אותו נשיקה ארוכה וקולנית.

היתה דממה ותמהון, האופיציר סבב בעיניו על כל הבית כחיה רעה לפני קפיצתה הטורפנית, הבחין בשופר שבידי ר׳ זנביל דוד.

— ומה זה, יהודים ברי־לבב? מה זה? תבלעני השחת, אם אין זו חצוצרה, להודיע לאויב על הנעשה בעיר!... כלבים! — רטן האופיציר.

סבא היה כמבולבל, לא ידע אם מתלוצץ הוא, האדם הדובי הזה, אם בכובד ראש ידבר. האמנם יעלה על דעתו ששופר זה לריגול הוא משמש. האמנם חושב הוא את העדה העלובה הזאת, עדה של ישישים, חולים, נשים וילדים — למרגלים. רצה סבא להסביר לו, כי אין זו חצוצרה, אלא שופר, שופר פשוט שנו־הגים היהודים לתקוע בו בראש השנה, אולם האופיציר פניו האדימו כדם ופיו התחיל פולט קללות נמרצות. סבא לא יכול לפצות פיו. פרש כפיו וחייך ביאוש.

— והיא —? — הוא ביטא מלה מלוכלכת — מה היא שוכבת שם? מה היא מסתירה שם במשכבה? — צרח האו־פיציר כלפי אמא, שהיתה שוכבת שם כל העת ומסתכלת בכל הנעשה בשקט שבגבורה.

עתה נבהל סבא. זקנו התחיל מרטט ועור פניו הלבין כשער ראשו. החיוך מעל פניו גוע פתאום.

— יולדת, אדוני, יולדת — התחנן סבא כשהוא אובד עצות — הנה לפני ימים אחדים ילדה את הפעוטה הזו. אל־נא תעשה לה רע, אדוני, אל־נא.

— להקים אותה!

הכל קפצו ממקום כנכוים, התחילו מגיחים מזוויותיהם ומתקבצים סביב מיטתה של אמא, כאילו אמרו להגן עליה...

— להקים אותה — הרעים שנית האופיציר ואנשיו התחילו מפזרים את הבריות, שהקיפו את המיטה, כפזר תפוחי אדמה. אמא אספה את כל כוחותיה וישבה לה בתוך המיטה...

...אבא סמך אותה בידיו וסבא קירב לה כסא לישיבה. את הכסא היחידי שבבית. אמא ישבה וסבא נתן לה את התינוקת בחיקה...

...הקוזאקים פיזרו את כל כלי המיטה, הפכו את שרידי כלי הבית, חיפשו בכל קרן זוית, וכשלא מצאו דבר, שללו את ידי הגברים בשלשלאות של ברזל וירדו אל המרתף. שם, במרתף, ודאי ימצאו כל מיני כלי ריגול. כיון שנמצא כאן שופר, מן ההכרח שיימצאו עוד מיני כלים מסוכנים... בבית היתה דומיה איומה, הגברים נתישבו בשורה על הארץ שלולים היו זה לזה ולא יכלו להפרד, ועשו חשבון נפשם. הנשים נאנחו חרש, יראו משום מה לבכות, והילדים נסתתרו בזוית ורעדו באימה.

— ...פתאום —

— הסו, יהודים מצורעים!!...

הקוזאקים עמדו בארבע פנות הבית וכידוניהם בידם והאופיציר עומד באמצע וצורח בקול: כחזיר שהוציאוהו לשחיטה.

— יהודים ברי־לבב!... את אלה אתם מסתירים במרתף שלכם, כדורים אוסטריים... כולכם תמותו, ככלבים תמותו! יהודים ברי־לבב!...

איש לא פצה פיו להשיב לאופיציר. עמדנו והסתכלנו במבוכה רבה בכדורים, שגולל בין אצבעותיו והתפלאנו על

כוחו של המשחית ליצור יש מאין, כיון שיצאה גזירה מלפניו. איש לא ידע מנין באו כדורים אלה אל המרתף ואם בכלל מצאום שם. אבדון השקיף מתוך עיני הכל.

— הוציאום ! — פקד האופיציר בצריחה ואנשיו התנפלו על הגברים השלולים, כחיות רעות, מגלביהם צפצפו באויר כחתולים. הכו על הראשים, הצליפו על הידים, חבטו על כל הגוף והמוכים נאנקו בקולות של טרופי־דעת.

...אחר כך שבו השבויים. מאז הוצאו מן הבית לא נסגרה הדלת ועתה נכנסו בדמי, בלי דפיקה. מוכים היו, סחופים ודוויים, קשה היה להכיר את פניהם. חבורות נפוחות הכחילו בפניהם, זרמי־דם הקרישו על זקניהם ובעיניהם היתה לאות ואדישות של אנשים, השואלים את נפשם למות.

— הבריכו אותנו בשורה — סיפרו — הלקו אותנו במגלבים, אחר כך פקדו אותנו והוציאו מן השורה כל חמישי... אותם אסרו ואותנו גרשו הביתה, כגרש בהמות...

חמישה מהם נאסרו. על חמישה מהם נפל המספר חמישה. האסורים היו: מנדלי הכפרי ושני בניו, ליזר „בעל המעשה" וסבי. הם לא שבו עוד.

אבא נכנס אל הבית לאחרונה. פניו היו אפורים כעפר, זקנו היה פרוע, עיניו היו מוקפות דם כחול ובגדיו היו מרופ־שים כבגדי קבצן. נבהלתי למראהו. הוא לא אמר דבר. ירד אל המרתף וכעבור רגעים אחדים עלה וצרור הכסף שקברנו שם לפני בוא הקוזאקים בידו.

— קח את זה יוסלה — אמר והושיט לי את צרור הכסף — קח את זה ובוא עמי מהר !

הכל ידעו את הסכנה הכרוכה בהליכה זו, הכל ידעו כי אפשר ושלא נשוב עוד, אבל לא מיחו בידינו. יגעים היו מלמחות. אף אמא לא מיחתה. הביטה עלינו בעינים מלאות חרדה כאילו נפרדת מעלינו לעולמים. אך לא אמרה דבר. ניגשתי ונשקתי את ידה. חיבקה ראשי ונשקה מצחי. ישמרך אלקים — דובבו שפתיה ודמעותיה יקדו על פני. אבא הפריד בינינו.

— נו, נו, יוסלי, מהר.

יצאנו וסגרנו את הדלת אחרינו.

...הלכנו לאורך הרחוב הריק והלמות פסיעותינו פשטה למרחוק כבחצות הלילה...

...מתוך חצרות הגויים נבחו עלינו הכלבים, צלבים־צלבים השחירו משני עברי הרחוב, על פתח כל חצר. הלכתי ותמהתי בלבי, אם גם לבתיהם פרצו הקוזאקים, ואם גם אותם הוציאו, הלקו במגלבים וחמשו אותם, או אולי שמרו עליהם הצלבים השחורים... הלכנו בדממה לאורך כל הדרך עד שהגענו לבית הקומנדנט.

— איה היהודים ? — שאל אבא את החיילים ששמרו על פתח הבית.

— היהודים ? היהודים שם ביער. חו, חו, חו — החיילים צחקו כשדים.

פני אבא האפירו יותר. אחז בידי, והרגשתי שידו רועדת.

— בוא מהר — אמר ונאנח.

— אבא, למה צחקו החיילים כך ? — שאלתיו בתמהון ורוגז.

— רע מאד, יוסלי, לכן צחקו...

— לכן צחקו ? ! כשרע צוחקים ?...

— אולי תחדל מלענות אותי בשאלותיך, אתה ? בוא מהר ! היהודים שם ביער... וי לי...

אבא התחיל רץ. כילד רץ. אחזתי בידו ורצתי עמו בכל כוחי. רצנו אל היער. אותו היער שאליו נמלטו הפליטים. עברנו על בית־הספר, עברנו את גן העיר, עברנו על בית־החולים הגדול, ועל ה„צלם" של אותו האיש העומד שם על פרשת־דרכים. עוד מעט, עוד מעט ונהיה ביער. הנה העצים הראשונים.

באנו אל היער ומצאנו חמשה יהודים תלויים על עצים. מנדלי הכפרי, אחריו שני בניו, אחריהם ליזר „בעל המעשה" וסבא בקצה. חמשה יהודים תלויים על עצים גבוהים, בקצה היער, על יד דרך המלך, תחת שמים מגולים. פניהם ? מי היה בו הכוח לראות את פניהם ?

אבא התפרץ בזעקות איומות והתחיל חובט בשתי ידיו בראשו. אני השלכתי את עצמי על הארץ ויללתי ככלב מוכה. שכבתי ובעטתי ברגלי באדמה. יללתי וצווחתי, אך עיני יבשות היו כאבנים. אף דמעה לא זלגו. אבא הרים אותי מעל הארץ.

— לא עת צעוק עתה, יוסף — אמר בקול דעוך — לא עת צעוק — הוא הוציא אולר מצלחתו והושיטו לי — קח את האולר הזה — אמר — טפס ועלה על כתפי וחתוך את החבל. אתה שומע ?

אבא דיבר אלי כמדבר לגדול. יוסף, קרא לי, ולא יוסלי. בפעם הראשונה קרא לי כך. מדורה של רחמנות נתלקחה בקרבי פתאום לאבא המדבר אלי, אל בנו הקטן כמי שמדבר לאיש גדול.

— כן אני שומע — עניתיו ולקחתי את האולר מידו. מוכן הייתי אותה שעה לעשות כל מה שיצוה עלי, כי ריחמתיו מאד.

אבא אחז בעץ שעליו היה תלוי ר' מנדל ואני טיפסתי על כתפיו. החבל היה גבוה, לא יכולתי להשיגו.

— אינני יכול להשיג, אבא ! קראתי מלמעלה.

— עלה איפוא על ראשי !

עמדתי והססתי רגע ; לדרוך ברגלי על ראשו של אבא במנעלי ?

— נו, יוסף, מה אתה מתמהמה שם ?

עליתי על ראשו בזהירות, עד כמה שיכולתי. חתכתי את החבל וגופתו של ר' מנדל הכפרי נפלה לארץ.

כך הורדנו גם את שני בניו של ר' מנדל ואת ליזר „בעל־המעשה" ובסוף את סבא.

אחר כך השכבנו את המתים בשורה וכיסינו אותם במל־בושים שפשטנו מעליהם. ככלות העבודה הזאת פנה אלי אבא שוב באותו קול דעוך.

— שמע נא, יוסף, השאר אתה כאן ושמור על המתים ואני אלך אל מיכל לשכור עגלה ונוביל אותם לקבורה.

— אבל, אבא, הלא ראש השנה היום !...

— כן, ראש השנה, אוי ואבוי לראש השנה כזה !...

— אבל אבא, להשאר עם המתים לבדי ?

— אל תירא מן המתים, יוסף, את החיים ירא ולא את המתים...

אבא הלך. נשארתי לבדי ביער. לבדי עם חמשה מתים ולא פחדתי. מאותו יום ואילך לא הרגשתי עוד רגש הפחד מפני מתים, מפני בית־כנסת ריק וכיוצא בזה. אותו יום הזקין אותי.

...בינתיים הגיעה העגלה מהכפר ובה אבא ומיכל. מיכל לא ידע, כפי הנראה, מה נעשה כאן. בראותו את שורת המתים התפרץ בצעקה כאילו חתכו את בשרו: „יזוס מריה! מה עשו לכם ?" — זרק את כובעו לארץ, וצעק בקול גדול, כאילן הנחבט בסערה עמד שם ואיים בכפיו כלפי מעלה. בקושי רב הצליח אבא להשקיטו.

מיכל השקיט מעט, ישב ליד גופתו של סבא ושוחח עמו בקול כאוב: „אה מושקו מושקו — מלמל — אל תסלח להם מושקו. אתה אדם טוב, מושקו, אני יודע, אבל את זה אל תסלח להם !... מושקו מושקו, אל תסלח להם מושקו !..."

אחר כך עמסנו את המתים על העגלה ונסענו לבית העלמין. בית העלמין היה ליד בית הנתיבות, מעבר העיר משם. היה עלינו לעבור את כל העיירה. העגלה התנהלה בכבדות ברפש־הדרך והסוסים הורידו ראשיהם ונשמו באנחה, כאילו הרגישו, שמושכים הם את עגלת־המות. עברנו את השוק. השוק היה מת. אפילו כלב לא נראה בו. חורבת בית הועד העשנה באמצעותו וניירות שרופים התעופפו מעליו כפרפרים שחורים. פתחי־הבתים היו עתה פתוחים מעט. בלילה נפתחו ונשדדו על ידי הצבא ואכרי־הסביבה. שולחנות־תגרנים הפוכים ושבו־רים נתגלגלו בשוק כעצמות מתים בשדה קרב. עגמה נוראה היתה רבוצה מסביב. חשבתי שכל העולם כולו נחרב ואנחנו השרידים האחרונים מתנהלים על גבי חורבותיו וכן נתנהל עד עולם. הדרך לבית העלמין ארוכה מאד, כדרך במדבר.

סוף סוף הגענו. בבית העלמין מצאנו מחפרות צבא שחפרו שם האוסטרים, בברחם מפני הרוסים. כאן נקבור אותם — אמר אבא. הורדנו את המתים אל תוך המחפרות, זה אחר זה, כך, בבגדיהם ובמנעליהם וכיסינו אותם באדמה, באבנים ובשלג ממוסמס, שנערמו בשולי המחפרות. עבדנו בידים וברגלים, כי מעדר לא היה עמנו. (אחר כך אמר אבא „קדיש" בקול איום, כקולו של אדם שגרונו נקוב. עניתי אחריו „אמן" כדי לחזקו. יראתי שמא נגווע תוך כדי אמירה זו. מיכל חשף את ראשו ועשה סימן צלב.).

ליקטנו אבנים ועשינו גל במקום הקבורה, אחר כך נסענו העירה.

שוב עברנו את כל העיירה ועתה היה השוק מלא קוזאקים. הם הגיעו שמה בעת שהיינו בבית העלמין ועוסקים בקבורת המתים. כיסו השוק כארבה. ישבו על הארץ באלפיהם ואכלו בשר משומר מתוך קופסאות פח. על ידיהם ניצבו סוסיהם שורות־שורות. הסוסים היו מכוסים טליתות של יהודים נרצחים או שדודים. אבא הסתכל במראה מתוך זוועה. אחר הקיש באצבעו על מצחו וקפץ מעל העגלה.

— בוא אתי מהר, יוסף ! — פנה אלי ועזר לי לרדת מעל העגלה. ואל מיכל אמר : — מהר הביתה והודיע שם כי שלום לנו ואמור להם כי נשוב עוד מעט ! אנחנו —

— אבל פאני העשקו — הפסיק לו מיכל — פאני העשקו, ירא את האלקים ! אל תלך לבית החיות האלה ! יטרפוך כגדי.

אבא לא שם לבו אל דבריו.

— עשה כאשר אמרתי לך, מיכל, אל תתמהמה, כי הבית שרוי בדאגה.

— העשקו העשקו, שמע בקול מיכל הזקן, אך הפעם, העשקו !...

אבא לא הפנה את פניו אליו, אחז בידי והתחלנו ממהרים לתוך השוק. מרחוק שמענו את העגלה כשהיא מתגלגלת בדרך, הביתה.

— צרור הכסף אתך, יוסף ! — שאל אבא תוך כדי הליכה.

— כן, אבא.

— בוא מהר !

אחוזים זה בזה האצנו את פסיעותינו עד שהגענו אל הפסל הגדול של הגיבור קושצ'יושקו העומד שם מאובן וקר, בקצה השוק.

אבא עלה על הכן, שעליו ניצב הפסל והתחיל מכריז בקול רם, בפולנית, כדרך שמכריזים התגרנים על סחורותיהם בימי היריד.

— טליתות אני קונה !... טליתות של יהודים אני קונה !... זהוב בעד טלית !... טליתות, טליתות !.. הביאו טליתות.. זהוב בעד טלית !.. טליתות, טליתות !...

הקוזאקים צחקו חשבו, כי מוקיון עומד לפניהם ועושה מעשה צחוק. התחילו מתאספים ליד הפסל וצחקו. הסברתי להם בכל מיני תנועות והעויות, כי לטליתות אנו מתכוונים. ניכר, הענין בידח את דעתם. בצחוק גדול התפזרו על פני השוק, פשטו את הטליתות מעל הסוסים והביאום אלינו. אבא קיבל את הטליתות ואני שילמתי את מחירן.

עת רבה ארכה עבודה זו. הטליתות היו מרובות. אבא הלך והתלהב יותר ויותר, הכריז בקול רם ובניגון מעט, כשמש המכריז על העליות בבית המדרש, במועדים: טליתות אני קונה !... טליתות !... כל טלית שהובאה בדק אותה אבא בכוונה ובמבט רחוק בעיניו, כאילו שיוה לנגד עיניו את דמות היהודי שהיה מתעטף בה, נשק את ציציותיה והניחה באנחה לרגלי הפסל. וכשהובאה הטלית האחרונה ירדנו מעל כן הפסל. אבא צרר את הטליתות בשני צרורות, את הקטן שם על שכמי ואת הגדול לקח הוא. התחלנו יוצאים מהשוק. יצאנו בחפזון — יראנו, שמא יתחרטו הקוזאקים על הממכר; הללו עלולים לשלול ממך את סחורותיך לאחר שקיבלו כסף מחירה. ברחנו מן השוק. נעלמנו תוך אחת הסימטאות הדוממות. אמרנו ללכת הביתה בדרכים עקלקלות.

...בדממה עמוקה זחלנו תחת משא הצרורות. הטליתות היו עתיקות וכבדות. עברנו את הסימטאות הריקות, עברנו את כיכר בית המדרש, נר התמיד היה עדיין מתנוצץ שם. עלינו על התל המתנשא שם מעבר לבית המדרש וחוצץ בין שכונת היהודים ושכונת הגויים. תל זה נקרא בפי בני העיירה „תל־הקדושים" כי על התל הזה — מספרים — נהרגו לפני

שנים רבות שלשה יהודים על קידוש השם, בעלילת דם. סבא היה מתפאר תמיד, כי מצאצאי אחד הקדושים האלה הוא. בצוואתו שמצאנו אחרי מותו בין דפי הזוהר, ביקש סבא שעל מצבתו לא יחרתו לא שם תואר ולא שם כבוד, אלא יזכירו כי מבני בניו של אותו קדוש היה.

...הגענו אל ראש התל, אל האבן הגדולה הנתונה שם למעלה ונקראת בפי אנשי העיירה „האבן הצומחת". על האבן הזאת ערפו את ראשיהם של שלשת הקדושים ואומרים עליה, על האבן הזאת כי צומחת היא וגדלה משנה לשנה. חשתי כי כוחותי פוחתים והולכים וביקשתי מאבא שנעמוד לפוש מעט.

נענה לי. הסיר את צרורו מעל שכמו ואחר עזב עמי. עתה יכולתי לזקוף את קומתי ולראות את פניו. פניו היו אפורים כפני סלע, ששטפו הגשם. על זקנו נתגלגלו דמעות גדולות ומזהירות כמרגליות. זאת היתה הפעם הראשונה והיחידה בחיי שראיתי את אבא בוכה. תמיד דמיתי שאין אבא יודע לבכות. עליתי על האבן ונשקתיו על הזקן רווי־הדמעות.

...אחר כך נפלתי על צוארי אבא ובכיתי הרבה בכה...

יעקב פליישער

דאס שטעטל ערב מלחמה

זייט דעם 30־טן אַפּריל 1939, ווען היטלער ימ"ש איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס עפנטלעך מיט דער פאָדערונג אויף דאַנציג מיטן פּוילישן „קאָרידאָר", וועלכע ער האָט געלאָזט הערן אין זיין טרויעריק־באַוווּסטע רעדע, וואָס איז געווען געווענדעט צום דעמאָלסדיקן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פראַנקלין רוזוועלט, און נאָכדעם ווי ס'איז געקומען — מיט אַכט טעג שפּעטער — די תשובה פון פּוילישן אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק, אין זיין רעדע אין פּוילישן סיים, פרייטיק דעם 7־טן מאַי אין וועלכע ער האָט געשטעלט אָפן די פראַגע: „אין וואָס אייגנטלעך האַנדלט זיך"? („O co właściwie chodzi") און דערביי געזאָגט אַ קלאָרן און קאַטעגאָרישן „ניין", פּוילן וועט נישט אַוועקגעבן איר טעריטאָריע — פון דעמאָלט אָן איז די פּאָליטישע לאַגע געוואָרן אָנגעשטרענגט וואָס אַ מאָל מער און מער. מענטשן מיט אַ פּאָליטישן חוש האָבן פאָראויסגעזאָגט דאָס דערנענטערן זיך מיט שנעלע טריט די אָנקומענדע קאַטאַסטראָפע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „נערוון־קריג" אין זיין שאַרפסטן פאָרם. געבעלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין האָט געאַרבעט מיט דער פולער פאַרע. יעדן טאָג אַנדערע נייעס, וועלכע האָבן צעשטרייט די נערוון און צעמישט די געדאַנקען. די שרעקלעכע פראַגע: „יאָ מלחמה־נישט מלחמה"? האָט געעגבערט דעם מח.

ווי אין אַזעלכע צייטן האָבן זיך אָנגעהויבן הייסע ויכוחים צווישן „אָפּטימיסטן" און פּעסימיסטן". געווען יידן „פּאָליטיקער" ,וועלכע האָבן „אויפגעוויזן" מיט ראיות און מופתים און „אייזערנע אַרגומענטן", אַז עס וועט קיין מלחמה נישט זיין: „היטלער סטראַשעט — האָבן זיי געטענהט — מיט... „שראגע". (אַן אויסדרוק אין קאָרטן־שפּיל). אַזוי לאַנג איז ער געווען אַ גיבור ווי לאַנג ער האָט נישט אָנגעטראָפן קיין דעצידירטן און קאַטעגאַרישן: ניין! ווי לאַנג מען האָט אים איבערגעגעבן אַלץ אָן איין שאָס איז ער געווען אַ זיגער, אַ העלד און געקענט פאַרבלענדן די אויגן פון דייטשן פאָלק און אויך פון דער וועלט, ווען אָבער ער וועט אָנטרעפן אויף אַן אמתן ניין, ד. ה. ווען די פּוילישע רעגירונג וועט קענען אויסהאַלטן דעם נערוון־קריג און זיך נישט פאַרלירן, וועט היטלער נישט וואַגן אָנצוגרייפן.

און אַז די פּוילישע רעגירונג איז געווען פעסט דעצידירט נישט נאָכצוקומען היטלערס פאָדערונגען, אפילו עס זאָל פירן צו מלחמה — אין דעם איז קיין שום צווייפל נישט געווען. אַרגומענטן? ביטע זייער: ראשית איז פּוילן אַליין גענוג שטאַרק (אַזוי האָט מען זיך איינגערעדט, ווייל אַזוי האָט די פּוילישע רעגירונג אַלע יאָרן איינגעפּרעדיקט די באַפעלקערונג, ווי ס'איז געווען באַוווּסט דאָס וואָרט פון מאַרשאַל רידז־שמיגלי: „אַפילו קיין קנעפּל פון מאַנטל וועלן מיר נישט אַוועקגעבן") זיך אַקעגנצושטעלן דעם דייטשן מיליטער און פירן מלחמה אַ לענגערע צייט אַפילו אַליין, אָן דער הילף פון די פאַרבינדעטע: ענגלאַנד און פראַנקרייך. צווייטנס, איז קיין ספק נישט, אַז די „פאַרבינדעטע" וועלן באַלד קומען צו הילף און דאַן — איז דער זיג אַ זיכערער. און אַזוי ווי היטלער איז נישט קיין נאַר און ער ווייסט דאָס אַלץ, וועט ער זיכער אין דער לעצטער מינוט — ווען די אָנשטרענגונג וועט דערגרייכן דעם קולמינאַציע־פּונקט — זיך צוריקציען און נישט שטעלן אין סכנה זיין גאַנצן פּרעסטיזש און דערמיט די עקזיסטענץ פון זיין רעזשים.

עס איז אָבער געווען אַ „יש אומרים" וואָס האָט געזאָגט פּונקט פאַרקערט: אַ דיקטאַטאָר — האָבן זיי געטענהט — קען זיך נישט צוריקציען און אויב מ'וועט אים נישט געבן אָן מלחמה וועט ער מלחמה האַלטן. און דאָס איז דאָך קיין ספק נישט, אַז דייטשלאַנד איז פיל שטאַרקער פון פּוילן. אלא די הילף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך? ראשית כל ,איז נאָך אַ ספק צי זיי וועלן טאַקע מקיים זיין

זייער הבטחה איז זיין גרייט צו „שטאַרבן פאַר דאַנציג״. (געדענקענדיק גוט די „הילף״ וואָס זיי האָבן דערטיילט צו טשעכיען...) און ווען אַפילו זיי וועלן יאָ קומען צו הילף, איז ביז זיי וועלן קומען, וועט דערווייל פּוילן ווערן אָקופּירט דורך דער דייטשער אַרמיי. און דאַן וועט שוין היטלער אַנדערש רעדן מיט די „פאַרבינדעטע״.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער ויכוח צווישן די צוויי צדדים. די ויכוחים זענען עפ״י רוב געפירט געוואָרן אין בית המדרש צווישן מנחה־מעריב און ספּעציעל שבת, ווען דער עולם האָט געהאַט מער צייט און גערוט פון אַלע נעבן־דאגות ווי: שטייערן, ריינקייטס־קאָמיסיעס, אַנטיסעמיטיזם און ועל כולם: דאגות פרנסה — האָבן די שאַרפע דיסקוסיעס אויף די לאַנגע בענק אַרום דעם בית־המדרש, אָנגענומען אַן ערנסטע פאָרם. ספּעציעל האָבן זיך געלאָזט הערן די הויכע טענער פון לייבעלע ווײנריב (וועלכן די שטעטישע לצים האָבן אים צוגעטשעפּעט דעם צונאָמען „טראָצקי״, אַלס סימן פון שאַרפקייט און לינקע אנשויאונגען) שימעלע ר׳ ישראל מאירס (מיטן צונאָמען „בעדל״) און אַנדערע. אָבער נישט בלויז אין בית המדרש, אויך אין די גאַסן און אין מאַרק זענען יעדן פאַרנאַכט געשטאַנען „רעדלעך״ בעלי בתים און דיסקוטירט וועגן דער לאַגע.

דערווייל האָט די דייטשע פּראָוואָקאַציע אָנגענומען אַן ערנסטע פאָרם און דאָס האָט זיך אויסגעדרוקט אין דיווערסיע־ און טעראָר־אַקטן אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד, וועלכע זענען געווען אויסגערעכנט צו זייען אַ בהלה און פחד צווישן די ציוויל־באַפעלקערונג. דאָ און דאָרט האָבן אויפגעריסן באָמבעס און פאַרוואונדעט פיל מענטשן. אויפן טאַרנאָווער באַן־הויף האָט אויפגעריסן אַ באָמבע, וועלכע האָט פאַרוואונדעט מענטשן און פאַראורזאַכט פיל שאָדן. דאָס זעלבע האָט מען געהערט פון אַנדערע ערטער אין לאַנד.

און כאָטש די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן די באַפעלקערונג, האָט זיך דאָך דערקענט די אומרויִקייט אויף אַ יעדערנס פנים. נאָך מער: עס האָט זיך געלאָזט באַמערקן ווי די מאַכט־אָרגאַנען אַליין האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן די קעפּ. אין דער צייט ווען עס האָט זיך געפאָדערט די מאַקסימאַלע אייניקייט פון גאַנצן פאָלק, אין אָנבליק פון דעם דערנענטערנדן זיך שטורעם, האָבן די אָרטס־מאַכט־אָרגאַנען (זיכער לויט די אָנווייזונגען פון די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען) זיך גאָר פאַרנומען מיט דער „יודען־פראַגע״: געזוכט עבירות אין די יידישע געשעפטן: אַרויפגעלייגט הויכע געלט־שטראָפן פאַר „נישט ריינקייט״. אַזוי אין די געשעפטן ווי אין גאַס, געלאָזט אין גאַנג די שטייערן „לאָטנע־קאָמיסיעס״ און בכלל באַמיט זיך אויסצופירן פונקטלעך די א״ג טרויעריק־באַרימטע „אָווּשעם״־לאָזונג פון פּרעמיער־מיניסטער סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, וועלכער האָט געזאָגט: „שלאָגן יידן — נישט, עקאָנאָמישער קאַמף — אדרבא״, און וועלכעס איז געוואָרן די אָפיציעלע רעגירונגס־פּאָליטיק. אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק, איז די אַנטיסעמיטישע העצע, אין כמעט דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע, געוואַלדיק געשטיגן און געוואָרן אין גאַנצן פריי־אומגעשטערט. די „פּיקעטן״ פון די ענדעקישע סטודענטן ביי די יידישע געשעפטן, וועלכע האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין פּוילישן קונה אין אַ יידיש געשעפט — ספּעציעל אינעם יריד־טאָג — איז געוואָרן אַן אָפטע און לעגאַלע דערשיינונג. די שווערע האַנט פון די, וואָס אַמאָל נייע שטייערן, האָבן געדריקט אויף די יידן. ווען צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דער שטענדיקער פחד פאַר פאַרשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „בערעזאַ־קאַרטוסקאַ״ פון „פאַרדעכטיקע פאַרשוינען״ אָן אַ משפט — קען מען זיך פאָרשטעלן די אומרויִקייט וואָס האָט געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די לופט איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער און ענגער. צווישן יידן האָט מען געזאָגט: דער אַלגעמיינער שונא שטייט שוין ממש הינטער דער טיר און די מאַכט־אָרגאַנען זענען אַזוי פאַרבלענדט, זעען נישט די גרויסע געפאַר וואָס דראָט אויך זיי, נאָר האָבן נאָך אַלץ אין זינען די יידן.

אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער „פּאָליטיק״ אַפילו אין די לעצטע וואָך, ממש צוויי טעג פאַר דער היטלעריסטישער אינוואַזיע, זענען נאָך אין שטעטל אַרומגעלאָפן, ווי פאַרסמטע מייז, די „ריינקייטס־קאָמיסיעס״ און געזוכט עבירות ביי יידן.

פונדעסטוועגן האָט די פּוילישע רעגירונג אויך אָנגעהויבן „זאָרגן״ פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג, בעיקר פאַר דער מורא פון די לופט־באָמבאַרדירונגען: מען האָט געפאָדערט צו מאַכן „שוץ־גראָבנס״ („סכראָנעס״). די אַרבעט איז אין דער ערשטער ריי אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די א. ג. „ביקאָווע אַרבעטער״ דאָס זענען געווען די יוגנטלעכע, וועלכע זענען צוליב פאַרשידענע סיבות, באַפרייט געוואָרן פון אַקטיוון מיליטער־דינסט. פאַר זיי איז געווען אַ געזעץ, אַז זיי דאַרפן אַרבעטן „פאַרן פאָטערלאַנד״ פינף טעג אין יאָר, במשך פינף יאָר. געוויינלעך האָט מען אַרויסגעזוכט פאַרשידענע עפנטלעכע אַרבעטן ווי: אויסגלייכן די שאָסייען אין שטאָט, (וועלכע זענען על־פּי־רוב געווען צעשטערט און פאַרנאַכלעסיקט), פאַרשידענע אַרבעטן אין די שולן אא״וו. די אַרבעט איז



עבודת־חובה של המשוחררים משרות צבאי פולני
(„ביקאָווע אַרבייט״ בלע״ז)

מימין: יהושע יוסט (מחזיק במושכות), שלמה בליצר, אביגדור בליצר, אברהמצ׳ה לבין


געוועלנלעך געמאַכט געוואָרן אין די זומער־חדשים: יולי—אויגוסט. ס׳רוב אַרבעטער זענען געווען יידן, אָבער אַ גרויסער פּראָצענט איז אויך געווען קריסטן. אויך איך האָב געהערט צו דער קאַטעגאָריע אַרבעטער (איך בין געווען באַפרייט פון אַקטיוון מיליטער־דינסט אַלס „בן־יחיד״).



עבודת־חובה של המשוחררים משרות צבאי פולני
(„ביקאָווע״ בלע״ז)

מימין: שלמה פרבמן, יעקב יהושע פליישר, ליפא פרייזר, חיים אברשטרק.

אין מלחמה־יאָר האָט מען אונדז מאָביליזירט צו דער אַרבעט, שוין סוף אויגוסט, ד. ה. די לעצטע וואָך פאַרן מלחמה־אויסברוך, ווען די לאַגע איז שוין געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט. די אַרבעט איז דאָס מאָל באַשטאַנען פון גראָבן „שוץ־גראָבנס״ הינטער דער שטאָט. פאַרשטייט זיך אַז אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער צייט האָט מען מער געשמועסט ווי געאַרבעט, די איינציקע טעמע איז געווען: די לאַגע און די אויסזיכטן פון דער מלחמה.



עבודת־צבא („ביקאווע״)

שני מימין: אשר שליסל (בנו של אברהם לייביש שליסל), יושב הראשון: א. שיפמן (המכונה: ז׳וכובר), יוסף שליסל, עומדים: יעקב פליישר, יוסף שטיינמיץ, X, איטשה רוזנבוים, נח גוטליב, זלמן זילבר, שלמה פרבמן, ליפא פרייזר, חיים אברשטרק.

ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט געווירקט אויף אַלעמען די ידיעה וועגן דעם טרויעריק־באַרימטן „ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך״, וועלכער האָט דעצידירט דעם גורל פון דער מלחמה. די דיסקוסיעס זענען געווען הייסער און ליידנשאַפטלעכער. רעאַליסטן האָבן געזען אין דעם אָפּמאַך, אַז די מלחמה איז שוין אומפאַרמיידלעך און די טעג — און אפילו שעה׳ן — פון מלחמה־אויסברוך זענען געציילטע. אָבער אויך דאַן, זענען נאָך געווען „חכמים״, ספּעציעל זענען דאָס געווען די, וואָס אַ יעדער רוסישע טאַט איז ביי זיי געווען הייליק, און האָבן אויך אין דעם אומגליקלעכן אָפּמאַך געזען די „שלום־פּאָליטיק״ פון סטאַלינען. „רוסלאַנד ווייסט וואָס זי טוט — האָבן זיי געטענהט — און מן הסתם וויל זי נאָר „אַריינניאַרן״ דייטשלאַנד זאָל נאָר אָנהויבן די מלחמה און דאַן — דאַן וועט שוין דער ראַטן־פאַרבאַנד באַווייזן דייטשלאַנד איר שטאַרקע האַנט״...

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ נייער וויכוח, — ביז ...ביז מיטוואָך, דעם 30־טן אויגוסט, אין מיטן דער אַרבעט און אין מיטן דעם פאַרביסענעם וויכוח, קומט עמעץ צולויפן מיט דער איבערראַשנדער ידיעה: מאָביליזאַציע! אַ שוידער האָט אַרומגענומען. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער נשמה און אינסטינקטיוו האָט מען געפילט אַז די אַרבעט איז שוין אַן איבריקע... מ׳האָט אַוועקגעוואָרפן די אַרבעטס־כלים און געלאָפן אין שטאָט אַריין לייענען די מאָביליזאַציע־מודעה, וואָס איז געווען געדרוקט מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות אויף אַ גרויסן פּאַפּיר־פאָרמאַט. דאָס בילד וואָס איך האָב געזען אין מאַרק, שטייט מיר נאָך שטענדיק פאַר די אויגן, און איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן: ווי געזאָגט, איז דאָס געווען מיטוואָך אין יריד־טאָג, ווען די פּויערים פון דער געגנט זענען געקומען מיט די צו פערד־איינגעשפּאַנטע וועגענער, פאַרקויפן זייער פּראָדוקציע און איינקויפן שפּייז־אַרטיקלען און קליידונג. אגב, איז דאָס מאָל געווען אַ גרויסער יריד, ווייל די פּויערים, הערנדיק דעם קלאַנג, אַז „ס׳וועט זיין אַ מלחמה״ האָבן אָנגעהויבן איינקויפן „זאַפּאַסן״, ד. ה. איינקויפן סחורות אויף רעזערוו, „על כל צרה שלא תבוא״. די באַוועגונג אין די געשעפטן איז געווען אַ שטאַרקע, כאָטש די סוחרים האָבן שוין נישט גערן פאַרקויפט. אויך אין דעם טאָג האָבן די ענדעקעס נישט פאַרגעסן אַוועקצושטעלן זייערע „פּיקעטן״ ביי די יידישע געשעפטן, כדי צו „דערמאָנען״, די קריסטן, נישט אַריינצוגיין אין קיין יידיש געשעפט, כאָטש דאָס מאָל האָבן די פּויערים נישט אַזוי שטאַרק זיך צו־געהערט צו די סטודענטן, וועלנדיק, ווי שוין דערמאָנט, וואָס מער איינקויפן. און נאָך זענען די „פּיקעטן״ געשטאַנען און „געהיטן״ די יידישע געשעפטן, האָבן זיך באַוויזן אין מאַרק מיליטער־פּאָליציאַנטן („זשאַנדאַרמעריע״) מיט אַנט־בלויזטע לאַנגע פּיקעס אויף די ביקסן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד, און צעטריבן דעם יריד. זיי האָבן שטרענג אויפגעפאָדערט די פּויערים זיי זאָלן אַהיים פאָרן און פאַרלאָזן דעם מאַרק. דאָס האָט נאָך מער אָנגעמאַכט אַ גרויסע פּאַניקע, אַזוי צווישן די פּויערים ווי אויך צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די פּויערים זענען זיך כאַאָטיש צעלאָפן און

די יידן האָבן אָנגעהויבן פאַרמאַכן די געשעפטן, איינפּאַקן די סחורות פון די סטראַגאַנעס.

ספּעציעל, פאַרשטייט זיך, האָבן יידן אַרויסגעוויזן אומרו־איקייט און פּחד, פילנדיק אינסטינקטיוו די אָנקומענדיקע סכנה. מ׳איז געגאַנגען הין־און־צוריק, פון איין שכן צום צווייטן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ווייבער האָבן געוויינט הויך אויפן קול און זיך געבראָכן די הענט: דער זון אָדער גאָר צוויי דאַרפן באַלד „איינריקן" אין מיליטער... די פנימער זענען געוואָרן פאַרכמורעט־ערנסט און פון יעדנס אויגן האָט אַרויסגעקוקט די פראַגע: און וואָס ווייטער?

זאַלץ־אייגנטימער האָבן געדאַרפט אַ ספּעציעלע דערלויבניש פון דער רעגירונג, אין די ערשטע יאָרן האָבן דאָס געהאַט יידן, נאָר קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דעם סקלאַד (מחסן) איבערגענומען אַ גוי — דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער אויבן דערמאָנטער „אָוושעם"־פּאָליטיק) — האָט זיך פאָרמירט אַ לאַנגער „אָגאָנעק" (תור) און ס׳האָבן זיך געהערט געשרייען און קריגערייען, ביז עס האָט געמוזט קומען פּאָליציי און האַלטן אָרדנונג. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט שוין צו די סוחרים נישט פאַרקויפט אומבאַגרענעצט, נאָר איינגעטיילט יעדערן לויט אַ נאָרמע.



בין העומדים מימין: מאיר שנל, שמשון אסיג י. אנגלברג, טוביה ברגשטיין, ×.
יושבים: האחרון משמאל: ניסן נוסבוים.

עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ בהלה׳דיק איינקויפן פון שפּייז־פּראָדוקטן, כאָטש אַ גרויסע טייל פון דער באַפעל־קערונג (ספּעציעל דער פאַרמעגלעכער טייל) האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק אָנגעהויבן איינקויפן „זאַפּאַסן" — איצט אָבער, אַז מ׳האָט שוין געזען די מלחמה ממש פאַר די אויגן, האָט דאָס איינקויפן שוין אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. די שפּייז־געשעפטן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט גערן פאַרקויפט: ווער ווייסט וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן? צו דאָס געלד וועט נאָך האָבן עפּעס אַ ווערט? איז צו וואָס דאַרף מען האָבן די זלאָטיס? (די פּוילישע מטבע) נישט בעסער צו האָבן ליגן סחורה? האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן „אויסצופעלן" פאַרשידע־נע שפּייז־פּראָדוקטן ווי: צוקער, מעל, אויך שוועבעלעך. די פּרייזן האָבן אויך אָנגעהויבן פילפאַכיק צו שטייגן, די א״ג „האָסע" וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די בהלה און די נערוון־אָנשטרענגונג. ביים זאַלץ־סקלאַד, וועלכער האָט זיך געפונען אין ר׳ אליהו רימלער׳ס הויז (זאַלץ איז אין פּוילן געווען אַ מאָנאָפּאָל־אַרטיקל ד. ה. אַ רעגירונגס־אַרטיקל און די

די אַלגעמיינע שימונג איז געווען אַ שטאַרק געדריקטע. ביי מנחה־מעריב אין בית־המדרש — דער צענטראַלער זאַמל־פּונקט פון אַלע שטעטלדיקע יידן, ספּעציעל אין אַזאַ צייט, ווער איז נישט געקומען אין בית־המדרש אַריין? — האָט זיך געקאָכט און געריועט ווי אין אַ בינען־שטאָק. איינער פון פון צווייטן האָט נאָר געוואָלט הערן „נייעס". באַזונדערס האָבן יידן געוואָלט הערן די מיינונג פון די אָרטיקע „פּאָליטי־קער" און „צייטונגס־לייענער" און נאָך מער פון די וואָס זענען געקומען פון דער „גרויסער שטאָט", ווי ר׳ שלום קאָרן, וואָס איז געקומען פון קראָקע און טיילמאָל אויך פון וואַרשע, האָט מען געוואָלט הערן וואָס שמועסט מען אין די גרויסע שטעט?...

מיטוואָך, 8.45 אין אָוונט האָט דער פּוילישער ראַדיאָ איבערגעגעבן דעם „דזיענניק" (די נייעסן), און אַזוי ווי אַ ראַדיאָ איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ גרויס לוקסוס אין אַ שטוב, און ווער האָט זיך דאָס געקענט דערלויבן? פלעג מען זיך צונויפזאַמלען ביי די צוויי יידישע ראַדיאָ־געשעפטן

אין שטאָט: ר׳ מאָטל דעמביצער (נ״י) און ר׳ קלמן פעפער (הי״ד) כדי צו הערן די נייעס. אין דער לעצטער צייט איז דער עולם יעדן אָוונט אַלץ גרעסער געוואָרן, כדאי אַליין צו הערן די נייעסן.

אין דער נאַכט פון מיטוואָך, נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם מאָביליזאַציע־רוף האָט זיך נאָך אַ לענגערער צייט פאַרן איבערגעבן די נייעס פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם ביי די געשעפטן, אַזוי, אַז די גאַסן זענען ממש געווען שוואַרץ פון מענטשן. מ׳האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן „דזיענניק": מ׳האָט אָנגעשטרענגט די שמיעה כדי חלילה נישט צו פאַרהערן קיין איין וואָרט.

בשעתן הערן די נייעס איז די שפּאַנונג נאָך מער געשטיגן פון מינוט צו מינוט, און נאָך דעם ווי דער ספּיקער האָט פאַרענדיקט ס׳לייענען — איז די בהלה געווען גרויס, הערנדיק דעם לעצטן „פאָרשלאָג" פון היטלערן צו פּוילן: „די פּוילישע רעגירונג זאָל שיקן קיין בערלין אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל באַזיצן די פולמאַכט צו חתמענען אויפן אָרט אויף יעדן „אָפּמאַך", וואָס וועט ווערן פאָרגעשלאָגן פון דער דייטשער רעגירונג, נישט דאַרפנדיק זיך באַראָטן מיט דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשע. די פאָדערונג האָט דערמאָנט היטלערס מעטאָדן אין די צייטן פון „אַנשלוס" פון עסטרייך און אויך די טרויעריק־באַרימטע „אונטערהאַנדלונגען" מיט די טשעכישע דעלעגאַציע אין בערלין, אין די צייטן פון די סודעטן־פראַגע, וועלכע האָט מיט זיך מיטגעהאַט אַזעלכע „פולמאַכטן" און איז בשעתן פירן די "אונטערהאַנדלונגען" פאַקטיש געוואָרן פאַרשפּאַרט דורך היטלערן ביזן חתמענען די קאַפּיטולאַציע. מ׳האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס איז דער לעצטער טריק פון היטלערן און אויך אפשר דער לעצטער אַקט אין דעם זייט חדשים־פירנדיקן זיך נערוון־קריג.

קורץ נאָכן דערהאַלטן היטלערס „פאָרשלאַג", האָט די פּוילישע רעגירונג געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין". מיר קענען שיקן אַ דעלעגאַציע אויף צו פירן אונטערהאַנדלונגען — האָט געזאָגט דער פּוילישער קאָמוניקאַט — אָבער אָן שום ספּעציעלע פולמאַכטן, און דאָס אויך, נישט קיין בערלין, נאָר אויף אַ נייטראַלן אָרט, ד. ה. פירן אונטערהאַנדלונגען ווי גלייכע מיט גלייכע, נישט אונטער דראָאונגען אָדער אגרעסיע. נאָכן פּוילישן ענטפער איז געווען קלאָר, אַז עס האַלט פאַר אַ גורלדיקער דעציזיע: „אָדער — אָדער". מיט די געדאַנקען איז מען געגאַנגען שלאָפן מיטוואָך ביי נאַכט, דעם 30־טן אויפן 31־טן אויגוסט.

דאָנערשטיק,, דער 31־טער אויגוסט איז געווען אַן עכטער ערב־מלחמה טאָג: די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער און די פּנימער פון די מענטשן האָבן אויסגעדריקט פּחד און פאַרצווייפלונג פאַר דעם שרעקלעכן אומבאַוווּסטן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט. דערצו האָבן אויך מיטגעווירקט די אויסנאַם־געזעצן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דערשיינען: פאַרשטעלן דאָס ליכט ביינאַכט אין די פענצטער, אויטאָס זאָלן פאָרן אין די אָוונטן מיט פאַרטונקלט ליכט, נישט זאַמלען זיך אין די גאַסן, האַלטן אַן אויפמערקזאַם אויג אויף דיוורסאַנטן און שפּיאָנען. די גאַסן זענען שנעל געוואָרן ליידיק פון מענטשן, יקותיאל קעסטנבוימ׳ס אויטאָבוס, וואָס איז געקומען פון טאַרנווו, פלעג אַריינקומענדיק אין מאַרק מיט רעש און פיל מענטשן האָבן שוין אָפּגעוואַרט די אָנקומענדיקע, באַזונדערס פלעגן די קינדער „אויפנעמען" דעם אויטאָ מיט געפילדער און גערידער — איז דאָס מאָל, ד. ה. דעם דאָזיק, דאָנערשטיק, זיך ווי אַריינגעשלייכט אין שטאָט אַריין שטיל, מיט טונקעלע ליכט, קיינער האָט נישט אָפּגעוואַרט די אָנקומענדיקע; יעדער איז געזעסן אין שטוב אָדער פאַרזאַמלט זיך אין אַ שטוב ווו ס׳איז געווען אַ ראַדיאָ כדי צו הערן דעם „דזיענניק".

עלף אַ זייגער ביי נאַכט. מיר זיצן ביים ראַדיאָ און הערן אָנגעשטרענגטע די לעצטע נייעס. ווידער גיט דער פּוילישער ראַדיאָ איבער היטלערס פאָדערונג וועגן שיקן אַ באַפולמעכטיקטע דעלעגאַציע קיין בערלין און די לעצטע ווערטער פון ספּיקער (וועלכע איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן) זענען געווען: „זאָל די דייטשע רעגירונג דאָרט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז אונדזערס אַ דעלעגאַציע וועט צו זיי קומען קיין בערלין"...

מיר האָבן אויך אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף בערלין. עס האָט זיך געהערט דער גוט באַקאַנטער פּזמון וועגן די פּוילישע באַנדיטן און מלחמה־העצער, וועלכע מאָרדן אומשולדיקע דייטשן אין דאַנציג און אין אויבערשלעזיען. און נאָך דעם זענען געקומען דראָאונגען, אויב פּוילן וועט נישט שיקן „נאָך היינט ביינאַכט" די דערמאָנטע דעלעגאַציע.

וואָס דאָס האָט באַדייט, האָט יעדער גוט פאַרשטאַנען. די לאַגע איז געווען קלאָר, עס האָט זיך שוין נישט געזען, בדרך הטבע, קיין שום אויסזיכט אויף צו פאַרמיידן די מלחמה, כאָטש דאָ און דאָרט האָט נאָך עפּעס אַן אייראָפּעישער דיפּלאָמאַט געפּרווּט פאַרמיטלען, נאָר קיין סך האָפענונג האָט מען שוין נישט געלייגט. מיט דער פראַגע: וואָס וועט זיין מאָרגן, זענען מיר אַהיים געגאַנגען שלאָפן די לעצטע נאַכט פון שלום, אָדער בעסער געזאָגט: פון דעם „נערוון־קריג", פאַרן אָנהייב פון דעם וועלט־חורבן.

***

פרייטיק פאַרטאָג, ווען מ׳איז אַרויס אין גאַס, מיט דער מחשבה, ווידער גיין הערן נייעס פון ראַדיאָ, אָנקוקנדיק דאָס ערשטע באַגעגנטע פּנים, האָט מען שוין גאָר נישט געדאַרפט פרעגן און אויך מער נישט גיין הערן דעם ראַדיאָ: האָסט באַלד אַראָפּגעלייענט פון יעדנס פּנים דאָס שוידערלעכע וואָרט, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און אויפגעציטערט די גאַנצע וועלט: מ־ל־ח־מ־ה!

„גם בני אדם גם בני איש, יחד עשיר ואביון״

(תהלים מ״ט)

פרק ו׳

א י ש י ם   ו ד מ ו י ו ת

פערזענלעכקייטן און געשטאלטן

יעקב פליישר

אמידי וחשובי העיר

פעם — או ליתר דיוק: לפני מלחמת העולם הראשונה — היו בטרנובז'ג עשירים גדולים עשירים של ממש: בעלי אחוזות, חוות וארמונות בעלי משרפות של יין שרף, בעלי קרקעות ויערות. היו גם סוחרים גדולים. עשירי דזיקוב היו מפורסמים בגליציה, כי הם היו גם חסידים ואנשי שם, כמו: ר' שלמה'לה לם, ר' משה הויזר ועוד.

בשנים האחרונות, ז.א. אחרי מלחמת העולם הראשונה, לא היו יותר בטרנובז'ג עשירים מפורסמים. אולם כמו בכל הערים והעיירות, היו גם אצלנו יהודים עשירים באופן יחסי, כלומר: בהשוואה לרוב יהודי העיירה, נחשבו כעשירים.

ברם, שנים מה„עשירים האמיתיים" עוד הספקנו „לתפוס" ולהכיר בזמננו, כלומר: בתקופה שבין מלחמת העולם הראשונה לשניה. היו אלה: ר' שלמה דוד קורן ז"ל ור' קופל ביגלאיזן ז"ל.

ר' שלמה דוד קורן

הכרנו אותו כשהיה כבר בגיל השיבה, כשזקנו הלבן והמ־טופח ירד לו על מדותיו. היה זה אחרי שכבר חילק את נכסיו לבניו, התיישב ישיבת קבע בדזיקוב, וחי חיי שקט וצנע. ראינו אותו יום יום, כשהוא בא פעמיים ביום, בבוקר ובערב, לבית המדרש, להתפלל במנין. בבית המדרש לא דיבר עם אף אחד, לא התערב בענייני העיר. בא, התפלל וחזר הביתה.

ר' שלמה דוד קורן נחשב בין העשירים הגדולים „בעבר", בזמן שהיו עוד עשירים בדזיקוב. היתה לו אחוזה בכפר היידי־קובקה ומוטיצה, שכללו אלפי דונמים שדות, ורכוש רב, והיה נקרא „גוטבאזיציר", (בעל אחוזה).

היה יהודי חרד ואת בניו חינך בדרך התורה. ואמנם בניו ובנותיו התנהגו בדרכי האבות, וחיו חיים דתיים מלאים.

ר' שלמה דוד קורן נפטר בשיבה טובה, מספר שנים לפני פרוץ מלחמת העולם השני.

בטרנובז'ג גר בנו ר' נפתלי קורן ז"ל, וחתנו ר' אהרן גטר הי"ד, עם משפחותיהם, שהיו נחשבות בין בעלי הבתים החשו־בים בעיר.

ר' קופל ביגלאייזן

גם הוא היה גביר (עשיר) מהטיפוס הישן: בעל אחוזה גדולה בכפר נגניוב, בה נמצאו שדות, רפתות, אורוות ובית חרושת ללבנים. היה יהודי חרד, ומחסידי דזיקוב הנאמנים והמקורבים. (ראה עליו עוד בפרק: „צעירי אגודת ישראל"). הוא ניהל את אחוזתו גם כשהגיע לזיקנה ושיבה, כמעט עד יום מותו. נפטר לפני השואה.

האחים: ר' חיים ור' אלימלך ספיר

שניהם היו עשירים, אך לא כראשונים, כי לא היו בעלי חוות ו„חצרות". בכל זאת נחשב ר' חיים לעשיר גדול ומבוסס, יותר מר' מלך (כך היו קוראים לו). הוא היה סוחר יערות בקנה מידה גדול, והיו לו גם יערות משלו. את העסקים שלו ניהל עם האצילים וה„גראפים" מהסביבה וגם מרחוק. הם כיבדוהו והעריצוהו מאד, מחמת יושרו ועדינותו, כי על דיבורו אפשר היה לסמוך.

את ר' חיים ז"ל הכרתי באופן אישי מקרוב, כי מספר שנים הייתי מבאי ביתו (נותן שעורים פרטיים לבנו). בתחילה עוד ניהל עסקים, וכמעט יום יום נסע ליער, או לאיזה „פריץ", וחזר בערב. על פי רוב באה כרכרה יפה, נהוגה ע"י שני סוסים אבירים של הגראף או „פריץ" אחר, לקחתו. בחורף היה יוצא מכורבל „בטולופ" (פרווה) ארוך, שכיסה את כל גופו מהראש ועד לרגליים, והיה נראה בעצמו כאציל.

מספר שנים לפני מותו, כשהרגיש שהולך ונחלש, נטש את העסקים וחי מהחסכונות הגדולים והרכוש שרכש במשך שנים.

ר' חיים גר בבית יפה, אמנם במבנה עץ, אבל בנוי כווילה (כרוב הווילות בעיר, שהיו מעץ), מוקפת גינה מטופחת. את ביתו ניהל בצנע, כבעל בית ממוצע, בלי בזבוז וללא מותרות. הריהוט, בחדרים הגדולים והמרווחים, היה פשוט ומיושן.

היה בעל צדקה, ובמיוחד ידוע היה כבעל גמילות חסדים. וכסף רב הילווה לבעלי בתים מכובדים, שחשבום לגבירים. היה מיודד מאד עם הרב הצעיר, שהתרימו הרבה לצדקה.

ר' חיים היה איש מתון ושקט ונעים הליכות. זקנו הקצר היה מטופח, והקפיד על לבושו המסורתי הנאה והנקי. נעליו היו תמיד מצוחצחות, מבריקות.

ר' חיים היה בר־אוריין, והלימוד האהוב עליו במיוחד היה ה„זוהר". אהב לצטט מאמרי הזוהר. ובספרי הזוהר שלמד, שירטט בהרבה דפים קו בעיפרון אדום, תחת השורות והמאמ־רים שרצה לזכרם או להראותם לבאי ביתו. את פרשת השבוע למד עם מפרשי התורה הקלאסיים: הרמב"ן, האבן־עזרא ואחרים. בשעות הפנאי היה יושב בכורסתו המתנדנדת, תמיד עם ספר ביד. (עפ"י רוב: הזהר).

בענייני העיר לא התערב באופן פעיל. אף שאהב למתוח ביקורת, או להצביע על שגיאה של עסקן זה או אחר בניהול ענייני הקהילה, אמר את דבריו רק לאלה מבאי ביתו, שלהם רכש אימון. אך בפומבי לא השמיע קולו אף פעם. לוועד הקהילה לא רצה להתמנות, אף שהפצירו בו להיות מועמד. וכשהשלטונות מינו פעם ועד קהילה וכללו גם אותו — סירב לקבל את המינוי. היה מכובד גם על אנשי הרשות, כי היה בקי גם בהוויות העולם.

בבואו לבית המדרש, לא שוחח עם אף אחד. ישב במקומו הקבוע („שטאט" בלע"ז) בספסל המזרח, בפינה דרומית, התפלל במתינות — וחזר לאט, ובצעדים מדודים, הביתה. בשעת ההפסקה היה מטייל ברחבת בית המדרש, שקוע במחשבות, לבדו, או עם אחד מבחורי בית המדרש.

ר' חיים היה מכובד ונערץ בעיר. נפטר כשנה לפני פרוץ

המלחמה. חלק ממשפחתו נספתה ע״י הנאצים, חלק נשאר בחיים, ונמצא בארץ וגם בחו״ל.

ר׳ אלימלך (מלך) ספיר

הוא היה טיפוס שונה והפוך מזה של אחיו: היה בעל מזג סוער ודינמי. מעורב יותר בין הבריות, ולקח חלק פעיל בחיים היהודיים והקהילתיים בעיר. גם היה חסיד „מושבע" של האדמו״ר ר׳ אלטר הי״ד, ומקורב מאד לרב הצעיר ר׳ מנדלה הי״ד, שהיה מבאי ביתו הקבועים, וזאת על אף שבלבושו ובהתנהגותו היה יותר מודרני מאחיו ר׳ חיים, קיצץ בזקנו ולבש לבוש קצר.

גם ר׳ מלך היה איש אמיד, ניהל עסקים גדולים. היו לו מחסנים של עץ ונסרים, וגם בתים, אבל לא הגיע לעושרו של ר׳ חיים.

בן אחד — אייזיק — למד לימודי יהדות וגם באוניבר־סיטה, ושאף להיות רב־ד״ר (דאָקטאָר ראבינער״).

ר׳ מלך היה בדזיקוב אחרי הגירוש, ופעל לטובת היהודים החוזרים, עד לחיסולם הסופי בשנת תש״ב, שגם הוא היה ביניהם. השם ינקום דמו.

ר׳ שלום ברגשטיין

עליו אפשר להמליץ: „תורה וגדולה התאחדו על שלחנו״. היה עשיר גדול, וגם תלמיד חכם גדול. וזה ניכר היה בפניו, כמאמר חז״ל: „הכרת פניו ענתה בו״. חזותו החיצונית העידה עליו ועל אישיותו. בעל הדרת פנים נפלאה. במבט ראשון, אפשר היה לחשוב, שהוא אדמו״ר או רב גדול. זקנו לבן, יפה ומטופח. לבושו נקי, כתלמיד חחכם אמיתי: בלי שום רבב. בדיבורו, וגם ידיו רעדו קצת). כל זה הישווה לו מעמד של גביר מהטיפוס הישן.

„בשבתות והחשובות״, כגון: בשבת חנוכה, או בשבת ראש חדש, וכדומה, וכן בחגים, היה בא ל„שולחן״ של הרב הצעיר, נשאר עד גמר עריכת השולחן, והתחיל לשוחח עם הרב בדברי תורה. התווכח והתפלפל עם הרב כשעה ארוכה, ויצא מרוצה, שיכול היה להשמיע את חידושיו. ר׳ שלום נמנה גם על חסידי הרבי ר׳ אלטר, אלא שהיה „חסיד סטטי״, כלומר: לא היה נוסע אף פעם אל הרבי, לטארנא, אלא כשהאדמו״ר בא לדזיקוב, לשבת ה„יאָרצייט״ של ה„עטרת ישועה״, היה ר׳ שלום בא אליו ל„שולחנות״.

עושרו של ר׳ שלום בא לו ממסחרו במכונות חקלאיות. חנותו היתה היחידה בעיר מסוג זה, וכמעט שלא היו לו מתחרים. היו לו סוכנויות של הפירמות ובתי החרושת הגדולים. והוא הצליח מאד.

בעניני העיר ובפוליטיקה לא התערב, ולא הירבה לשוחח עם אנשים, שני דברים מילאו את תוכן חייו: המסחר, ולהבדיל — הספרים.

לא ידוע לנו על גורלו, אם הוא נפטר, או נספה.

ר׳ וולף פרייביליג

כשכותבים על ר׳ שלום ברגשטיין, אי אפשר לפסוח על גיסו הלא הוא: ר׳ וולף פרייביליג הי״ד. וזאת לא בגלל העשירות שלו, כי לא נמנה על עשירי העיר. אמנם ניהל חנות יפה של כובעים, אבל עשיר לא היה. חייבים להעלות את זכרו, בגלל אישיותו הדגולה, התנהגותו המופתית ומעלותיו התרומיות, שבגללן היה אהוד ואהוב, נערץ ומכובד על כל בני העיר.

חזותו ומראהו העידו על דמותו העדינה והנעימה. פניו האצילות והיפות, זקנו המטופח, חיוכו המלבב, וכן לבושו הנקי — כל אלה תאמו מאד את פנימיותו ואופיו: טוב לבו, נעימות הליכותיו, עדינותו ויחסו הטוב לבני אדם. כולו אומר כבוד!

ביתו היה פתוח לרווחה וחילק צדקה ביד רחבה. הלך גם אל הרב ל„שולחנות״.

ר׳ וולף נתנסה בחייו במאורע טרגי ומזעזע שעירער את חייו השקטים והיפים: בנו יחידו, בהלכו לרחוץ בנהר ויסלה — טבע. היתה זו מהלומה קשה למשפחה שהתאבלה מרה על מות בנם, בחור צעיר ומוכשר.


אך למרות היותו שבור מבחינה נפשית וגופנית, ולא שכח את אבלו, התחזק והתגבר על העצב והיגון, לא נפל ברוחו, והתנהגותו לא השתנתה. המשיך לנהל את דרך חייו כמקודם. ביתו היה, ונשאר, מהטובים והיפים בעיר.

אכן היה ר׳ וולף פרייביליג דמות אצילית ומלבבת, שמע־טים היה כמוהו.

אחד מחתניו היה יחיאל בורשטן הי״ד, בנו של ר׳ שמחה בורשטין ז״ל, שהיה מבחורי ולומדי בית המדרש, וגם צייר־אמן ברוך־כשרון.

מכל המשפחה החשובה והנהדרת הזאת, לא נשאר שום זכר. יהי זכרם ברוך.

ר׳ לייביש יוסט



כשמזכירים בעלי בתים מכובדים „לא עשירים״, מחובתי להזכיר את אחד מבעלי הבתים החשובים והמכובדים בעיר: ר׳ לייביש יוסט ז״ל.

היה בנו של ר׳ שמואל שו״ב ז״ל, שהיה שוחט ומוהל

בערך כארבעים שנה בטרנובז׳ג ונפטר בשיבה טובה בגיל למעלה משמונים (עליו ראה מאמרו של ר׳ דוד יוסט).

ר׳ לייביש, שהיה בר־אורין, ירש מאביו את ה„מקצוע" השני: המוהלות. היה מוהל בחסד עליון, **זריז ומומחה גדול ב„מקצועו"** ועסק בו לשם שמים. את השחיטות ירש — אחרי פטירת ר׳ שמואל שו״ב — חתנו של ר׳ לייביש: ר׳ משה׳לע לבין ז״ל, שהיה תלמיד חכם, מוסמך להוראה ומגזע היחס: משושלתא של ר׳ אלימלך מליז׳נסק זצ״ל. הוא היה שוחט בדזיקוב וקורא בתורה בבית המדרש, עד לשואה. ר׳ משה׳לע נפטר באופן פתאומי בגלות רוסיה.



ר׳ משה׳לע שוחט ז״ל.

ר׳ לייביש היה סוחר בנפט. היתה לו סוכנות של נפט וגם תחנת בנזין בשוק. (כמובן במתכונת הישנה של אז). חנות מיוחדת למכירת הנפט לא היתה לו, והמכירה התקיימה בביתו, בחדר הכניסה, בחזית. עשיר לא היה, אך ניהל בית יפה, מתאים למעמדו.

ר׳ לייביש היה חובב ציון גדול, (גם את זה ירש מאביו ז״ל). חלק מבניו עלה ארצה מספר שנים לפני המלחמה. (אחד מהם, ר׳ דוד, שעלה ארצה בשנת תרצ״ג, משמש כעת יושב ראש ארגון יוצאי טרנובז׳ג, פועל הרבה לטובת אנשי עירנו. הוא גם חבר במועצה הדתית בתל־אביב.) בשל מעלותיו ומידותיו, היה ר׳ לייביש מכובד ונערך מאד בעיר.

ר׳ לייביש יוסט נפטר בעיר מרפא שצ׳בניץ, והובא לקבורה בדזיקוב ע״י קבר אביו. הבאת גופתו לטרנובז׳ג, היה מבצע נועז שבוצע ע״י חתנו ר׳ אהרן אלעזר טננבוים הי״ד.

בזמנו שמעתי מפיו של ר׳ אהרן את הסיפור:

ר׳ אהרן אלעזר נסע עם חותנו ר׳ לייביש לעיר המרפא הנ״ל. ר׳ לייביש כבר היה חולה אנוש בנסעו לשם, אבל לא עלה על דעת בני המשפחה, כי אכן אלה הם כבר ימיו האח־רונים. בבואם לשצ׳בניץ, הלך ורע המצב מיום ליום. ר׳ אהרן אלעזר, שהיה איש פיקח ובעל תושיה, ראה את הסכנה הקרובה, והחליט לחזור עם החולה הביתה. והנה ממש באותו יום שהיה מוכן כבר לנסוע, נפטר ר׳ לייביש.

העברת גופת המת בפולין, ממקום למקום, היתה מאד קשה ומסובכת, כי לפי החוק היה צורך בסידורים מיוחדים, שארכו כמה ימים, והיתה קשורה גם בהוצאות מרובות.

ר׳ אהרן אלעזר לא איבד את עשתונותיו. בעזרת ידידים הכניס את הנפטר למונית, ו„הושיב" אותו בה, וכך הגיע הביתה.

זה היה כמובן צעד נועז ומסוכן, וצריך היה מידה מרובה של אומץ, מרץ ועוז רוח לבצע דבר כזה. ר׳ אהרן אלעזר בידעו זאת, החליט להסתכן — והצליח. הכל שבחוהו על תושייתו ועוז רוחו.

ר׳ לייביש לא הגיע לגיל אביו, הוא נפטר בגיל ששים ושש. ת.נ.צ.ב.ה.

ר׳ לייביש מנדל לויטמן

את הרשימה הזאת אני מסיים בהעלאת זכרו של אישיות מוכרת בעיר: ר׳ לייביש מנדל לויטמן ז״ל, או כפי שהיו קוראים לו סתם: לייביש מנדל, או: „דער הויכער לייביש מנדל". אותו לא היו צריכים לקרוא בשם המשפחה, די היה אם אמרו „לייביש מנדל" סתם, כבר ידעו במי מדובר. (רק מעטים ידעו את שם משפחתו).

היה איש אמיד, ניהל חנות גדולה של בגדים ובדים, אך בין העשירים הגדולים לא נמנה. ואכן פירסומו לא בא לו מהעשירות, הוא התפרסם בעיקר בהיותו ראש „חברת קדישא" שנים רבות, וניהל את העניינים ביד רמה.

ר׳ לייביש מנדל היה איש גבוה, ממש „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", ואיש בריא וחסון — עד גיל השיבה, ואולי הגבורות. היה תקיף ובעל רצון חזק. יכול היה לנזוף בקול, למי שלא הסכים לדעתו, וכל שכן למי שהתנגד לו. כאשר קבע מחיר בעד „קרקע" לנפטר, אי אפשר היה להניאו לשנות את דעתו.

שנים רבות היה ר׳ לייביש מנדל חבר בועד הקהילה, כמובן מרשימת החרדים, מהקובעים בקהילה ומ„עושי הפולי־טיקה" של רשימתו. היה חסיד נלהב ומסור לאדמו״רי דזיקוב, החל אצל ה„אמרי נועם" ור׳ יהושע׳לע זצ״ל, ואח״כ אצל ר׳ אלטר הי״ד, וגם אצל „הרב הצעיר" ר׳ מנדלה הי״ד. רק בפניהם היה נכנע ומתבטל.

ר׳ לייביש מנדל היה ההתגלמות של אותו טיפוס הידוע בשם: „אַ קליינשטעטלדיקער תקיף" (תקיף העיירה הקטנה). הוא נפטר מספר שנים לפני פרוץ המלחמה, בעברו את גיל הגבורות. (עוד על חשובי העיר, ראה במאמרו של דוד ויסלר ביידיש).

בעלי מלאכה בעיר

בטרנובז׳ג היו, באופן יחסי, הרבה בעלי מלאכה ואומנויות שונים, כגון: אופים, חייטים, סנדלרים, קצבים, נגרים, פחחים, צבעים ועוד. מובן מאליו, שרובם השתייכו עוד ל„דור הישן", והיו יהודים שומרי מצוות, יראי שמים, ביניהם אפילו בקי־אים„ באותיות הקטנות".

אפשר היה לחלק אותם לשלוש קטגוריות: מהם שהרוויחו יפה, חיו חיים „בעלי־בתיים", גרו בבתים משלהם, חילקו צדקה והתערבו אפילו בפוליטיקה של הקהילה. אנשי החלק האחר, אמנם עמלו קשה, אך בכל זאת הוציאו את פרנסתם ממלאכתם. ואילו אנשי החלק השלישי — והם היו, כנראה, רוב בעלי המלאכה — חיו חיי עוני ודוחק, ואף פעם לא הרוויחו כדי מחייתם בריווח.

כמובן שזה היה תלוי — נוסף למזל — גם בסוג המקצוע וטיבו של בעל המלאכה. היו מקצועות טובים, שהעוסקים בהם כמעט כולם היו בעלי פרנסה טובה. והיו מקצועות שלא רק שהתקיים בהם מאמר הגמרא: „שלא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות", אלא שלא יכלו לפרנס את בעליהם, והעוסקים בהם היו עניים מרודים כל ימיהם.

אופים

לסוג הראשון השתייכו בעלי המקצוע שהפיקו תוצרת ממלאכתם, ובראש וראשונה האופים. בשל כך ראו עצמם האופים „מיוחסים" יותר, ולא סתם בעלי מלאכה. ואכן, הם גם נחשבו בעיר כבעלי בתים מהמעמד הבינוני.

אזכיר כמה מהם לדוגמא:

ר׳ בערל אשער

כשהלכת מבית הכנסת לרחוב מוקז׳שובי, ישר דרך הרחוב הקטן והצר, שהיה נקרא ע״ש הגיבור היהודי: „ברק יוסלביץ'", והגעת עד לבית האחרון מצד ימין, שהיה מבנה עץ לא גדול — וחזיתו פנתה לרחוב המוקז׳שובי, הרגשת חמימות נעימה שבקעה מהפתח שתמיד היה פתוח, מלווה בריח מגרה של לחם, חלות ובצק טרי. תמיד נשמעה גם שירת הפועלים. היתה זו מאפייתו של ר׳ בערל אשער ז״ל.

ר׳ בערל היה יהודי חרד, מדקדק במצוות קלות כבחמורות. הוא לא חיסר אף פעם תפלה בצבור, בבוקר ובערב. הוא לא היה עשיר, אבל את ביתו ניהל כאחד בעלי הבתים החשובים בעיר. ביתו היה תמיד פתוח לרווחה לנזקקים ולעניים, שקבלו שם אוכל ונדבה הגונה. לזה דאגה כבר בעלת הבית גולדה „די בעקערין", או כפי שהיו קוראים לה בעיר: „גולדה שלמה דייטש׳ס".

ר׳ בערל התפרנס כאמור בכבוד, אך כל משפחתו הגדולה — בנים ובנות, לרבות אשתו, ה„אשת חיל" — עבדו קשה במאפיה. הוא השיא את הבנים והבנות, ונתן לבנות „נדוניא", כפי שהיה נהוג.

בעניני העיר לא התערב, רק עסק בשני דברים: בעבודה במאפיה, ובעבודת השם.

ר׳ בערל ואשתו נפטרו בגלות רוסיה.

ר׳ לייבטשה קורנבלוט

באותו הרחוב, ממול, במרחק שנים שלושה בתים, היתה המאפיה הגדולה של ר׳ לייבטשה קורנבלוט.

ר׳ לייבטשה ניהל מאפיה גדולה, ונוסף לבני משפחתו עבדו אצלו מספר פועלים. גם את ביתו ניהל בהרחבה, בזה עזרה לו הרבה אשתו רבת־המעש. חילק צדקה ביד רחבה. מהראשונים לכל דבר טוב. איש ער ודינמי, ואהב „לרעוש" קצת. מחשובי בעלי הבתים של בית הכנסת, וגבאי במשך שנים רבות. הלך ל„שולחנות" של הרב הצעיר, ובעת בחירות היה פעיל מאד. אפילו הופיע כמועמד ברשימת הרב לקהילה או למועצת העיריה (כמובן בין האחרונים...)

מראהו היה כעשיר ומכובד: זקן מטופח יפה, פניו הביעו שביעות רצון, ונראה תמיד בפנים שוחקות.

בשנים האחרונות, שיחק „ברוגז" עם בית הכנסת, ועבר להתפלל לבית המדרש, עם בעלי הבתים ממעמד יותר מכובד...

בשבת אחרי שינת הצהרים, לפני תפילת מנחה, ישב ב„בית המרזח של שבת" (די שבת־שענק) אצל ר׳ ירוחם נוסבוים ז״ל, יחד עם החסידים יודעי נגן: ר׳ שלום קורן, ר׳ שמחה גרינפלד, ר׳ אברהמצ׳ה שליסל ועוד. לגם כוס בירה שחורה, „פורטר", והחרה־החזיק אחרי המנגנים ניגוני „מארשים", כשפניו קורנות וצוהלות.

הודות למצבו הכלכלי הטוב ולמעמדו בחברה, ואופן ניהולו את הבית, נחשב היה ר׳ לייבטשה בין בעלי הבתים החשובים בעיר. אך גם הוא עשיר לא היה. היו אפילו זמנים שהתחבט קשה, אך לא היה ניכר עליו, כי המשיך לנהל את ביתו בהרחבה.

מכל המשפחה היפה הזאת, מרובת־הילדים, לא נשאר אף אחד בחיים. יש שמועה, שהבן הבכור הרשל, נרצח אחרי השח־רור על ידי רוצח פולני.

השם ינקום דמם!

ר׳ אברהמ׳טשע נייזען (חיה איידל׳ס)

בקצה השני של העיר, בסמטה צרה בשוק, שהובילה מביתו של ר׳ פיניה קירשנבוים עד לביתו של ר׳ ירמיה האר — בסמטה זו נמצאה המאפיה של ר׳ אברהמ׳טשע שהיתה נקראת על שם אשתו „חיה איידל", כי בעצם, היתה היא בעלת המאפיה. ר׳ אברהמ׳טשע היה אברך חסידי מובהק, ולא היה אופה במקצועו. אך בהיותו חתנו של ר׳ שמחה גרפונקיל האופה, שם עבדה אשתו בהיותה עוד בחורה, ירשו את המאפיה. ר׳ אברהמ׳טשע למד את המקצוע וניהל יחד עם אשתו, מאפיה מבוססת. הם החזיקו גם פועלים, כך שהמאפיה פירנסה כמה משפחות.

כאמור, היה ר׳ אברהמ׳טשע אברך חסידי, בר אוריין,

מעסקני התלמוד תורה. („אַ תלמוד תורה יונגערמאַן", מושג שהיה מקובל בימים ההם). היה איש חולני, והעול של ניהול המאפיה רבץ יותר על אשתו. משגדל בנם, שמחה, עבד גם הוא במאפיה.

ר' אברהמ'טשע ואשתו ידועים היו בעיר במעשיהם הטו־בים לצדקה וחסד, והיו נמנים בין חשובי עירנו.

גם ממשפחה זו לא נשאר שום זכר.

היו עוד כמה אופים בעיר: ר' חיים הוניג, ר' אריש קנובלר, „סימה די בעקערין" ועוד. אפשר לקבוע שכולם התפרנסו בכבוד, ניהלו בתים יפים והיו מקובלים כבעלי בתים חשובים בעיר.

קצבים

אף שמבחינה חברתית עמדו הקצבים בדרגה נמוכה מהאופים, אך מבחינה מעמדית־כלכלית, היו זמנים, שהקצבים יכלו להשתוות אל האופים. הם היו בעלי פרנסה טובים ומבוססים, ניהלו בתים יפים, וחיו חיים „בעלי בתיים" מכוב־דים. חלקם גם רכשו להם כבוד בהתנהגותם ובמעשיהם הטובים. די להזכיר את שני בני הדודים:

ר' ישראל ור' נח פליישר

הם היו מה„דור הקודם", יהודים חרדים, יראי השם ומדק־דקים במצוות. הכרת פניהם ענתה בהם שהם יהודים מכובדים, ובשום אופן אי אפשר היה לנחש שהם קצבים. מראה פניהם העדין, העטורים זקן שיבה ארוך, וגם לבושם החסידי (בשבת שטריימל וקאפוטה), ובמיוחד צניעותם, התנהגותם ויחסם הטוב אל האנשים, הקנה להם כבוד והערכה.

אליהם לא היה צריך לבוא משגיח על הכשרות, הם היו נאמנים בעצמם. עליהם יכלו להעיד השוחטים שאכן אפשר לסמוך עליהם בעניני כשרות.

הם היו ממתפללי בית הכנסת החשובים והעיקריים. הו־ציאו הרבה כסף על שיפורים בבית הכנסת, והיו גם, בתקופות שונות, גבאי בית הכנסת. שניהם היו יודעי ספר.

ר' ישראל היה בעל תפילה ובעל קורא. אפשר היה לראותו יושב באטליזו ומעיין בחומש בפרשת השבוע, או באיזה ספר, כגון: ספר מוסר, סיפורי חסידים וסיפורים על גדולי ישראל. וגם בישבו בבית, אמר תהלים, או עיין בחומש. היה לו בית יפה ומסודר, ונהג כאחד בעלי הבתים החשובים.

ר' ישראל ואשתו, עם רוב משפחתו, ניספו בשואה.

על ר' נח כתבתי במאמרי ה„רולקיס".

מבין הקצבים הצעירים יותר, יש להזכיר את ר' הרשל פרידמן ז"ל (אחיו הצעיר של ר' נח פליישר). גם הוא היה עטור זקנקן, מדקדק במצוות ויודע ספר. גם הוא היה ממתפללי בית הכנסת ומבעלי התפלה שבו.

ברם ההצלחה לא האירה לו פנים וכל ימיו התפרנס בקושי. הוא ואשתו נפטרו ברוסיה מרעב ומקור.

ר' משה חיים פליישר

הוא הצליח ומצבו היה יותר טוב מכל הקצבים. קנה בית נהדר, וניהל את ביתו ברמה גבוהה כאחד העשירים. היה כבר יותר „מודרני", וילדיו למדו בגימנסיה. אך הבית התנהל על טהרת המסורת, כי היה יהודי שומר מצוות.

משה חיים היה ראש המדברים, והחשוב ביותר, בין הקצבים בשנים האחרונות. גם הוא היה ממתפללי בית הכנסת, והיה מתחרה רציני של ר' לייבטשה קורנבלוט על הגבאות. משעזב ר' לייבטשה את בית הכנסת, ועבר להתפלל לבית המדרש, נשאר ר' משה חיים הגבאי של בית הכנסת. ממש־פחתו של ר' חיים משה לא נשאר אף אחד בחיים.

מהקצבים של „הדור הצעיר" היו גם בניו של ר' נתן טופר ז"ל. הוא, ר' נתן, היה קצב טיפוסי מ„דור הקודם", ובניו השקטים והחסונים התפרנסו בכבוד וניהלו חיים מכובדים.

אמרתי בתחילת מאמרי, ש„היו זמנים" שמצבם של הקצבים היה טוב — ואמנם היה זה בשנים הראשונות של פולין העצמאית, שהמשטר היה נחשב עוד לליברלי, והשל־טונות טרם התעסקו ב„בעיה היהודית". אולם משפשה הנגע האנטישמי והמשטר „גילה" את ה„בעיה היהודית הכאו־בה", וכתוצאה מכך התחילו בגישות השלטונות נגד היהודים, ה„מלחמה האקונומית" שהתבטאה בהצרת צעדיהם והתנכלות בפרנסותיהם של היהודים — היה ענף הקצבות הראשון שנפגע קשה. הקצבים הזקנים לא יכלו להתמודד נגד כל מיני התביעות והדרישות המופרזות של השלטונות, והתרוששו מהר, מצבם הלך ורע מיום ליום.

אך המשבר הסופי והמוחלט, שמוטט את כל הענף הזה, בא עם ביצוע „גזירת השחיטה". כלומר: עם קבלת החוק של הגב' פריסטור, הנודעת לשמצה, על איסור השחיטה היהודית בפולין, בשנת 1935, או 1936. רוב קצבי העיר איבדו לחלוטין את פרנסתם ומצבם היה חמור ביותר. נשארו רק בודדים מהצעירים שהמשיכו במקצועם, אך גם מצבם לא היה מזהיר ביותר.

כך נגדע ונהרס ענף חשוב בכלכלת יהודי פולין, שממנו התפרנסו אלפי משפחות יהודיות במשך מאות בשנים, ושהיה נחשב לענף יהודי בלעדי.

חייטים, סנדלרים

אני מניח, כי כמו בעירנו טרנובז'ג, היוו החייטים — ובמדה פחותה — הסנדלרים — את הרוב בין כל בעלי המלאכה היהודים, כך היה גם בערים ובעיירות אחרות בפולין. זאת למרות, שאלה לא היו מהמקצועות הטובים והמכניסים מבחינה חומרית, ומעמדם לא היה רם מבחינה חברתית. אבל כזאת היתה המציאות, ואינני בא לחקור את הסיבה לתופעה זו; אני רק קובע עובדה.

אתעכב על החייטות, כי זה היה המקצוע הנפוץ ביותר בין יהודי פולין.

את המקצוע הזה יש גם לחלק לכמה סוגים. הראשונים במעלה מבחינת ההכנסה והרווחיות, היו החייטים ה„מיוחסים", המעולים, שהתפרסמו בעבודתם הטובה והיפה. להם היו לקו־חות („קליינטים", בלע"ז) עשירים, בעיקר מהאצולה הפולנית והפקידות הגבוהה. הם היו בעלי פרנסה טובים, וחיו חיים „בעלי בתיים".

לסוג השני השתייכו החייטים, שהוציאו הרבה תוצרת, כלומר: שסיפקו את תוצרתם לחנויות „קונפקציה" (הלבשה), או שהיו להם חנויות כאלה ומכרו לבד את תוצרתם, ז.א. מל־בושים מוכנים, בעיקר לאוכלוסיה הכפרית. מבחינת ההכנסה והריווח (והצלחה כמובן) מצבם של אלה היה הטוב ביותר, וביניהם היו אפילו עשירים.

והסוג השלישי — והם היו הרוב — היו אלה שתפרו בשביל ההמונים, יהודים ולא יהודים, שהיו נקראים ה„טנדט־ניקים" (שעבדו עבודה פשוטה זולה). הם היו מחכים ל„עונה": פסח — אצל היהודים, ולהבדיל ה„חוגאות" (חג המולד) — אצל הנוצרים, אז עבדו ביום ובלילה ו„עשו פרנסה". אולם רוב ימות השנה, הגם שעבדו ביום ובלילה, התפרנסו בקושי רב ובדוחק.

בעירנו היו חייטים מכל הסוגים הנ"ל ולהלן אביא לדוגמא אחדים:

ר' אברהם לייב טישלר

היה ה ח י י ט, בה"א הידיעה בעיר, הראשון במעלה ובפרסום. כל ה„מי־ומי" בעיר היו נמנים על לקוחותיו, ולאדם פשוט היה קשה להגיע אליו. בעיקר באו אצלו האצולה הפולנית והפקידים הבכירים. היה מומחה גדול לחליפות — „קב ונקי". כל השנה היה עמוס עבודה, ולפני החגים עבדו אצלו לילות שלמים. אף פעם לא היה יכול לעמוד בהבטחה, והיו צריכים לחכות הרבה זמן עד שגמר עם ה„קליינט". כמובן שעבדו אצלו מספר פּועלים („געזעלן" בלע"ז), וכשהיו עוברים ליד בית המלאכה שלו, שמעו תמיד מרחוק שירה וזמרה, בעיקר „שטיק־לעך" מתפילת ראש השנה ויום כפור... כי הוא, ר' אברהם לייב, אהב מאד חזנות ובעלי תפלה טובים.

אך למרות הצלחתו הגדולה, לא היה עשיר ולא גר בדירה מפוארת. היה בעל פרנסה בשפע, והתנהג כבעל בית מכובד, ובעיר החשיבוהו וכיבדוהו. היה יהודי חרד, בעל זקן מטופח, ונתן חנוך דתי לילדים.

ר' אברהם לייב היה אחיו של ר' אליעזר טישלר (אליעזר רב'לה). שניהם גרו בבית אחד, לא גדול, ואחד מחדרי המגורים שימש גם כבית מלאכה.

ממשפחת שני האחים לא נשאר זכר. הי"ד.

ר' שבתי שפרינגר

יהודי דתי מאד ויודע ספר. את בית המלאכה ניהל בביתו הקטן והנמוך, שחזיתו נשקף לרח' מוקז'ישובי. היה נחשב לחייט טוב ותמיד היתה לו עבודה. התפרנס בכבוד וניהל בית מאד יפה, אבל כל בני משפחתו, בעיקר חמש־שש הבנות, עבדו ועזרו לאביהם במקצוע, כי אחרת קשה היה לפרנס משפחה גדולה ולנהל בית מכובד. גם „הקליינטורה" שלו היתה רובה מהאצולה הפּולנית בעיר.

ר' שבתאי היה ממתפללי בית הכנסת ומבעלי הבתים החשובים שבו, ואיש נכבד בעיר. נפטר ברוסיה.

ר' יוסף קירה

הוא השתייך לסוג השני, אף שלא היה חייט מהולל, ולא באו אליו „פריצים". תפר ומכר בגדים מוכנים. בדרך זו הצליח, עד שרכש לו בית יפה דו־קומתי, בשוק. לילדיו נתן חנוך יהודי וכללי, ונחשב לבעל בית חשוב בעיר. מיותר לומר, שגם היה יהודי דתי, במלוא מובן המלה, וביתו התנהל ברוח זו.

ר' „יושה" קירה נפטר לפני מספר שנים בארץ.

כמוהו היו עוד כמה חייטים בעיר, שמצבם היה די טוב.

מהסוג השלישי אין צורך להביא דוגמא, כי רוב החייטים כאמור, נמנה על הסוג הזה, שמצבם לא היה טוב כלל וכלל. עמלו קשה והתחבטו והתלבטו, עד שהוציאו את פרנסתם בקושי ובדוחק.

הצעירים שלמדו את מקצוע החייטות, כולם היו בעלי מקצוע מעולים ולכולם היתה עבודה, כי רמת החיים של כלל האוכלוסיה עלתה, והדרישה לחייטים מעולים היתה גדולה, וידיעת המקצוע השתלמה.

במקצוע הסנדלרות היה התהליך הפוך: בשנים האחרונות הלך ונתמעט מספרם של הסנדלרים בעיר, הצעירים לא למדו כמעט את המקצוע הזה, שהיה פעם נפוץ מאד בין בעלי המלאכה היהודיים. זה נבע מאותה הסיבה שמקצוע החייטות גדל, כלומר: מרמת החיים המתקדמת. זה היה הגורם, שהאוכלוסיה התחילה לקנות נעליים מן המוכן, בחנויות הנעליים שהתחילו לשגשג.

היו על כן גם סנדלרים שהתחילו להסתגל למצב החדש, עבדו עבור החנויות, וגם מכרו בעצמם תוצרת גמורה. לאלה היה שייך ר' הרשל ווינגיל ע"ה. אך עליו כתבתי מאמר מיוחד.

אבל הסנדלרים הוותיקים, מצבם היה קשה בשנים האח־רונות, עם עליית רמת־החיים.

**
*

כל בעלי המלאכה האחרים, נכללו בגדר של בעלי פרנסה בינוניים, או נמוכים.

לבסוף יש להזכיר את אנשי־העמל הקשה, והם: הסבלים, שהיו בדזיקוב במספר לא מבוטל. אלה שהכרנו אותם, כמעט כולם השתייכו „לדור הישן", והיו זקנים, עם זקני שיבה, וביניהם גם שחוחי־גב. הם עמלו קשה והתפּרנסו בקושי רב.

מובן מאליו, שכולם היו יהודים דתיים, אנשים פשוטים ותמימים, בעלי זקן ופיאות ושומרי מצוות, לפי רמת ידיעתם.

גם הם, הסבלים, היו חלק בלתי־נפרד מהרכב האוכלוסיה היהודית והפסיפס של ה„עיירה היהודית". הם השתלבו לתוך הצבור המגוון של תושבי העיירה, ותרמו את חלקם להשלמת הנוף המיוחד ורב החן של עיירתנו דזיקוב.

(עוד על בעלי מלאכה, ראה מאמרו של דוד ויסלר באידיש.)

יעקב פליישר

מנחם דול

האינטליגנציה היהודית בטרנובז'ג


משנת תרצ"ג (1933) עד פרוץ מלחמת העולם השניה, תרצ"ט (1939), עבדתי כמורה למתמיקה בגימנסיה הממלכ־תית והליצאום בטרנובז'ג. המלחמה גרשה אותי משם.

כיליד וחניך גליציה המזרחית, הכרתי היטב את יהודי גליציה המזרחית, אורח חייהם ודו־קיומם עם התושבים המקומיים הפולנים והאוקראינים. החל משנת תרצ"ב (1932), כשעבדתי בליזנסק, ואחר כך בטרנובז'ג, נתקלתי ביהודי בעל תכונות אחרות ואופי אחר: יותר דתי, שומר יותר על המסורת, אך בעיקר שמתי לב לעובדה, כי כל יהודי דיבר פולנית תקינה, ואי־אלו גם רהוטה למדי. בהשמיעם נאומים יפים בישיבות המועצה המקומית ובאסיפות כלליות, היו אף פולנים, אשר מתוך רצון באו להאזין לנאומים אלו. וכך אני נזכר בשמות כמו: קנר, איש בעל זקן הדור, אשר נשא נאומו בשפה ספרותית ותוכן נאומו — עניני.

האינטליגנציה המקצועית

אכתוב על האינטליגנציה המקצועית בעיירה. אף על פי שהגימנסיה בטרנובז'ג היתה קיימת מאז שנים רבות, תלמידים יהודים מעטים היו לומדים בה, בו בזמן שטרנובז'ג היוותה עיר יהודית. התלמידים בגימנסיה היו בעיקר בני בעלי מלאכה והאינטליגנציה המקצועית. לעומת זאת שאר האוכלוסיה היהודית העדיפה לתת לבניהם חינוך יהודי מסורתי בתלמוד תורה. בתקופה מאוחרת יותר, כשהורים רבים יותר החליטו לתת לבניהם חינוך כללי חילוני, למען הכין אותם לקראת מקצועות אינטלקטואליים, היו שולחים אותם לגימנסיה היהודית בקרקוב, בה יום שבת היה חפשי מלימודים. נוסף על הלימודים הכלליים שהיו נלמדים שם במידה המקובלת לכל בתי ספר תיכוניים, נלמדה גם השפה העברית ולימודי יהדות. היו כאלה ששלחו גם את בנותיהם לאותה גימנסיה (בקרקוב), בדרך כלל למדו הבנות בגימנסיה הממלכתית המקומית. נתינת השכלה לבנים במקום מגוריהם היווה אחר כך גורם יוצא מן הכלל. זו היתה גם הסיבה, כי בתחילה, האינטליגנציה המקצועית היהודית בטרנובז'ג היתה מורכבת מאנשים שבאו מחוץ לטרנובז'ג, ממקומות בהם מספר אנשי האינטליגנציה המקצועית היהודית עלה על הביקוש, ונאלצו לחפש תעסוקה במקומות אחרים. בדרך זו הגיעו אלו שאזכיר לקמן — לטרנובז'ג.

ד"ר רודנר, רופא, מוצאו מפשמישל, גר בטרנובז'ג עד פרוץ המלחמה בשנת תרצ"ט. זכה להוקרה מטעם כל האוכ־לוסיה, במיוחד היהודית, בהגישו עזרה לחולים יומם וליל, ובעניים טיפל חינם אין כסף. היה גם רופא בגימנסיה הממלכתית. בתור ציוני היה פעיל בתנועה ציונית ובחיים הפוליטיים, היה גם חבר ההנהלה של הבנק העממי היהודי. במלחמה בתרצ"ט (1939) גוייס לצבא הפולני כרופא־קצין,



ד"ר זכריה רודנר.

ונפל בשבי הרוסי. עד חודש מארס 1940 עבד בבית חולים בטרנופול, שם פגשתיו. לאחר מכן נסע לפשמישל, שם נרצח ע"י הרוצחים הגרמנים, יחד עם אשתו ובנו.

ד"ר צימבלר, עורך דין, מוצאו גם מפשמישל, גר ב־טרנובז'ג עד פרוץ המלחמה בשנת 1939. היה חבר בועד הארגון הציוני המקומי. בכל עת ועונה היה עומד להגן על יהודי טרנובז'ג, ולחם בעד חרות עמו בעוז ובחרוף־נפש. בימים הראשונים של ספטמבר 1939, עזב יחד עם אשתו ושני בניו את טרנובז'ג, והגיע ליז'רנה ע"י טרנופול. עם כניסת הגרמנים, עזב את יז'רנה ונסע עם משפחתו לקרקוביץ, ע"י לבוב, שם היה לו קרוב משפחה, בעל בית מרקחת. דומני, כי שם נספה יחד עם משפחתו.

מגר. נתן גרינר, חוכר בית המרקחת, מוצאו מלבוב, גר בטרנובז'ג עד שנת 1937. היה ציוני פעיל וחבר הנהלת הבנק העממי. כעת תושב חיפה.

מגר. יעקב גלטר, חוכר בית־המרקחת אחרי מגר. גרינר, מוצאו היה מבורשצ'וב, מחוז טרנופול. לאחר גירוש היהו־דים ע"י הגרמנים מטרנובז'ג, נשאר הנ"ל במקום, כ„נצרך" לנהול בית המרקחת. בתום מספר חדשים, כשפסק להיות „נצרך", באו הגרמנים לקחתו, אך מצאוהו ללא רוח חיים.

נטמן בבית העלמין היהודי. אשתו ובתו גרות בתל־אביב. אשתו עובדת כרוקחת והבת כמורה לשפה האנגלית בבית ספר תיכון.

בבתי ספר העממיים בטרנובז'ג מלבד מורה לדת, זמוירה, ואחריו — ויגגל לא עבד אף מורה יהודי. זמוירה שימש גם כמורה לדת בגימנסיה הממלכתית. לעומת זאת, בגימנסיה הממלכתית וליצאום הועסקו גם מורים יהודים, אם זמנית ואם בקביעות.

יוסף נוסבאום, פרופסור למתמטיקה. משך שנים רבות עד פרוץ המלחמה בשנת 1939, עבד בטרנובז'ג. מוצאו היה מזברז', סמוך לטרנופול. גורש ע"י הגרמנים, יחד עם כל יהודי טרנובז'ג. לאחר נדודים עם משא המטלטלין על הגב הגיע עם אשתו, בנו, בתו וחתנו, מגר. רומן כהנה, לטרנופול, ואחר כך לזברז', שם נהרג עם אשתו ובנו ב„אקציה". הבת וחתנו הובלו לרוסיה, משם חזרו אחרי המלחמה וגרים בחיפה.

בטרנובז'ג עבד בתור מורה לשפה הגרמנית הפולני ד"ר הולובוביץ. משפחות נוסבאום והולובוביץ היו מיודדות. כשנפגשתי ב־1940 — עם הפרופ. נוסבאום בטרנופול, סיפר לי, כי קבל מכתב מהולובוביץ, בו תאר את החיים בטרנובז'ג ללא יהודים. על אודות עצמו כתב, כי הגרמנים מינוהו למנהל הגימנסיה, וכי ילדיו תופסים משרות גבוהות. בסוף ציין כי היות ופרופ. נוסבאום אף פעם לא יחזור לטרנובז'ג, והשאיר אחריו בית יפה מוקף בוסתן, הוא, הולובוביץ מציע לנוסבאום, כי ימסור לו את רכושו, כתמורה, הוא, הולובוביץ ישלח לו דברי מזון. כשנוסבאום ספר לי זאת והראה לי את המכתב, לא יכול היה להשתחרר מן רגש האכזבה, פניו חוורו ובעיניו — מתוך היאוש הנורא — ראיתי דמעות.

בנו זיגוש, כבר בגיל 15, כתלמיד בית ספר תיכון התבלט בכשרונות נעלים, ויכול היה להתפאר בהישגיו הספרותיים העצמאיים. הוא גילה כשרונות ניכרים בחבורים ספרותיים־בקורתיים, ורישומיו על הספרות המריניסטית הודפסו בבטאון מרכזי של התאחדות המריניסטים.

מויזש לאופר, מורה ותיק להיסטוריה ושפה גרמנית, יליד סמבור, מת באופן טרגי לפני פרוץ המלחמה.

באופן זמני עבדו בגימנסיה המורים: דוד באומגרטן, יליד בז'זין, מורה לשפה לטינית, נרצח ע"י הגרמנים בעיר מולדתו בז'זין.

ד"ר אלטבאואר, מורה לשפה פולנית. עבד בטרנובז'ג שנתיים, מוצאו מפשמישל. כעת עובד בארכיון העירוני בתל־אביב.

ד"ר מלר, עורך דין, בן הרופא מברנוב. מוצאה של המשפחה מסביבות זלוטשוב. נרצח בשעת „אקציה" בסביבות זלוטשוב.

בטרנובז'ג חיו גם אנשים, אשר הם עצמם, או משפחתם, ניתקו את הקשרים עם היהדות, אך בימי הכיבוש הנאצי, גורלם היה כגורל היהודים.

ד"ר לוי — רופא מחוזי. **אינז' פריש** — יליד טרנופול. **רוניבסקי** (לפנים רפפורט) — פקיד מס־הכנסה, יליד לבוב. עם כניסת הגרמנים נתמנה רוניבסקי לראש העיר כפולני „אמיתי", אך אחרי תקופה קצרה נרצח כיהודי.

ד"ר גולדגרט — נרחיב עליו קצת את הדיבור. עורך דין. גר שנים רבות בטרנובז'ג, שירת כממלא מקום ראש העיר. היהודים גורשו, והוא בתור נוצרי „הגון" נשאר, אבל אחרי תקופה קצרה נעצר כיהודי. כשהובל ע"י הגרמנים למוות, תלה צלב ארוך על חזהו ובידו החזיק איקונין, וכל זאת כדי להפגין, כי נוצרי אדוק והגון מובל למוות, ולא יהודי. הוא נורה ונקבר בבית הקברות היהודי.

ד"ר פרייזמן, מוצאו מטרנופול, במלחמת העולם ה־ראשונה שירת בצבא האוסטרי בתור רופא צבאי בדרגת קפיטאן. לאחר התפוררות הממלכה האוסטרו־הונגרית, ובגלל שמיעתו שנפגמה, התמחה כרופא שניים, התיישב בטרנובז'ג ועסק ברפואת שניים. פרייזמן היה איש מכובד, לקוחותיו העריכו אותו ואהבוהו, בהיותו יהודי טוב. בשעת עבודתו היה מרבה לספר ספורים מימי המלחמה, ולקוחותיו נהנו לשמוע. היה ציוני נלהב.

אני זוכר אותו ביום כפור לבוש סמוקינג, מגבעת נוקשה על ראשו, טלית קטנה על צוארו עם מחזור פתוח בידיו, היה עומד בכותל המזרח ומתפלל בכוונה גדולה. לפתע, שכנו פנה אליו באיזו שאלה, הוא ענה לו. ובינתיים בעל התפילה המשיך בתפילתו, בהשמיעו „המלך". פרייזמן יצא מה„מסלול" ולא ידע איפה עומדים. אחד המתפללים ראה את פרייזמן במבוכתו, ניגש אליו ודפדף לו כמה דפים. זה קרה כמה פעמים, אבל היהודי עשה זאת מתוך גאווה. כל ימות השבוע היה איש פשוט, מתווך, וד"ר פרייזמן היה רופא. אבל בבית הכנסת הרגיש את עצמו משכמו ומעלה, כשניתנה לו ההזדמנות להיות לעזר לד"ר פרייזמן. הגרמנים גרשוהו, ודומני כי הושמד בעיר מולדתו. (הערה: הושמד בפוקשיוור־ניצא).

השופט ד"ר ווישניצר, מוצאו מקרקוב, היה משך כמה שנים ממלא משרת שופט שלום בטרנובז'ג. לפני המלחמה, בשנת 1939 הועבר לקרקוב. סופר כי בתחילת ספטמבר 1939, כשהנאצים הפציצו בקרבת מילץ רכבת פליטים מ־קרקוב, נמלטו הפליטים, וכמה מהם עברו את טרנובז'ג, לכוון הנהר סן. ביניהם היו שני שופטים יהודים. אחד מהם היה ווישניצר. זה היה בערב, אבל אנשים הכירוהו. ניתן לו עוד פעם אחת לראות את טרנובז'ג. נראה היה כקבצן, מלוכלך, רגליו הנפוחות עטופות סמרטוטים. נפרד מהמכירים והמשיך בדרכו. גורלו לא ידוע לי.

טכנאי שניים — **פויסט**. מוצאו מרופטשיץ. גורלו לא ידוע לי.

פקיד הדואר — **טשעשער**, ידוע לי כי היה בברית המועצות. חזר מברית המועצות. אשתו נפטרה בגרמניה בשנת 1946, הוא עלה ארצה עם בתו וחתנו שפרינגר ונפטר בארץ בשנת 1955.

פקיד בית המשפט — **זיידן**, מוצאו ממזרח גליציה, הושמד בגיטו בז'ז'ני, עם אשתו ובתו.

במשך השנים הופסקה זרימת האינטליגנציה המקצועית מבחוץ, וגדלו קדרים (כוחות מחודשים) של אינטליגנציה מקצועית מקומית: ויזנפלד, כהנא, נוסבאום, קורן.

דוד יוסט

דאָס הויז פון מיין פעטער ירוחם נוסבוים

גערופן האָט מען אים אין שטאָט „ירוחם שנעקער״, צוליב זיין גרויסער שענק, וואָס ער האָט געפירט.

די דאָרפישע גויים וואָס זענען געקומען אין זיין שענק טרינקען אַ 96%־ער ספּירט אָדער אַ גוט קאַלט גלאָז ביר, האָבן אים גערופן „מאַיאָרעק״, אויפן נאָמען פון זיין פאָטער, מיין עלטער־זיידע, ר׳ מאיר׳ל ז״ל. זיי, די גויים, האָבן דעם פעטער ירוחם געקענט אַלס קינד, ווען ער פלעגט מיטגיין מיט זיין פאָטער אין די דערפער אויפקויפן זייערע פּראָדוקטן, ווי: ווייץ, קאָרן אַז״וו און זיי זאַרקויפט רוסישן טאַבאַק, וואָס מ׳האָט אַריבערגעשמוגלט דורך דער ווייסל פון צוויזמער און פאַקשעוויניצע, וועלכע האָבן דעמאָלט געהערט צו „רוסיש פוילן״ (דאָס איז געווען אַ „טריפה״ געשעפט).

אין דזשיקאָוו איז געווען באַקאַנט דער פאָלגנדער עפּי־זאָד: ווען דער זיידע מאיר׳ל ע״ה איז אַמאָל געגאַנגען אין דאָרף מאַקסישאָוו מיטן זעקל טאַבאַק אויף זיינע פּלייצעס, האָט אים געטראָפן אַ „יעגער״ (גרעניץ־פּאָליציי).

— אה, דיך זוך איך שוין לאַנג — זאָגט צו אים דער יעגער.

— נו, נו, נעם דיר דאָס זעקל. — זאָגט צו אים דער זיידע.

— ניין, קום מיט מיר אין שטאָט — זאָגט דער יעגער — דאָרט וועל איך דיר מאַכן אַ „ראַפּאָרט״ און דיך אויך אַרעס־טירן.

גייענדיק מיט דעם פּאָליציאַנט אין שטאָט אַריין, האָט דער זיידע הינטערווילעכץ אויפגעבונדן דאָס זעקל, עס אַי־בערגעדרייט און אַזוי עס געטראָגן אויף דער פּלייצע. דער טאַבאַק האָט זיך בסילעכוויז אויסגעמישט אינגאַנצן...

קומענדיק אין שטאָט, גייט זיך דער זיידע זיין וועג גלייך... אַ היים מיטן לערן זעקל אויף דער פּלייצע...

— ווי גייסט דו, דו ביסט דאָך אַרעסטירט? — שרייט אים נאָך דער יעגער.

— פאַרוואָס בין איך אַרעסטירט? איך גיי אין בית המדרש — ענטפערט אים רואיק דער זיידע.

— ווי האָסטו דעם טאַבאַק?

— וואָסאַראַ טאַבאַק?...

— אוי, קלוגער זשידעק, ביסט קלוגער פאַר מיר, מאַיאָ־רעק, כ׳קען דיר יעצט לידער גאָרנישט טון, ווען דו האָסט נישט דעם טאַבאַק. גיי שוין אין בית המדרש לערנען...

באַקאַנט איז געווען פעטער ירוחמס שענק ביי אַלע חסי־דים, וועלכע פלעגן קומען מאַסנווייז אויף די ימים־טובים קיין דזשיקאָוו צום רבין ר׳ יהושעלע האָרוויץ זצ״ל. אין די טעג פלעגט זיך ראַיען אין שענק ווי אין אַ בינשטאָק. פאַר אַלע איז געווען צו טרינקען ביר וויפל זייער פאַרלאַנג איז געווען. וועגן געלט רעדט מען דאָך נישט יום־טוב. מוצאי יום טוב איז דער פעטער ירוחם געשטאַנען ביים רבינס טיר און אַלע חסידים האָבן באַצאָלט, פאַרשטייט זיך, וויפל יעדער האָט געוואָלט.

דער פעטער ירוחם האָט געהאַט פיר טעכטער און צוויי זין. אויסער זיין זון ראובן ז״ל, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע נאָך אין יאָר 1914, זענען אַלע קינדער און אייניקלעך אומגעקומען צוזאַמען מיטן פעטער דורך די היט־לעריסטישע מערדער.

ראובן האָט נאָך דער ערשטער מלחמה אַריבערגעברענגט זיין גאַנצע משפחה קיין ניו־יאָרק. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1923.

אין זיינע יוגנט־יאָרן, פלעגט ראובן מיטהעלפן זיין פאָ־טער בייטאָג אין שענק און די נעכט האָט ער געווידמעט צום לערנען. זייענדיק אַ סאָלידער און קלוגער מענטש, איז ער געווען דער ליבלינג פון דער משפחה. אויך פאַר אַנדערע, אויסער דער משפחה, איז געווען אַ כבוד צו זיין אַ חבר מיט ראובן. ער איז, צוליב זיינע מדות, געווען געשעצט אין אַלע קרייזן און געזעלשאַפטן: תלמידי חכמים, מענטשן מיט אַלגע־מיינעם וויסן ווי אויך ביי ביזנעסלייט.

אין די יידישע קרייזן אין ניו־יאָרק זענען גוט באַקאַנט די קינדער פון ראובן, ספּעציעל זיין זון לעאָ (לייביש) נוס־בוים, אַלס פיינער רעיעלער פאַבריקאַנט פון די בלאָסען בראָנש. לייביש פאַרנעמט היינט די שטעלע אַלס פּרעזידענט פון דער דזשיקאָווער „אַסאָסיעטע״ (לאַנדסמאַנשאַפט) אין ניו־יאָרק.

ראובנס איידעם איז דער באַקאַנטער רב און אַדוואָקאַט שעפּסל ז. בוים, אַ תלמיד פון דער ישיבה־אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל. רבי ז. בוים איז באַקאַנט נישט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר אויך ביי אונדז אין ישראל, אַלס תלמיד חכם, וויסנשאַפטס־מאַן און אַלס גרויסער פריינד פון ישראל.

---


* לויט אַ ידיעה וואָס מיר האָבן באַקומען לעצטנס, איז לייביש געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

בינה שאלער

די משפחה פון חיים יחיאל ליבטמאן

אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַ שטוב, ווו צדקה און מעשים־טובים זענען געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, איינע פון די טיפּאָווע גוטע יידישע משפחות, וועלכע זענען געווען און מער נישטאָ.

דעם פעטער חיים יחיאל האָט מען געקענט אין שטעטל אַלס אַ ירא שמים, אַ ייד וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן נאָר געדינט דעם רבונו של עולם. ווייט פון פּאָליטיק, שטיל, אַן



פישל קניקסברג הי״ד.

ענו, אין געשעפט זיך וויניק געמישט, נאָר געזעסן על התורה והעבודה, נאָר איינמאָל אין יאָר איז זיין שטילע שטוב אויף דער באַן גאַס, געוואָרן אַ טומלדיקער צענטער פון מענטשן. דאָס איז געווען אין דעם יאָרצייט־טאָג פון רבין ר׳ מאירל זצ״ל, ווען דער קאַפּשיוויניצער רבי איז איינגעשטאַנען ביי אים און דאָרטן גענומען קוויטלעך.

דאָס פעדערן־געשעפט האָט ער געפירט בשותפות מיט זיין איידעם יהושע צוויימאַן און זיינע צוויי זון, משה און מאָטל. זיין איידעם פישל קעניגסבערג איז שפּעטער אַוועק קיין פראַנקרייך און דאָרט אומגעקומען דורך די דייטשן, זיין זון שמואל איז אַלס פּאַרטיזאַנער דאָרט געפאַלן. דער דריטער שותף איז געווען דער זון אַלטער, אַ גוטע פרומע נשמה. זיין ערלעכקייט און צדקה געבן זענען געווען אין לשער.



איטאלה ליכטמן (השניה מימין) עם חלק ממשפחתה המסועפת

זיי אַלע, אומשולדיקע יידישע טייערע נשמות זענען אומגעקומען אין דייטשן גיהנום. ה׳ ינקום דמם!

דוד ווייסלער

גבירים, „שיינע יידן" און בעל מלאכות

אין מיין צייט האָט טאַרנאָבזשעג נישט געשמט פאַר אַ רייך שטעטל, זי האָט נישט געהאַט קיין באַרימטע גבירים, קיין גרויסע גוטבאַזיצער, אויך קיין אייגנטימער פון פאַבריקן א. א. וו., דאָך זענען אין שטאָט געווען פאַרמעגלעכע יידן, אַפילו גאַנץ שיינע עשירים, גרויסע סוחרים און אייגנטימער פון שיינע הייזער.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען רייך, נאָר האָבן געהייסן די „שיינע יידן" פון שטאָט.

ווייטער וועל איך אויסרעכענען אייניקע פון זיי:

ר' שבתי נוסבוים

ער האָט געהייסן אַ גרויסער גביר. נישט געהאַט קיין עפנטלעך געשעפט, נאָר געהאַנדלט מיט וואַלוטע אין ברייטן פאַרנעם און שטאַרק מצליח געווען. צו דעם האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן זיין פרוי, אַן „אשת חיל", וועלכע איז געווען שטאַרק בקי אין דעם מסחר.

ר' שבתי איז געווען אַ שטרענג פרומער ייד. די קינדער האָט ער געגעבן אַ פיינע יידישע דערציִונג און זיינע זין האָבן אַלע געקענט לערנען. באַזונדערס האָט זיך אויסגע־צייכנט זיין עלטסטער זון, ר' אלימלך נוסבוים הי"ד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, געלערנט אין בית המדרש שיעורים מיט בחורים, פאַרשטייט זיך, „שלא על מנת לקבל פרס" און געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי בתים אין שטאָט.

דער צווייטער זון, ר' יאָסעלע נוסבוים ז"ל (ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק נפטר געוואָרן אין אַמעריקע), האָט אויך גוט געקענט לערנען און זיך גערעכנט צווישן די חשובע יונגעלייט אין דזשיקאָוו.

אויך דער יונגסטער זון, אהרן, איז געווען אַן איידעלער יונגערמאַן, געלערנט אַ שעור אין בית המדרש. ער איז געווען אַן איידעם ביי זיין עלטסטן ברודער ר' מלך.

די גאַנצע משפחה נוסבוים איז געווען אַ רייכע און טיף־רעליגיעזע משפחה, ווי אויך גרויסע חובבי ציון און געהערט צו די „מזרחי".

ר' אלימלך און זיין משפחה, אַריינגערעכנט אויך דעם ברודער אהרן און פאַמיליע (אַ חוץ דער זון, וועלכער געפינט זיך אין ישראל), זענען אַלע אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער.

השם ינקום דמם!

ר' מענדל שליסעל

אַ שיינער גביר. געהאַט אַ פאַרטרעטונג אין הורט פון נאַפט און געעפנט די ערשטע בענזין־סטאַציע אין מיטן מאַרק, וואָס איז געווען אַ נייעס צו יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט געווען פון די היינטיקע מאָדערנע אויטאָמאַ־טישע בענזין־סטאַציע. געשעפּט דעם בענזין האָט מען מיט דער האַנט דורך אַ פּלומפּ, אָבער אַ נייעס איז עס געווען.

ר' מענדל שליסל איז געווען פון רב'ס געטרייע מענטשן און אַלע יאָרן איז ער געווען קהלה־מיטגליד פון רב'ס רשימה. ביי די לעצטע קהלה־וואַלן, נאָכדעם ווי דער לאַנגיעריקער ראש הקהל, ר' יהושעלע אסט האָט שוין, צוליב זיין עלטער, מער נישט קאַנדידירט, איז ר' מענדל שליסל געוויילט גע־וואָרן אַלס ראש הקהל.

ר' מענדל שליסל איז נישט געווען קיין „תקיף" ווי זיין פאָרגייער ר' יהושעלע אסט. ער איז געווען אַ גלאַסענער, שטילער מענטש, געטאָן טובות יידן און איז געווען באַליבט אין שטאָט.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי באַלד אַרעסטירט דעם ראש הקהל אַלס ערובניק. עס האָט נישט גע־פּועלט אַלע אינטערווענצן און גרויסע פּראָטעקציע, ער איז געבליבן פאַרהאַפטעט ביז אויף צומאָרגנס נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פון שטאָט, דעמאָלט האָבן זיי אים באַפרייט.

ר' מענדל מיט דער פאַמיליע זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע מערדער. (איין זון איז אין ישראל).

השם ינקום דמם!

ר' אברהם פליישער

דער זון פון ר' הערש יעקב (יוקיל) פליישער ז"ל. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר, געהאַט דאָס גרעסטע הורט שפּייז־געשעפט אין שטאָט ווי אויך דעם הורט פון צוקער. ער האָט זיך שיין אַרויפגעאַרבעט און געהייסן אַן עושר. אָבער ער מיט זיין ווייב, וועלכע איז אויך געווען אַ פּעאיקע סוחרטע און אויך די קינדער, האָבן אַלע שווער געאַרבעט אין געשעפט. טאָג און נאַכט זענען זיי געווען פאַרנומען אין געשעפט און קיינמאָל קיין צייט געהאַט אַפילו מיטאָג צו עסן. ווער שמועסט, מיטוואָך אין יאַריד־טאָג, איז מען קיין איין רגע נישט גע־שטאַנען לידיק. די שפע איז געווען גרויס.

ר' אברהם האָט געוווינט אין אַ שטאָקיק הויז אין דורכ־גאַנגס־געסל פון מאַרק צום „מאַלי רינעק" (קליינעם מאַרק), וועלכעס ער האָט געהאַט אָפּגעקויפט פון ר' עובדיה זילבער. פון זיין הויז איז אַרויס פיל צדקה און ער איז געווען פון די חשובע בעלי בתים אין טאַרנאָבזשעג.

ר' אברהם און זיין ווייב זענען געשטאָרבן אין רוסלאַנד.

ר' יוסף פאַרבמאַן

ער האָט זיך גערעכנט צווישן די גבירים אין שטאָט. גע־ווען אַ וואַלד־סוחר, געפירט גרויסע מסחרים. געוווינט אין זייער אַ שיין הויז. געפירט אַ שיין, בעל־בתיש לעבן און

געלאָזט אַ הנאה האָבן פון זיך: געטיילט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט און געטאָן יידן טובות.

ר׳ יוסף פאַרבמאַן איז געווען אַ חסידישער ייד און אַ סטאַבילער איינגייער ביים יונגן רב ר׳ מענדעלע הי״ד. זייענדיק אַן איבערגעגעבענער „רבס מענטש״, איז ער אויך געווען אַלע יאָרן קהל־מיטגליד פון דער „אגודה״, אָדער ווי עס האָט געהייסן „דעם רב׳ס רשימה״.

ר׳ יוסף פאַרבמאַן איז געווען אַ שטילער, ערנסטער און געלאַסענער מענטש. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען אויפגערעגט, אָדער זיך בייזערן. ער איז דעריבער געווען געאַכט דורך אַלע שיכטן און קרייזן פון שטאָט — אויך פון די פּאָליטישע קעגנער. עס האָט אפילו געהייסן, אַז נאָך ר׳ יהושעלע אסט, וועט ווערן ראש הקהל ר׳ יוסף פאַרבמאַן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד און נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול פון קהל־פּרעזעס. איז, ווי דערמאָנט, געוואָרן ראש הקהל ר׳ מענדל שליסל הי״ד.

די פאַמיליע זיינע איז באַשטאַנען פון צוויי טעכטער און איין זון. די עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט קיין פּזשעמישל מיט אַ חסידישן יונגערמאַן. די יינגערע איז די פרוי פון פסח הערצל (דעם חזנס זון, געפינען זיך אין ישראל). דער זון, שלמה, איז געווען אַ חסידישער בחור, געלערנט אין בית המדרש און אויך געווען באַקאַנט אין אַנדערע למודים. ער האָט אויך פאַרשטאַנען אין מסחר און מיטגעהאָלפן דעם פאָטער אין האַנדל.

נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פון טאַרנאָבזשעג איז ר׳ יוסף מיט זיין פרוי און זון אַנגעקומען קיין פּשעמישל צו זיין טאָכטער און אַלע זענען דאָרט שפּעטער אומגעקומען פון די נאַציס. השם ינקום דמם!

ר׳ קלמן פליישער

צווישן די גבירים איז שטאָט האָט זיך אויך אַמאָל גערעכנט ר׳ קלמן פליישער ז״ל. „אַמאָל״ ס׳הייסט, אין די ערשטע יאָרן נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה. ער איז געווען אַ גרויסער הורט־סוחר פון „שטירן״ (אָקסן) און בהמות, וועלכער האָט געליפערט סחורות קיין אויסלאַנד. אַלע קלענערע סוחרים האָבן געקויפט פאַר זיינעטוועגן און געהאַט פּרנסה פון אים.

ר׳ קלמן האָט געוווינט אין אַ שיין הויז אויף די מאַקשישאָווער גאַס מיט אַ גרויסן הויף, אין וועלכע עס זענען געווען געמויערטע שטאַלן, וו עס זענען שטענדיק געשטאַנען שטירן און בהמות, געהאַט אַן אייגענע שיינע „בריטשקע״, געשפּאַנט אין אַ האָפּערדיק פערדל, און ווען ער איז אַרויסגעפאָרן מיט זיין „געשפּאַן״ האָט ער אַליין אויסגעזען ווי אַ גראַף... ער איז געווען אַ הויכער, שיינער, ברייט־ביינעקער ייד, מיט אַ שיין צוגעשניצט בערדל, וואָס האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט אַרויסגערופן דרך־ארץ. אַז מ׳האָט אים געזען פאָרן, האָט מען געוווסט, אַז ער פאָרט אין „הויף״, צום גראַף אָדער צו „פּריצים״, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט.

ר׳ קלמן האָט געפירט אַ ברייט בעל־בתיש הויז און זיין פרוי הענטשע ע״ה, וועלכע איז געווען אַן „אשת חיל״, איז געווען פון די „נשים צדקניות״, זיך פאַרנומען מיט זאַמלען און טיילן צדקה פאַר אָרעמעלייט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זענען שוין די געשעפטן געווען שוואַך, ר׳ קלמן האָט פאַרלוירן דעם „גלאַנץ״ און שוין נישט געווען דער גרויסער סוחר וואָס אַמאָל. דאָך איז ער פאַרבליבן פון די חשובע בעלי בתים אין שטאָט.

ר׳ קלמן איז נפטר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה און די פרוי זיינע האָט דערגרייכט אַ טיפן עלטער. זי איז געשטאָרבן נאָך דער מלחמה אין פּוילן, אין עלטער פון העכער ניינציק יאָר.

איין זון, מאַקס, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר, איז געווען אַ באַרימטער ספּאָרטלער, אַ גרויסער מומחה אויפן געביט פון פוסבאָל און פיל־יאָריקער ריכטער (שופט) ביי גרויסע מעטש־פאַרמעסטונגען. ער איז אויך געשטאָרבן אין פּוילן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

ר׳ קלמן איז געווען אַ ברודער פון ר׳ הערש יעקב (יוקל) פליישער, וועלכער האָט געהאַט אַ שיין שפּייז־געשעפט, געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און פון די גאָר חשובע בעלי בתים אין טאַרנאָבזשעג. ער איז אויך נפטר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה.

„שיינע יידן״

פון דעם צווייטן סאָרט, דאָס הייסט, פון די נישט גרויסע עשירים, נאָר די אַזוי גערופענע פאַרמעגלעכע, חשובע בעלי בתים, „שיינע יידן״, וויל איך אין די ערשטע ריי דערמאָנען איינעם פון די פריערדיקע אַלטע בעלי בתים —

ר׳ ברוך פאַנצער

מיר געדענקען אים שוין זייענדיק אַ זקן מופלג, צוזאַמען מיט זיין ווייב ברכה ע״ה. (אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ זיווג מן השמים: ברוך און ברכה...). זיי האָבן געפירט אַ קאָלך געשעפט. פאַקטיש האָט זי געפירט דאָס געשעפט און ר׳ ברוך אַליין איז געזעסן על התורה ועל העבודה און קנאַפּ זיך פאַראינטערעסירט אין געשעפט.

שבת האָט ר׳ ברוך געהאַט אַ מנין ביי זיך אין שטוב און אויך שלש סעודות האָט מען ביי אים געפירט.

דער נאָמען ר׳ ברוך פאַנצער האָט אַרויסגערופן דרך ארץ ביי יעדערן, אַלס איינער פון די זקני העיר און פון די „אַמאָליקע״ שיינע דזשיקאָווער בעלי בתים, ביי וועלכן עס איז געווען אַ הויז פון תורה, צדקה און מעשים טובים.

ר׳ ברוך ווי אויך זיין ווייב ברכה זענען נפטר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה.

זיין איידעם איז געווען ר׳ אביש הויזער הי״ד, איינער פון די יקירי העיר.

ר׳ פיניע קירשענבוים

ווען מען וויל דערמאָנען חשובע בעלי בתים, אָדער ווי מען רופט דאָס: „שיינע יידן״ פון שטאָט ביזן חורבן, מוז מען דעם ערשטן דערמאָנען ר׳ פיניע קירשנבוים. ווייל מיט

זיינע געבענטשטע מעלות און מדות, האָט ער קיין גלייכן צו זיך אין טאַרנאָבזשעג נישט געהאַט.

וועגן ר׳ פּיניען איז שוין אין אונדזער ספר אין עברית־טייל פיל געשריבן געוואָרן. איך קום דעריבער גאָרנישט מחדש זיין. איך וויל נאָר אויך פאַר די ייִדיש־לייענער צייכע־נען עטלעכע שטריכן פון זיין פערזענלעכקייט.

מ׳קאָן זאָגן, אז די דאָזיקע חשובע פאַמיליע קירשנבוים איז געווען ווי אַ „דינאַסטיע״, וואָס איז באַשטאַנען פון: משפחה, קרובים, מחותנים און בעיקר, פאַרשטייט זיך, די אייגענע זעקס זון און שוין אויך — אייניקלעך, אויף וועלכע מ׳האָט געקענט אָנווייזן און זאָגן: אָט האָט ר׳ פּיניע זוכה געווען צו „בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות״.

דער לעצטער זון, ר׳ פייוול, אַן איידעם ביי ר׳ אברהמעלע פייוול׳ס (וויזענפעלד), אויפגעשטעלט שוין אַליין אַ שיינע משפחה. זיין בחור האָט שוין געלערנט אין בית המדרש און אויך גוט „צוגעהאַלטן״ דעם זיידן ביים דאַווענען. ר׳ פייוול איז אָבער נפטר געוואָרן פּלוצים יונגערהייט.

דער צווייטער זון, שבתי, געווען אַלס בחור פון די בעסטע בית המדרש־בחורים. חתונה געהאַט און געבויט אַ שיינע פאַמיליע. דאָס זעלבע דער דריטער זון, משה. ער האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן איינדרוק מיט זיין לאַנגע בלאָנדע באָרד און זיין הדרת פּנים.

ווייטער: שלמה, געווען אַלס בחור אַ גוטער בית המדרש לערנער און דערצו אויך אַ פּאָליטיקער, אַ פּירער פון „צעירי אגודת ישראל״. חתונה געהאַט קיין גלאָגאָוו און געפירט אַ שיין פאַמיליען־לעבן. דער פינפטער — צבי (העשו), פון די ייִנגע תלמידי חכמים אין בית המדרש, געלערנט יומם ולילה. ער האָט חתונה געהאַט קיין מעליץ נאָענט פאַר דער מלחמה.

אין שטוב איז נאָך פאַרבליבן דער יונגסטער, ישעיה, וועלכער האָט זיך אויך גערעכנט פון די גוטע בית המדרש בחורים.

ר׳ פּיניע האָט געהאַט אַ לעדער־געשעפט, אָבער נישט שטאַרק מצליח געווען, נישט געווען קיין עושר. דאָך געפירט אַ באַשיידן בעל הבתיש הויז, אַליין געגעבן צדקה און גע־זאַמלט געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע. ער איז געווען דער חכם פון שטאָט און יעדע פאַרוויקלטער און פאַרפּלאָנטערטער סכ־סוך איז געבראַכט געוואָרן פאַר ר׳ פּיניען, וועלכער האָט געפונען אַ לעזונג צו אַלעם, פון וועלכע ביידע צדדים זענען געווען צופרידן.

וועגן ר׳ פּיניען אַלס בעל תפילה און שליח צבור אין די ימים נוראים איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן, און די אַלע וואָס האָבן די זכיה געהאַט אים צו הערן דאַווענען, וועלן זיין תפילה קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער איז אויך געווען אַן עוסק בצרכי צבור באמונה און געווען לאַנגיעריקער מיטגליד אין די קהלה, ווי זיין מיינונג איז שטענדיק געהערט געוואָרן מיט דרך ארץ.

די משפחה פון ר׳ פּיניע קירשנבוים איז געווען, קען מען זאָגן, די שענסטע אין טאַרנאָבזשעג און אויף ר׳ פּיניען אַליין האָט מען זיכער געקענט זאָגן: „אַ ייד אַ מושלם בכל המעלות״.

פון דער גרויסער, שיינער משפחה איז פאַרבליבן, דאַכט זיך, איין זון, ר׳ שבתי קירשנבוים, די רעשט זענען אומגעקו־מען מיט מיתות משונות דורך די היטלעריסטישע רוצחים. השם ינקום דמם!

ס׳איז כדאי אויך צו דערמאָנען דעם שוואָגער פון ר׳ פּיניען, ר׳ יהושעלע ר׳ ישראל מאיר׳ס ז״ל, אַ גרויסער תלמיד חכם, געלערנט שעורים אין בית המדרש מיט בחורים, שלא על מנת לקבל פרס און געווען אַ שטאַרק פרומער, אָפּגע־היטענער ייד, וואָס האָט עוסק געווען יום ולילה אין תורה ועבודה און מעשים טובים. ער איז נפטר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה.

אַ נאָענטער קרוב צו ר׳ פּיניעלע קירשנבוים איז געווען מיין זיידע, ר׳ אלימלך קירשנבוים ז״ל. עד האָט געוווינט אין נאָענטן דאָרף סטאַליוו און געווען אַ גרויסער עושר. מ׳האָט דערציילט, (איך האָב אים נישט געקענט), אַז ער איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח, געגעבן פיל צדקה און יעדן ווינטער האָט ער אַריינגעשיקט קיין דזשיקאָוו וועגענער האָלץ פאַר אָרעמעלייט און אויך ווייץ אויף מעות חיטים אויף פסח.

זיין ווייב (מיין באָבע), איז געווען די שוועסטער פון ר׳ יעקעלע ווערסטרייך ז״ל.

ר׳ שלום קאָרן

אַ זון פון ר׳ אהרן קאָרן ז״ל און אַן אייניקל פון ר׳ שמחה טוביה עדער ז״ל, דער באַוווסטער בעל תפילה נאָך ביים רבין ר׳ אליעזר פון דזיקאָוו און נאָך ביים „אמרי נועם״ און „עטרת ישועה״. ר׳ שלום האָט געירשנט פון זיין זיידע דעם כוח פון תפילה און נגינה און איז אויך געווען אַ באַרימטער בעל תפילה, וועמענס נאָמען האָט געשמט אין גאַנץ גאַליציע. יאָרן לאַנג פלעג ער דאַווענען ימים נוראים אין קראָקע אין איינעם פון די גרויסע שילן און באַקומען שיין באַצאָלט, אָבער שוין אַ שיינע פאַר יאָר פאַר די מלחמה, האָט ער ווידער געדאַוונט אין דזשיקאָוו.

ר׳ שלום אַלס גרויסער מעקלער ביי פריצים און די „הייף״, הגם ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן און אַ סך אַרומגע־פאָרן אין די גרויסע שטעט — קראָקע, וואַרשע און אַנדערע, דאָך איז ער קיין גרויסער עושר קיינמאָל נישט געווען. ער האָט אָבער געפירט אַ ברייט, עכט ייִדיש־חסידישע שטוב און געטיילט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. אויך איז זיין פרוי שרהלע ע״ה, געווען אַ גרויסע צדקת.

ער איז געווען פון די נאָענטסטע חסידים פון ר׳ אלתרל און פון יונגן רב ר׳ מנדלה הי״ד. ער איז אויך געווען אַ פּאָלי־טיקער און כלל־טוער, וואָס האָט ליב געהאַט צו טאָן יידן טובות. אַלע יאָרן, פון נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה, איז ער געווען קהל־מאַן פון די „אגודה״ און עטלעכע מאָל אויך גע־וועז געווײלט אין שטאָט־ראָט.

בלי ספק, אַז ער האָט געהערט צו די שענסטע משפחות אין טאַרנאָבזשעג. מיט אַ יאָר צוריק איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון פינף און אַכציק יאָר און נקבר געוואָרן אין **חיפה**.

ר׳ יעקב זילבער

פון די חשובסטע בעלי בתים אין טאַרנאָבזשעג. קיין גביר איז ער נישט געווען, געהאַט אַ שיין גאַלאַנטעריע געשעפט און געפירט אַ בעל בתיש רעליגיעז פאַרטגעשריטענע שטוב. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און די קינדער האָט ער דערצויגן אין יידיש־ציוניסטישן גייסט און זיי אויך געלאָזט שטודירן.

זיין זון, מאָטל, איז געווען אַ גרויסער מתמיד, געלערנט אין בית המדרש מיט גרויס התלהבות און גוט געקענט לערנען. גלייכצייטיק האָט ער געמאַכט מאַטורע שריפטלעך און שפּעטער שטודירט אויפן אוניווערסיטעט און דערגרייכט צו ווערן דאָקטאָר־ראַבינער. אָבער ער איז פאַרבליבן אַ פרומער יונגערמאַן.

די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען אין די טויטן־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס. השם ינקום דמם!

בעלי מלאכות

ר׳ הערשל וויינגיל

ווען מ׳דערמאָנט דזשיקאָווער בעלי מלאכות, קומט דער ערשטער אויפן געדאַנק ר׳ הערשעלע וויינגיל ז״ל. אָן שום צווייפל אַז ער, ר׳ הערשעלע, איז געווען דער אָנגעזעענסטער און דער ערשטער צווישן אַלע בעל מלאכות פון שטאָט, און דאָס נישט אַזוי צוליב זיין פאַך, ווי צוליב זיין פּערזענלעכקייט און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין שטאָט.

אַליין איז ר׳ הערשל געווען אַ שוסטער, געאַרבעט צוגלייך מיט אַלע אין וואַרשטאַט. געפירט האָט ער אַ גרויסן וואַרשטאַט, נאָר דאַכט זיך, אַז קיין פרעמדע געזעלן האָבן ביי אים נישט געאַרבעט, נאָר כמעט אַלע זון האָבן מיט אים געאַרבעט ביים פאַך. אַ טייל ביי די אויבערטיילן און אַ טייל ביים אויספאַרטיקן. פון דער אַרבעט האָט ער געהאַט שיין פּרנסה.

האָבנדיק אין זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט אייגענע אַרבעטער, האָט זיך ר׳ הערשעלע געקענט דערלויבן צו זיין אַ פּאָליטיקער, און פאַרנעמען זיך מיט כלל־עניינים און קהל־פּאָליטיק. און ער איז טאַקע געווען איינער פון די פּעאיקסטע און איבערגעגעבנסטע כלל־טוער אין שטאָט, און אין דער ערשטער ריי לטובת דער אַרבעטער־קלאַס, וועמענס געוויילטער פאָרשטייער און פאָרטרעטער ער איז געווען, כמעט אין אַלע וויכטיקסטע שטאָטישע אינסטיטוציעס: אין דער יידישער קהלה, אין מאַגיסטראַט (געמיינדע), אין דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער „באַנק לודאָווי״ און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאָט.

ר׳ הערשל וויינגיל האָט נישט געזוכט דעם כבוד, טראָץ דעם וואָס ער האָט קיין סך נישט געלערנט אין דער יוגנט, האָט ער ווירדיק פאַרטרעטן די אינטערעסן פון זיינע וויילער: די אַרבעטער און די אָרעמע שיכטן. ביי יעדער זיצונג, אַזוי אין קהלה ווי אין מאַגיסטראַט צי אַנדערשוואו, האָט ער געלאָזט הערן זיין קול. ער האָט שאַרף און דרייסט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג און זיינע פאָדערונגען. זיינע ווערטער זענען געווען לאָגיש און גוט מאָטיווירט און געזאָגט געוואָרן מיט טיפער איבערצייגונג. זייענדיק אַליין אין דער ווירקלעכקייט אַן אַרבעטער, ער איז דעריבער געווען דער נישט געקרוינטער פירער פון אַלע שטאָטישע בעל־מלאכות, וועלכע האָבן געוווסט, אַז אויף אים קענען זיי זיך פאַרלאָזן.

וואָס עפּעס אַ פראַגע, אַ ענין, אָדער אַ „פּראָטעקציע״, זענען די בעל מלאכות, אַרבעטער און אָרעמעלייט געלאָפן צום ערשט צו ר׳ הערשעלע וויינגיל. און ער האָט קיינמאָל נישט אָנטזאָגט. גע׳עצהט און אויך געהאָלפן וועגן אַ טובה פאַר אַ ייד, נישט געשפּאָרט קיין מי און כוח צו העלפן אַ נויטבאַדאַרפטיקן. ער איז דעריבער געווען שטאַרק געאַכט אין שטאָט, אויך ביי נישט־אַרבעטער.

ר׳ הערשעלע האָט אויך געפירט אַ שיין בעל־בתיש הויז, געהאַט אַן אייגענע שטאָקיקע געביידע און ער איז געווען אַ חוץ אַ טיכטיקער כלל־טוער, אויך אַ שיינער אָנגעזעענער בעל־בית.

ער האָט זוכה געווען צו קומען, מיט זיין משפּחה, אין ישראל און דאָ געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. יהא זכרו ברוך!

ר׳ משה אראטין

אָן אויסנאַם איז ער געווען פון אַלע בעלי־מלאכות: אַ ייד אַ יודע ספר, געקענט לערנען און באַטייליקט זיך יעדן אָוונט אין דעם שיעור „דף יומי״ אין בית המדרש, וואָס עס האָט פאַרגעלערנט פאַר די בעלי בתים ר׳ יהושעלע ר׳ ישראל מאיר׳ס ז״ל. ר׳ משה איז געווען אַ לומד קבוע און זיך באַטייליקט אַקטיוו אין די וויכוחים פון די שווערע סוגיות פון די גמרא. דערביי איז ער אויך געווען אַ שטאַרק אָפּגעהיטענער, פרומער ייד: געדאַוונט מיט מנין דריי מאָל אין טאָג און אָפּגעהיטן פּינקטלעך אַלע מצוות און מנהגים.

געווען איז ער אַ שוסטער און געאַרבעט מיט זיינע זון און שווער אויסגעאַרבעט די פּרנסה, אָבער שטענדיק אַ צופרידענער און געדאַנקט השי״ת פאַר יעדע זאַך. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר אַן אָרעמען, אַזוי גוט מיט אַ שיינער נדבה ווי מיט אַ ביסל עסן.

נישט בלויז אין בית המדרש, נאָר אויך אין שטוב, נאָך דער אַרבעט (געוויינלעך איז דאָס געווען שוין שפּעט ביינאַכט), איז ר׳ משה נאָך געזעסן ביי אַ ספר און מעיין געווען. אַז עס איז צו אים אַריינגעקומען אַ קונדע, מיט עפּעס אַ שטיקל אַרבעט, איז דאָס געווען אַן איידעלער מענטש, פלעג ר׳ משה באַלד נאָכזאָגן אַ גוט וואָרט, אָדער פון חז״ל אָדער אויף פרשת השבוע. פאַר אַ פּראָסטערן מענטש האָט ער געהאַט אַ שיין מעשהלע פון אַ „גוטן ייד״ מיט אַ מוסר השכל.

צוליב זיינע מעלות איז ר׳ משה געווען שטאַרק אָנגעזען אין שטאָט. ס׳איז מיר נישט באַוווסט, צי די משפּחה איז געווען אין רוסלאַנד, צי זענען זיי אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער.

ר' שבח בערגשטיין

צווישן די חשובע און אָנגעזעענסטע בעל מלאכות אין שטאָט איז געווען ר' שבח בערגשטיין, אַ ייד מיט אַ שיינער לאַנגער באָרד. ער איז געווען אַן אמת'ער איש תמים און אַ גרויסער פרומער ייד.

ער האָט געהייסן פון די גוטע שניידערס אין שטאָט. געאַרבעט האָט ער מיט זיינע זון. בעיקר איז ער געווען אַ „חסידישער שניידער": געניית זיידענע בעקעשעס און גוטע איבערצירן פאַר די שיינע בעלי בתים און די בית המדרש בחורים. ער האָט אויך געניית אַנצוגער, מיט וועלכע עס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן זיין זון בערטשע ע"ה. (ער איז נפטר געוואָרן פלוצים, פאַר אַ יאָר, אין פתח־תקוה). מען האָט געוווּסט, אַז יעדעס שטיקל אַרבעט, וואָס גייט אַרויס פון ר' שבח'ן, איז עס „טיפּ טאָפּ", אויסגעפּאַרטיקט ווי אָמבעסטן און עס איז ממש „געטאָקט". ער האָט נישט אַרויסגעגעבן אַ פאַרטיק שטיקל אַרבעט, ביז דער קונה האָט נישט אַליין געזאָגט, אַז עס איז גוט און ער איז צופרידן. און יעדער איז טאַקע געווען צופרידן.

קיין עושר איז ר' שבח, פאַרשטייט זיך, נישט געווען. שווער געאַרבעט מיט די קינדער, אָבער ער האָט מפרנס געווען זיין משפחה בכבוד. דערצו געפירט אַ שיין, בכבודיק בעל־בתיש הויז, פון וועלכן יידן האָבן אויך הנאה געהאַט. ר' שבח איז געווען אַ נדיב לב, דאָס זעלבע אויך זיין פרוי. בכלל האָט די משפחה געהאַט אַ שם טוב אין שטאָט.

ר' שבח און זיין פרוי זענען נפטר געוואָרן אין לאַנד, דערגרייכנדיק אַ שיינע עלטער. ת.נ.צ.ב.ה.

ר' משה צענגעבויט

ענדלעך נאָך שווערער מי איז אים געלונגען אַרויסצו־באַקומען די ערשטע דערלויבעניש פאַר 10 משפחות. פאַר־שטייט זיך, דאָס קאַנדידאַטן זענען געווען פיל מערער, יע־דער האָט געוואָלט זיין פון די גליקלעכע זיך צו געפונען צוריק אין זיין אייגענער היים, אָבער די מעגלעכקייט איז געווען באַגרענעצט, זענען טאַקע געווען פיל אומצופרי־דענע. ר' אהרן אלעזר האָט אויסגעקליבן די 10 משפחות און פאַר יעדער גענעמיגונג (רשיון) האָט ער גענומען 10 דאָלאַר. עס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן אים אָנגע־באָטן פיל מער, נאָר ווי מיר איז באַוווּסט, האָט ער ביי קיינעם נישט גענומען מער. יעדער משפחה האָט אויסגע־נוצט די געלעגנהייט מיטצונעמען דעם מאַקסימום מענטשן, וואָס מ'האָט נאָר געקענט אַריינרעכענען אין דער משפחה.



ר' אהרן אלעזר טננבוים הי"ד

ער האָט ווייטער געאַרבעט אין דער זאַך און אַרויס־באַקומען נאָך גענעמיגונגען. אונדזער משפחה איז געווען צווישן די צווייטע 15 רשיונות און מיר האָבן אויך געגעבן 10 דאָלאַר. אונדזער פאַמיליע, ד. ה. איך, מיין מאַמע ע"ה און מיין שוועסטער פייגע הי"ד, זענען צוריק קיין טאַרנאָ־בזשעג אויף דער געגעמיגונג (רשיון) פון דער משפחה פון הערשעלע נוסבוים ע"ה (דער זון פון ר' ירוחם נוסבוים ע"ה). אויסער אונדז האָבן אויף זיין רשיון זיך אויך צוריק־געקערט: זיין שוועסטער הינדע, איר טאָכטער האַניו מיט איר מאַן פייוול ערלעך הי"ד (וועלכער איז געווען מיין מוטערס ברודער). אין משך פון אַ קנאַפּ יאָר איז אים גע־לונגען אַרויסצובאַקומען 85 געגעמיגונגען אויף וועלכע עס זענען צוריק אַריין קיין טאַרנאָבזשעג איבער 100 משפחות, וועלכע האָבן געציילט אַ שיינע פּאָר הונדערט נפשות. די ערשטע משפחות האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען אין פעב־רואַר 1940.

עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ יודנראַט, נאָמינירט פון קרייז־הויפטמאַן אין וועלכן עס זענען אַריין:

ר' אהרן אלעזר טעננעבוים ז"ל.

ר' הערשעלע נוסבוים ז"ל (דער זון פון ר' ירוחם נוסבוים ז"ל.

ר' אהרן פענסטערשטאַק ז"ל (דער איידעם פון ר' ירוחם נוסבוים ז"ל).

ר' מאָטל העלפער ז"ל (דער איידעם פון ר' אַלטער קאַפּלס).

ר' יחיאל קנאַפּף ז"ל (דער איידעם פון ר' פנחס דערפ־לער.

עס איז געווען נאָך אַ זעקסטער, אָבער איך געדענק נישט זיין נאָמען.

עס דאַרף געזאָגט ווערן לשבחו פון ר' אהרן אלעזר טענענבוים, אַז נאָר אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט איז דאָס קליין הייפעלע טאַרנאָבזשעגער יידן אויף אַ קור־צער צייט אויפגערעכט געוואָרן: מען האָט פון אונדז נישט געשיקט צו קיין שווערע צוואַנגס־אַרבעט אויסער דער שטאָט, און נישט אין די לאַגערס.

עס איז געווען איין אַרבעטס־פּלאַץ, נעמלעך: מען האָט געבראַכט אויסגלייכן דעם שאָסיי וואָס האָט געפירט פון טאַרנאָבזשעג נאָך כמיעלאָוו. מ'האָט אונדז גענומען צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט צוריקגעפירט מיט אַן אויטאָ. דער אַרבעטס־אויפזעער פון דער פירמע איז געווען דער דייטש יאָזעף (JOSEF). ער איז נישט געווען פון די ערגסטע, ער האָט נישט צופיל געטריבן ביי דער אַרבעט און די פירמע האָט אויך אַ געוויסן לוין באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. דערביי האָט מען געקענט קויפן עפּעס עסן ביי די פויערן אין די דערפער. אַ חוץ וואָס יעדער ראש משפחה האָט געאַרבעט, האָט מען נאָך צוגעהאַנדלט צו ביסלעך און זיך מפרנס געווען.

מיר זענען אויך נישט געווען פאַרשפּאַרט אין קיין פאַרמאַכטן געטאָ. מיר האָבן געוווינט אין דעם געשאַפענעם, אַזוי גערופענעם „יודען־פירטל" צו וועלכן עס האָבן גע־הערט: די דרום זייט פון מאַרק, אָנהויבנדיק פון דעם גוי באַבוליס געשעפט ביזן עק גאַס, ד. ה. ביזן הויז פון ר' אביש הויזער. אויך כמעט די גאַנצע מזרח זייט פון מאַרק און הינטערן מאַרק די דערנעבנדיקע הייזער.

מיר האָבן געוווינט אינעם הויז פון ר' פנחס דערפלער (וועלכן מ'האָט גערופן אַ צונאָמען: „דער בעל־מדינה").

שבת און יום־טוב האָט מען געדאַוונט מיט מנין, וועלכעס האָט זיך געפונען ביי אונדז אין שטוב. פון דער שול און בית־המדרש האָבן שוין די דייטשן געהאַט געמאַכט אַ סקלאַד (מחסן).

בערך אַ יאָר צייט האָבן מיר אויך נישט געהאַט קיין איין אומשולדיקן קרבן אין טאַרנאָבזשעג. עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז מיר זענען גליקלעך און געהאָפט, אַז מיר וועלן שוין אַזוי איבערלעבן די מלחמה און זוכה זיין מקבל פנים צו זיין די צוריקגעקומענע פון די אין סיביר פאַרשיקטע יידן.

**
*

צום אומגליק האָט דאָס „גוטע״ לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימפּטאָמען פון דעם אָנקומענדיקן חורבן. דער ערשטער קרבן אין טאַרנאָבזשעג איז געווען ר׳ יאָסעלע פישער (לאַסט). ער איז געגאַנגען אין אַ ערב שבת הינטער דער שטאָט אַן אַ דערלויבעניש, האָט אים דער דייטשער זשאַנדאַרמיסט בוטשקי י״ש דערשאָסן. נישט לאַנג נאָך דעם טרויעריקן פאַל זענען מיר אויפגעציטערט געוואָרן פון נאָך אַ שוידערלעכן פאַל: עס זענען — דורך אַ מסירה פון די פּאָלאַקן — דערשאָסן געוואָרן אין מיטן מאַרק ר׳ הערשל קאַנער און ר׳ יחיאל צינאַמאַן (דער איידעם פון ר׳ טוביה טענצער). אויך ר׳ חיים האָניג (דער בעקער) איז דערשאָסן געוואָרן אין גאַס דורך די ס. ס. מיר האָבן שוין געפילט דעם אָנרוקנדן זיך שטורעם. דער פחד איז געוואָרן גרויס און אין חלל האָט זיך שוין געטראָגן דאָס שרעקלעכע וואָרט: ליקווידאַציע... און לאַנג האָט שוין נישט געדויערט ביז דאָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויך אויף אונדז, טאַרנאָבזשעגער יידן, את אשר יגורנו בא.

דאָס איז געווען שבת חזון. ד׳ מנחם אב תש״ב. מען איז זיך אין דער פרי נאָך צוזאַמענגעקומען ביי אונדז אין שטוב צו דאַווענען מיט מנין. די שטימונג איז געווען אַ דערשלאָגענע, די לאַגע איז געווען אָנגעשטרענגט. איינער מיטן צווייטן האָט כמעט נישט גערעדט. דאָס שווייגן האָט מער געזאָגט ווי דאָס רעדן... עס האָבן זיך צוזאַמענגעקומען בערך דריי מנינים יידן. מען האָט אָפּגעדאַוונט שחרית, מען האָט שוין אויך אָפּגעלייענט די סדרה דברים. דער בעל־מפטיר זאָגט די הפטורה פון „חזון ישעיה״ מיטן איכה־ניגון: על מה תכו, עוד תוסיפו סרה?!... כל ראש לחלי וכל לבב דוי... מכף רגל ועד ראש אין בו מתום: פצע וחבורה וכו׳... אַזעלכע אַקטועלע ווערטער... ער האָט נאָכנישט געדאַנזשעט צוצוקומען צו די ווערטער: ואשיבה שופטיך כבראשונה ויעציך כבתחילה — האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון אַ יינגעלע, וועלכער איז געווען אין דרויסן בשעת דעם לייענען: ״ס. ס. זענען געקומען! אוי, זיי פירן מאַסנווייז יידן אויף וועגענער, זיי זענען אין מאַרק!״

מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט. מען האָט שנעל געענדיקט דאָס דאַווענען. מען האָט באַשלאָסן נישט אַרויסגיין פאַרנט, נאָר זיך צעלויפן צווישן די שכנים. באַלד האָט מען געהערט, דאָס מען האָט געפירט די יידן אין דער גרויסער שול אַריין, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, געדינט פאַר אַ מחסן. מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז דאָס זענען גרעמבעווער יידן, וועלכע די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט פון דאָרף.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין מנחה האָט מען שוין מיט קיין מנין נישט געדאַוונט. בליץ שנעל האָט זיך אויך פאַרשפרייט די ידיעה, דאָס מאָרגן, זונטיק, וועט מען אונדז אויך אויסזידלען פון שטאָט. מען קלערט פון אַנטלויפן, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער אַלע וועגן זענען געווען אָפּגעשלאָסן און באַלאַגערט פון ס. ס. לייט. עס איז נישט דאָ וווּ צו גיין, אָדער וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן. די לאַגע איז האָפנונגסלאָז.

זונטיק ה׳ אב, 19טער יולי 1942, זעקס אַזייגער פאַרטאָגס, לויפן שוין אַרום די צעווילדעוועטע ס. ס. אין די יידישע שטיבער און שריין: „ראוס! אַרויס איר פוילע שווייניש יודען!״ יאָ, דאָס איז עס. קיין שום רעטונג איז שוין נישט דאָ. קיין שום אויסזיכט אויף צו ענדערן די גזירה רעה. מען נעמט אונדז צוזאַמען ביים פּלאַץ פון בית הכנסת, קעגנאיבער דעם אַלטן בית עלמין. עס הויבט זיך אָן די שוידערלעכע סעלעקציע: די עלטערע און שוואַכע ווערן אַרויסגענומען פון די שורה און אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט (וועלכע זענען נאָך אונדזער אַוועקגיין באַלד דערשאָסן געוואָרן). אונדז האָבן זיי פאַרמירט אין שורות און געטריבן צו־פוס נאָך באַרנאָוו. ביים אַרויסגיין האָט געגאָסן אַ רעגן, ווי דער הימל וואָלט באַוויינט די יידישע קרבנות און די לעצטע אומגליקלעכע יידן וועלכע פאַרלאָזן זייער קהלה אויף אייביק... טאַרנאָבזשעג איז געוואָרן אויסגעלערט פון אַ יידישער נשמה.

דעם זעלבן טאָג נאָכמיטאָג, זענען מיר צובראָכענע, מידע און פאַריאושטע, אָנגעקומען קיין באַרנאָוו. עס האָט אונדז איבערגענומען דער יודענעלסטער ה׳ גראָס. אין באַרנאָוו האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין... דרויסן, אין גאַס. צומאַרגנס, מאָנטיק (נאָכדעם ווי די מערדער האָבן ווידער דערשאָסן די יידן וואָס זענען זיי נישט געפעלן געוואָרן) זענען מיר איינוואָגאָנירט געוואָרן אין לאַסט־וואַגאַנען, צוזאַמען מיט די באַרנאָווער און גרעמבאָווער יידן, און אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון דעמביץ. מיטוואָך, ח׳ מנחם אב, דעם 22טן יולי 1942, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָבן זיי אונדז אַרויסגעיאָגט פון די וואַגאָנען און אונדז פאַרפירט אויף אַ גרויסן זאַמלפּלאַץ ווו עס האָבן זיך שוין געפונען צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע זענען נאָך מיט אַ טאָג־צוויי פריער דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן פון דער גאַנצער געגנט: ראַפּשיץ, לאַנצוט, גרויס ראַדאָמישל, ראַזוואַדאָוו, מיעלעצער געגנט (חוץ פון מיעליץ גופה) און אַנדערע. די מענטשן האָבן געשווידערט און געציטערט פאַר קעלט פון שטיין דאָ אַ נאַכט און צוויי...

נאָך אונדזער אָנקומען קיין דעמביץ, איז אויך אָנגעקומען אויפן פּלאַץ אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פון ס. ס.־לייט און

„טויטן־קעפ״־מאַנשאַפט, וועלכע האָבן ווידער געמאַכט אַ „סעלעקציע״. פון איין זייט אַרויסגעצויגן די עלטערע מענטשן און פון דער צווייטער זייט אַזעלכע, וועלכע האָבן גוט אויסגעזען און דערצו געזאָגט, אַז זיי האָבן צוויי אַנציגער. אַזעלכע האָבן זיי אָנגעזאַמלט 600. איך בין געווען צווישן די מענטשן מיט די „צוויי אַנציגער״. די גרופּע פון 600 מענטשן האָבן זיי איינגעטיילט אין פיר. יעדער גרופּע צו 150 מאַן. איין גרופּע בלייבט אין דעמביץ אויפצורוימען די דערשאָסענע קרבנות, די צווייטע גרופּע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן נאָך פּוסטקאָוו (פון וועלכע ס׳איז קיינער נישט געבליבןביים לעבן), די דריטע גרופּע איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין... טאַרנאָבזשעג צו דער אַרבעט און איז איינקוואַרטירט געוואָרן אין רבס הויז. (זע דעם מאמר אין עברית: מחנה העבודה בחצר הרב).

די פירטע גרופּע, אין וועלכע איך האָב זיך געפונען איז אַפּגעשיקט געוואָרן קיין ריישא.

בעת מ׳האָט אונדז געפירט מיט אויטאָס נאָך ריישא, האָבן די געפּאַקטע וואַגאָנען פון די נאָך טויזנטער „מענטשן־סחורה״, וועלכע זענען נישט דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, אָנגעהויבן צו רירן אין דער ריכטונג פון בעלזשעץ, צו דער „ענטגילטיקער לייזונג פון די יודען־פראַגע״ ד. ה. צום טויטן אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, פון אַ פּאָלאַק, דעם באַן־פירער, דאָס ער האָט איבערגעגעבן די טראַנספּאָרטן אין די הענט פון די ס.ס.־מערדער, דאָנערשטיק ט׳ מנחם אב תש״ב, דעם 24טן יולי 1942.

עס איז אָנצונעמען, אַז אין דעם זעלבן טאָג איז דער טראַנספּאָרט אומגעקומען על קידוש השם אין דעם קרעמאַטאָריום פון טויטן־לאַגער בעלזשעץ, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויך, די נאָך פאַרבליבענע טאַרנאָבזשעגער יידן. דאָס איז געווען דער סוף.

השם ינקום דמם

צבי גרפונקל

מחנה העבודה בחצר הרב

הנבין את דרכי ה׳? דוקא מקום הקדושה, חצר אדמו״רי דז׳יקוב, מרכז החסידות ועבודת ה׳ במשך ארבעה דורות, דוקא פה רוכזו אחרוני היהודים בטרנובז׳ג, פה דוכאו והושפלו שרידיה. בחצר הרב ובבית המדרש הגדול שבה, הוקם מחנה עבודה ל־100 איש שהוחזרו מדמביץ.

החברה הגרמנית לסלילת כבישים בשם „ברמן״, מהעיר קלן שבגרמניה, סללה אז כביש איסטרטגי בין הכפרים מיכוצ׳ין—כמילוב. המתכננים והמנהלים היו גרמנים עובדי החברה, אלה היו מאורגנים במסגרת ה„ס.א.״ ההיטלריסטי. על ביצוע העבודה השגיחו, בעזרת מנהלי עבודה פולנים מקומיים, והפועלים היו יהודי טרנובז׳ג, שחויבו בעבודת כפיה, ללא שכר. ביום חיסול הקהילה (Aussudlung) נותר מנהל החברה הופמן ללא עובדי חינם, ולכן אץ לדמביץ לשם הובאו כל היהודים המגורשים מכל הסביבה, כדי לקבל את חלקו בשלל. אכן אישרו לו „שלטונות החיסול״ 100 יהודונים, בתנאי שייסגרו במחנה עבודה סגור, והוא יהיה אחראי לשמירתם מפני בריחה.

הייתי בין ה־100. היו אתנו אנשים מעיירות שונות, כי הבחירה היתה מקרית מאוד. בשובנו לטרנובז׳ג, הוכנסנו בלילה לבית המדרש שבחצר הרב.

למחרת, ביום צום תשעה באב תש״ב, הוציאונו לעבודה הראשונה, לגדור את בית הכנסת וחצי חצר בחוט־תיל, כדי להכשירם למחנה עבודה סגור ומסוגר. החלק הנותר של החצר, שימש כמחסן חומרי בניה וכלי עבודה. בכניסה לחצר הוצבו שתי מלונות של כלבי ציד. בצהרי היום הופיע לפנינו מנהל החברה במקום, הופמן, בלווי אנשי ס.א. וגיסטפו וכיבדונו בנאום כזה: „חמשת אלפי שנה לא עבדתם, ורק מצצתם את דם העמים. כעת נתחיל ללמדכם לעבוד״. הזהירונו שעבור כל נסיון בריחה יהרגו עשרה אנשים מהנותרים. הופמן זה היה כבן 55—60, לבוש אזרחית, בחגים היה מתקשט במדי ס.א.: על ידו עזרו שני מפקחים, יוזף שורץ ופאול הולצאואר.. בבית הרב גר שומר החברה הפולני פלוך ומשפחתו, בבית השני גידלו חזירים, עבור עובדי החברה...

קיומנו הושווה לאותם החזירים; האוכל שקיבלנו היה מין מרק מלוכלך של מים ותפוחי אדמה, אשר בישלוהו בעיקר עבור עדר החזירים, ולנו הקציבו חלק מהתבשיל הזה. שכבנו על רצפת בית המדרש. כל איש קיבל חבילת קש כמזרון, ומחצלת קש, מתוצרת עצמית לכסוי. השאירונו בלבוש שלנו, ובגד שנקרע לחלוטין הוחלף בבגדי ניר ובנעלי־עץ.

העבודה היתה קשה מאוד. יום יום הליכה ברגל מרחק של כמה קילומטרים, תחת לווי חמור, וזאת עוד לפני התחלת העבודה. במקום, הוטל עלינו להעמיס קרונות רכבת, בחול או בחצץ. שני אנשים דחפו קרונות. עבדנו לפי מכסה, והיה עלינו להספיק להקריב את הקרונות לקטר. „מובן מעצמו״ היה, שהעבודה חייבת להיות מלווה במכות, פשוט, כדי שלא ישתעממו השומרים עלינו. על פי רוב לא היו מסתפקים ביום ארוך של עבודה מפרכת, והיו מעירים אותנו בלילות לעבודה נוספת, בנסיעה על מכוניות פתוחות עד להרי אפטֽ (OPATOW), כדי להביא משם אבנים לסלילת הכביש. בלילות בחורף, לא היה זה מהתענוגות; קפואים ורדומים

היינו חוזרים, ביושבינו על האבנים החדות, כדי בבוקר שוב לצאת לעבודה „הרגילה". לפעמים היינו מפרקים בלילות צריפים של הצבא הפולני ביערות קולבושוב, והעברנום לטרנובז'ג.


למרות אזהרתו של הופמן, קרו מקרי בריחה. היה בינינו מאָטל וינריב־שטייניגר (מאָטל משה — ניחה"ס) מטרנובז'ג. כשבועיים אחרי שהגענו למחנה — נעלם. בעת מיפקד הבוקר נתגלה הדבר, ומיד קמה בהלה בין הגרמנים. אמנם, הצליחו לגלותו עוד באותו יום ע"י נהר ה„ויסל" בנסותו לעבור לעיירה קופשיבניץ שמעבר השני של הנהר. שם עוד ישבו יהודים. למחרת אספו את כולנו בחצר, הופיעו כל ציות הגרמנים והשומרים, והוקם גרדום בתוך בית המדרש. קשרו את האומלל לתליה, וכאשר נדמה היה שהנה הוא מת, עשה הוא תנועה חזקה, ועניבת החנק נותקה, ומאָטל נפל על הרצפה. קוינו שייסלח לו, כפי שזה נהוג בעולם, כאשר התלוי נופל בעודו חי, ואמנם כמה ימים היה מאָטל בינינו ואף יצא לעבודה. אח"כ הוציאוהו ליער ע"י מועדון ה„סוקול", ושם נורה למוות, בנוכחות שניים מאנשינו, שנצטוו לקברו במקום. השם ינקום דמו!

במשך כל תקופת היותנו במחנה זה, היו הגרמנים מגלים בסביבה יהודים מסתתרים, או שהפולנים מסרום לידיהם. כל המתגלים, הוצאו להורג ביער, הקרבנות הוכרחו לחפור לעצמם בור, לא יותר מחצי מטר עומק, ונורו בתוך הבור.

קרה מקרה עם בנו של ישראל'קה ורשבסקי, (בעל חנות כלי בישול מטרנובז'ג) שהועבר מדמביץ למחנה ברישא, והאב היה בינינו. הוא התיידד קצת עם המנהל הופמן עוד לפני הגירוש, ובהסתמך על כך, קיווה שבנו יתקבל במקום ויתאחדו. בלילה אחד הופיע בנו בטרנובז'ג, ופנה ישירות אל הופמן. היתה זאת אשליה מרה; למחרת מסרו הלה אישית לידי הגסטפו, והרגוהו ביער שע"י הסוקול. גם הפעם נלקחו מאתנו עדים לראות את המחזה ולהזהירנו בכך. עוד קרבן. השם ינקום דמו!

חיינו היו קשים מאוד, כל יום גיהנום מחודש. אך המקרה האיום ביותר שאינני מסוגל לתארו, היה השרפה בבנין מגורינו. וכך זה קרה: פסח של שנת תש"ג (1943) התקרב, ואנו שאפנו להכין לפחות כמה מצות לזכרון. מעט קמח הצלחנו לרכוש בעת העבודה, מידי הפולנים, או סחבנו קמח לקמצים מן המטבח שלנו בעת העבודה בו. מובן שהסתרנוהו היטב. בליל קר אחד הצבנו שמירה ואפינו מצות על תנור הברזל, שצריך היה קצת לחמם את האולם הגדול. עייפים מהעבודה המפרכת, ומההתחממות של האפיה נרדמנו חזק. פתאום טילטלני האחראי מבינינו, הרוקח לשעבר מ־גרמבוב אונגר, ואמר לי שמישהו מתהלך על הגג, רעש חזק נשמע מלמעלה. לא שמתי לב אליו ונרדמתי. כעבור כמה דקות העירני בחוזקה וצעק: אש, שרפה! והנה התמוטטה חצי תקרה ונפלה על הקש, לשונות אש פרצו מלמעלה, והקש נדלק מלמטה. מה קרה? ארובת התנור התלהטה כנראה מהאש המרובה מהרגיל בעת אפית המצות, הציתה את קורות התקרה אליהן היתה קשורה, התפשטה במרחב שבין התקרה והגג ובשלב מאוחר גרמה גם ל־התמוטטותה.

פרצה בהלה רבה והספקנו לברוח לחצר, ללא קרבנות. בחוץ שלג וכפור חזק. מיד נזעקו אנשי הגיסטפו והתנפלו עלינו תוך מכות אכזריות, מפני שחשדונו בהצתה במזיד. הוזעקו מכבי האש, אלא שאלה לא הצליחו להפעיל את המשאבה, צינורות הכיבוי מלאו קרח. איכשהו השיגו דליים, ואותנו הכריחו לשאוב מים מהבארות שבסביבה, ולהכנס לתוך האש לכבותה. היה זה איום! המים נשפכו על בשרנו הכמעט ערום, הקרח נדבק בנו, העשן והאש איימו לבלענו, ושומרינו מכים ומכים... בסוף נשרף הגג כולו, האש דעכה, ואנו רטובים, ללא בגד להחלפה, קפואים, ללא צל של תקוה,



יהודי העיר מובלים ע"י הנאָצים לעבודת כפיה

נשארנו ללא קורת גג בכפור האיום. למחרת נשאר לנו לנקות את פנים הבנין, ונשארנו ללון בין הקירות, ללא תקרה וגג. בימים שלאחר כך, הירשו לנו איכשהו לכסות את הגג בקרשים שנועדו לבניה. אין פלא שאחרי מקרה זה פרצה מגיפת טיפוס, שהפילה רבים מבינינו, המתים נקברו ביער שעל־יד הסוקול.

באותה העת העבירו מספר אנשים למחנה מיעליץ, ואחרי שמתו עוד רבים, נשארנו קבוצה קטנה של 30 איש. במשך חודשים רבים אלה, היינו מנותקים מכל העולם, סגורים ומסוגרים. לא ידענו מה קרה עם משפחותינו, ועם כל אלה שנשארו בשדה בדמביץ. לא ידענו על הקורה במלחמה, לא ברוסיה ולא באפריקה. לאמיתו של דבר, גם לא היינו מסוגלים לחשוב על כך, כבהמות נדמינו... היינו מסוגלים לחשוב רק על האוכל, וכיצד לעבור אותו יום, לא יותר. מתה כל מחשבה אנושית.

קשר יחיד עם החוץ, מחתרתי כמובן, היה לנו ע״י גוי בעל אטליז לבשר חזיר, שגר מאחורי המחנה. לפעמים היינו זורקים כסף דרך הגדר הקרובה לביתו, והוא היה משלשל לחם, דרך פרצה קטנה. בדרך זו הוצאנו לפעמים מכתבים והוא היה מעבירם לתעודתם. אני הצלחתי כך להתקשר עם פולנים מגרמבוב, ואלה אמנם גמלו לי טובה, וסיפקו מזמן לזמן קצת מזון. לזכותם ייאמר, שהם הסתכנו בכך, והיו זורקים לי אספקה דרך הגדר. אי אפשר היה להעלים זאת מעיני פלוך השומר, וכדי לשחדו הייתי מוסר לו את החמאה, והלחם נשאר לי. מפתקאות שהגיעו ממקומות אחרים, ידענו שיש מחנה יהודים ברײשא ובמיעליץ. בעת הנסיעות להרי אפט נתקלנו לפעמים ביהודי מסנדומיר, וידענו שמעבר לויסלה ישנם עוד יהודים חופשיים. סיפרתי כבר שלפעמים נאלצנו לקבור בטרנובז׳ג יהודים שהסתתרו ונתגלו, מכאן הבינונו שבסביבתנו אין יותר יהודים — אך ידיעות ברורות לא היו לנו. ומה קרה עם משפחותינו? כל ידיעה לא היתה; שערנו שהזקנים אינם, ואחרים ודאי עובדים במחנות עבודה... (על משרפות בלז׳יץ לא שמענו).

אולי חשוב גם להזכיר מה קרה עם בית הקברות החדש. הישן פורק עוד בזמן הגיטו. בשנת 1942 נהרס על פי פקודת הגרמנים. יום יום היינו עוברים על ידו לעבודתנו, וראינו זאת. הקבלן הראשי לעבודה בזויה זו, היה פולני שגר ברחוב הרכבת, והיה לשעבר סוחר סוסים. הוא פירק את חומות הלבנים, והמצבות נקנו ע״י פולנים אחרים, למטרות בניה וריצוף.

האביב בא, ואנו הקבוצה הקטנה במחנה העבודה נחלשנו מאוד. העבודה המפרכת, החורף, ובמיוחד השרפה והטיפוס, מצצו את לשד עצמותינו ואת שארית כוחותינו. המשכנו לצאת לעבודה כרגיל, שובינו־מעניני שמו לב שאיננו יותר „יעילים״...

ביום אחד, היה זה ערב חיסול גיטו סנדומיר, חליתי מאוד, וקיבלתי חום גבוה, לא הייתי מסוגל לצאת לעבודה, פה עמדו לי יחסי הטובים עם השומר פלוך (בזכות חלקו בחבילות המזון שלי). הוא לחש לי שזוממים להעבירנו לסנדומיר המתחסלת, ולהביא במקומנו יהודים בריאים המסוגלים לעבודה. כדי להנצל, עלינו להעמיד פני בריאים,



יהודים עובדי כפיה אצל הנאצים

ולעבוד טוב כמה ימים, עד יעבור זעם. לא היתה ברירה, רצינו לחיות. חברי תמכוני כל הדרך, וכך הגעתי איכשהו לכביש. באותם הימים, למזלנו, היה פלוך המשגיח על עבודתנו, והוא העלים עין. הוא גם היה מעוניין שנשאר במקום, קצת התקשר אלינו, וגם נהנה מיתרות הכלכלה. איכשהו התגברתי. בינתיים התרוקן גיטו סנדומר, ובימים שלאחר כך לא היו כבר יהודים להחליפנו. זה היה אחר פסח.

מתו עוד אחדים מבינינו, ובניהם עזרא שיפמן ואחיו. מי שהבריא, המשיך בתנאים הקשים האלה, שלא השתנו.

באחד מימי יולי 43, הופיעו אנשי גיסטפו, וגם האחראים על המחנה, והעלונו על מכונית תחת משמר מזויין. חשבנו, הנה הגיע הסוף, לחיסול מובילים אותנו. נפרדנו איש מאחיו, ומהעולם המושחת הזה. בלילה זזנו. עם כל עצירתה של המכונית, התעוררה המחשבה: הנה הסוף, פה נקבר... בחצות הגענו למחנה העבודה במיעליץ, באיזור התעשיה האוירית — נשמנו לרווחה, הנה עוד יהודים בחיים...

בפולין המשוחררת

התגלגלתי ממחנה למחנה — המלחמה הסתיימה, והשתחררתי על אדמת צ׳כיה. כעת כבר ידענו שיהדות פולין איננה — נכחדה. על ההשמדה בבלז׳יץ לא שמענו. חשבנו, אולי מישהו בכל זאת נשאר בחיים?

מכל אחי לצרה במחנה טרנובז׳ג, נשאר אתי כל העת דוד שר מטרנובז׳ג. החלטנו לבקר בגרמבוב, וגם בטרנובז׳ג. בסוף מאי 1945 או בתחילת יוני, הגענו ברכבת לרוזבדוב. ברדתנו בתחנה, נתקלנו באנשי המיליציה הפולנית (משטרה טרם היתה). אלה מיד הרגישו שיהודים אנו, וכיבדונו בקבלת פנים מיוחדת במינה... הכניסונו, תוך איומים לתחנה שלהם, שם עצרונו והחשידונו בספסרות. ברשותנו היו כמה בגדים שהצלחנו „לארגן״ בצ׳כיה. בחקירה סיפרנו להם את כל האמת, אנשי מחנות משוחררים אנו, חוזרים למקום בו נולדנו וכו׳ — כל זה לא הועיל. אחד מהם הציע לנו שמוכן לשחרר אותנו, בתנאי שנמסור לו חלק ממה שבידינו ושנסתלק מיד מרוזבדוב. ברירה לא היתה לנו, ואחרי כמה שעות המעצר — שיחרר אותנו.

יצאנו לתחנת הרכבת, כדי לחזור לקרקוב. פה פגשנו

יהודי בשם קרוליק, שהסתתר בסביבה, נשאר בחיים, וכע פעל בשרותו של הצבא הרוסי. הוא היה מעוניין שנחזור אתו אל העיר, ונספר על המקרה למפקדה הרוסית. רצי־ בכך, אלא שפחדנו מפני האפשרות שהם עלולים להתנקם ביהודים אחרים שיגיעו למקום, והעדפנו לצאת ברכבת הראשונה שתזדמן.

ממקרה זה למדנו שאין להסתכן בביקור במקומותינו. הרכבת הגיעה לתחנה ז׳שוב (ריישא) ביום עלילת הדם והפוגרום שערכו הפולנים בעיר על היהודים, שאך זה יצאו מגיא הצלמוות של החיה הנאצית. ישבנו מוסתרים בקרון להובלת בהמות. היה זה בלילה, ושמענו מקרוב את הצעקות: „כל היהודים לצאת מהרכבת". אף חיפשו בקרונות בעזרת פנסים. גם בקרון שלנו היו, אך לא השגיחו בנו, ובנס ניצלנו.

החלטנו שאין לנו מקום על אדמת פולין, וחזרנו לצ׳כיה. דרכנו לשיחרור אמיתי הוליכה דרך אוסטריה, איטליה, קפריסין — לישראל שלנו.

(נרשם ע"י ש. שלר)

דבורה אברמוביץ-הורוויץ

די וועלט האט געזעען און געשוויגן*

זאַלס הקדמה וויל איך זאָגן, אַז דאַטעס, ציפערן, געדענק איך כמעט נישט, אָדער גאָר זעלטן. עס איז אויסגעמעקט געוואָרן אין מיין זכרון צייט אונטערשיידן לויטן קאַלענדאַר. איך געדענק נאָר די צייט — האַרבסט אָדער זומער. די מידקייט פונעם טאָג אָדער די טונקלקייט פון דער נאַכט. נאָר אַזוי זענען מיר די בילדער געבליבן, בילדער פון בלוט, פון תליות, פון אונטערגאַנג.

אָבער איין דאַטע געדענק איך גוט: דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939. אָט די דאַטע, וועלכע איז געווען דער סאַמע אָנהויב און דער סוף. דאָ האָט זיך דאָס לעבן אָפּגעשטעלט. זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

אַ נאַכט דערפריער: מיר זענען געשטאַנען פאַר אונדזער הויז — די שטאָט כּמעט טונקל, אויסגעשטאָרבן. נישט ווייט פון אונדז, אינעם קאַפעהויז, וואָס איז געווען אַקייגנאיבער, זענען נאָך געזעסן עטלעכע מענטשן, ביים שיין פון ליכט (לאָמפּן האָט מען נישט מער געברענט). די פענסטער פאַרהאַנגען און נאָר די שאָטנס האָט מען געזען אויף די ווענט — סילוועטן. דאָס בילד איז געווען אומהיימלעך. עס האָט שוין געטראָגן אין זיך דעם אָנזאָג פון דער גרויסער לעצטער געשעניש, וואָס האָט געדאַרפט קומען אויף דער גאָרער וועלט.

צומאָרגנס איז דער טומל שוין געווען גרויס: די אַפּטייק פול געפּאַקט מיט מענטשן, דאָס האָט מען געקויפט די נויטיקע צוגרייטונגען פאַר גאַזמאַסקעס און אַנדערע סאַניטאַרע זאַכן. דאָס האָט מען זיך געגרייט צו באָמבאַרדירונגען און גאַזן (נעבן טאַרנע געפינט זיך די גרויסע אַמוניציע־פאַבריק „מאשטשיץ" און מען איז געווען זיכער, אַז טאַרנע וועט אַלס ערשטע גיין אין דער לופט). מיר האָבן דאַמאָלט נישט געוווסט, אַז דער דייטש וועט אַריינקומען קיין גאַליציע אָן יעדן קאַמף, אַזוי ווי צו זיך אַהיים. קיינער האָט עס נישט געוווסט, און די הכנות זענען געווען גרויס. מען האָט אויך אָנגעגרייט שפּייז, ליכט און אַנדערע זאַכן. איך אַליין האָבן גענייט אַ קליינע גאַזמאַסקע פאַר מיין קינד, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 5 חדשים. ס׳איז געווען אַ מאָדנע מתנה פאַר זיין יונג, ערשט דערוואַכט לעבן. מיין מאַן, בוזיעק, האָט באַקומען אַן איינבאַרופונגס־צעטל צו גיין אין מיליטער און מיינע עלטערן האָבן שוין געהאַט געפליכטעט קיין טאַרנאָבזשעג (דזיקאָוו), אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט האַרט ביי דער ווייסל.

ראָטלאָז אינמיטן פון דער גרויסער בהלה, מיטן באַוווסטזיין, אַז בוזיעק מוז אָפּפאָרן, האָב איך צוזאַמענגעפּאַקט אויף שנעל דאָס ביסל זאַכן און באַשלאָסן פאָרן ווו מיינע עלטערן זענען. בוזיעק האָט אונדז באַגלייט ביז מעליץ.

די אויטאָבוסן זענען געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, פּליטים. בעת מיר זענען געפאָרן, זענען שוין גאַנץ נידעריק איבער אונדזערע קעפּ געפלויגן די דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן גאָר נישט געפונען פאַר נייטיק צו באַנוצן אַ ביסל פּולווער. יידן האָבן געזאָגט מבינות, אַז עס זענען גאָר נישט קיין דייטשע עראָפּלאַנען.

אין מעליץ זענען אַריין נאָך מער פּליטים. מיין מאַן האָט זיך מיט מיר געזעגנט. אַ לעצטער בליק אויף מיר, אויפן

* באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

די פרוי דבורה אַבראַמוביץ־הורוויץ, די טאָכטער פון לעצטן דזיקאָווער רבין, ר׳ אלטר׳ל הורביץ הי"ד, וועלכע האָט דורכגעמאַכט די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן און איז לעבן געבליבן מיט איר איינציקן זון — האָט אין יאָר 1952 פאַרעפנטלעכט אין דער אַמעריקאַנער טאָג־צייטונג „דער טאָג" אַ גרעסערע אַרבעט, זכרונות פון אירע מלחמה־איבערלעבענישן.

אינעם יזכור־בוך „טאַרנע" (תל־אביב, תשי"ד) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ פראַגמענט פון די זכרונות.

היות ווי אין די זכרונות יוערט אָפּט דערמאָנט איר געבורטסשטאָט דזיקאָוו, ווי אויך דיליידן פון איר פאָטער אין די מלחמה־יאָרן, גיבן מיר אויך איבער אין אונדזער בוך אַ טייל פון דעם פראַגמענט פון די אויבנדערמאָנטע זכרונות.

קינד — און מיר האבן אים געלאזט גיין, גיין צום פוילישן מיליטער, בעת אלץ איז שוין סיי ווי געווען פארשפילט און פארלוירן. איך געדענק זיין לעצטן בליק. אייניקוויין האט זיך דאס לעבן אפגעזעגנט.

מיר זענען אנגעקומען קיין טארנאבזשעג. דאס הויז, אונדזער היים פון אמאל, מיין טאטנס היים, איז שוין אינעם קריג פון 1914 געווארן שטארק באשעדיקט, אבער עטלעכע הייזלעך זענען נאך געשטאנען, ווו מיין ברודער האט געוווינט. ס'איז געווען א גילדענער הארבסט־טאג יענעם שבת. איך בין געזעסן מיטן קינד אינעם סאד, מיט זיינע גערדיכטע גרויסע בוימער און יעדער שטיין האט דערמאנט קינדעריארן, אמאליקע היים.

פלוצים, פארנאכט, איז דער הימל געשטאנען אין רויטע פלאמען. דאס שטעטל אונטער א האגל פון קוילן — איין דונער נאכן צווייטן — רויטע פלאמען און שווארצער רויך עס האט זיך געדאכט, אז די ערד ציטערט. מיר זענען אריין אינעם פאדערשטיקן שטיבל, כדי צו קאנען תיכף ארויס אויב די ווענט וועלן איינפאלן. דער גרויסער לאמפ פון מיטן שטוב האט מיט א שליידער זיך אפגעריסן און געפאלן אין שפליטער צו דער ערד. דאס איז געווען דער ערשטער שמע־ישראל אויף אונדזערע ליפן.

שפעטער, אז דאס גרויסע פייער איז אדורך, האט מען אנגעהויבן קלערן פון ווייטער לויפן. ווו אהין? מען איז געווען ראטלאז. מענטשן האבן געזאגט לובלין. סיי ווי — לויפן מוז מען. און נאך אין דער זעלביקער נאכט זענען מיר מיט לודקעס אריבער אויף דער צווייטער זייט ווייסל — אויפן וועג קיין פאקשיווניצע. מיט אונדז צוזאמען דאס האלבע שטעטל. הארט ביים ברעג זענען מיר געגאנגען און ס'האט גערוישט און געדונערט איבער אונדזערע קעפ. דאס קינד האט געצוקט אין מיינע ארעמס.

אזוי זענען מיר געגאנגען ביז פאקשעווניצע און דארט דערווייל פארבליבן. עס זענען דערנאך אנגעקומען נאך מער פליכטלינגע און מען האט באשלאסן ווייטער לויפן. ארויפגעפאקט קינד און קייט אויף וועגן, כמעט נישט מיט א שמץ האפענונג, אז מען קאן נאך ערגעץ ווו ארויס — נאר כדי עפעס צו טון, כדי אליין זיך צו באטויבן. אזוי זענען מיר אפגעפארן א היפש ביסל צייט ביז סאנדאמיעזש. ביז דעם גרויסן באמבארדירן פון סאנדאמיעזש. מיר זענען אריין ערגעץ ווו אין א הויז. דער טומל, די קולות פון די דארטיקע מענטשן און פלוצעם דאס געשריי: גאז! איך געדענק ווי איך האב עפעס ארויפגעווארפן אויפן פנימל פון מיין קינד. איך געדענק ווי די מאמע האט זיך נעבן אים איינגעבויגן. דאס געשריי, דאס געטומל, דער שמע־ישראל.

מיד, אפגעריסן ,אויסגעלאשן, האט מען זיך דערנאך צוריק ארויפגעזעצט אויף די פורן און ווייטער זיך געלאזט אין וועג אריין. א צעשאסענע בריק, צוויי פערד דערנעבן אויפגעריסענע — מען האט געמוזט אראפ פון די וועגן. און אזוי שטייענדיק האבן מיר געזען אנקומען א צאל פוילישע סאלדאטן, אפגעריסן, אפגעפליקט. זיי האבן געלאכט פון אונדז וואס מיר לויפן, בעת דער דייטש שטייט שוין אט דא נעבן אונדז. מען האט פארקערעוועט אויף צוריק. ווי קינדיש און האפנונגסלאז עס איז געווען אזא מין ארומיאגן זיך מיטן גורל, וואס איז שוין געשטאנען אנגעצייכנט פאר יעדן ייד: אונטערגאנג.

איך געדענק נעכט: דאס פוילישע מיליטער האט אפגעצויגן. לאנגע שווארצע נעכט פון הארבסטצייט, דריבנער רעגן און פייכטע ווינטן, וועלכע האבן געיאגט איבערן לאנד, און וועגן, גאנצע קאראוואנען פון וועגן האבן זיך געצויגן — פארוואונדעטע סאלדאטן, אן הענט, אן פיס, — אלץ האט אגעצויגן אויף צוריק. איך בין געלעגן אויף דער ערד אין דעם קליינעם פינסטערן שטיבל נעבן מיין קינד און מיך צוגעהערט צו דעם ראטערן פון די רעדער, וואס האט קיין סוף נישט גענומען. צומארגנס האט מען געזען א סך רויט בלוט פארמישט אין בלאטע און פייכטן ליים.

...דערנאך איז געקומען יענער אין־דער־פרי ווען מען האט זיי צום ערשטן מאל דערזען. האנטגראנאטן איבער אלע דעכער. פלאם און פייער. מיר זענען ארויס און אין דער זעלבער מינוט איז דאס הייזל איינגעבראכן. אנגעהויבן לויפן מיטן קינד אויף די הענט — איבער פלאמען, פלאמען פאר וועלכע די הילצערנע הייזלעך זענען געווען א שפיל אזא. אראפ צום וואלד, צום ברענעדיקן וואלד. איך בין געפאלן. דאס קינד האט מיר עמעצער ארויסגענומען פון האנט. ווייטער געלאפן. ביים סוף פון וואלד, דארט ווו די פלאמען האבן שוין נאר געצאנקט, נעבן א וואסערל, האבן מיר זיך אנידערגעזעצט. אפגעווישט דעם טויטשווייס פונעם שטערן. דאס קינד איז געווען ביים פארלעשן. א פרעמדע פרוי האט געוואלט זיינע ליפעלעך באנעצן מיט וואסער פון טייכל — דער טאטע האט נישט געלאזט. איך האב פארגראבן מיין קאפ אין דער שווארצער ערד, כדי מיינע אויגן זאלן נישט זען. — נישט זען.

פארנאכט צו זענען אנגעקומען עטלעכע יידן אנזאגן די בשורה: זיי זענען דא. אלע מענער מוזן זיך פארזאמלען אויף דעם רינגפלאץ, אן אויסנאם. מיר האבן אנגעהויבן גיין אין שטאט אריין. שטומפ, שווארצער יאוש אין הארצן. מען האט געוווסט, וואס אזא פארזאמלען אלע יידן באדייט. מען האט עס געהערט פון אנדערע שטעט, ווי אזוי זיי זענען זיך נוהג ביים אריינקום. מיר, פרויען און קינדער זענען פארבליבן אין שטוב. איך געדענק ווי אזוי מיר זענען געזעסן און געווארט — אויף וואס געווארט: אויף א טויט־אנזאג אדער אויף א נס. דעמאלט איז עס אדורך. מען האט די יידן נישט געשאסן. זיי זענען אפגעקומען מיט טויטשווייס אויף די פנימער און מיט געהייליקטן שמע־ישראל.

שפעטער איז דער טאטע און ר' משהניו באיאנער געזעסן אין שטוב. די מאמע איז אהין געגאנגען ברענגען פאר זיי עפעס עסן. אן ס.ס.־מאן האט אויפגעריסן די טיר: הענדע האך! די מאמע האט זיך געשטעלט נעבן די צוויי הילפלאזע געשטאלטן אויף וועמענס ברוסט די רעוואלווערן זענען געווען געצילט. זי האט באקומען מיט דער רייטבייטש איבערן פנים.

א רויטער שטרייפן בלוט און א בלאַ פאַרלאָפן אויג — אַזוי אַזוי איז זי צו אונדז צוריקגעקומען, אַנזאָגן אַז זיי לעבן, אַז מען האָט זיי גאָרנישט געטאָן. איך האָב געקוקט אויף דער מאַמען, אויף איר פאַרשוואָלן פנים — געזען האָב איך אַלץ, אָבער איך האָב אויפגעהערט תופס זיין. נאָר פון מיינע אויגן האָט בלוט גערונען.

ראש־השנה. דער טאַטע זיצט אַליין, דעם טלית איבערן קאָפּ. מיין ברודער איז אַוועק ערגעץ צו אַ מנין הערן שופר בלאָזן. אַזוי האָבן זיך יידן איינגעשטעלט זייער אָרעם לעבן. דעם טאַטן האָבן מיר נישט געלאָזט גיין.

איך זיץ ביי דער טיר מיטן קינד אויף די הענט, כדי אַכטונג צו געבן צי גייט נישט פּלוצים ווער איבערן הויף. פון אונטערן טלית אַפילו דערגרייען צו מיין אויער איינציקע ווערטער פון מלכיות, זכרונות, שופרות. שטיל, קוים געהויכט. פון אונטערן טלית אַפילו טראָפּן אַראָפּ אויף דער זשופּיצע טרערן. איך האָב געביסן די פינגער ביז בלוט. איך האָב נישט אויפגעשריגן. דעם קאָפּ פאַרגראָבן אינעם קינדס קי־שעלע און אַזוי מיין וויגעשריי דערשטיקט.

...צוריק אין טאַרנע, אין מיין שטוב.

...און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער פון 1939 אויף 1940. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, דאָס פיבער איז כמעט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. מיינע עלטערן האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין טאַרנע. די מאַמע האָט געוווינט מיט מיר און דער טאַטע ביי מיין יינגסטן ברודער אויף דעם רינגפּלאַץ. קיין היים האָבן מיר נישט מער געהאַט, נאָר נאַקעט לעבן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואָך — געהאָרכט צי קלאַפּט נישט ווער. אין דעם הויז וווּ איך האָב געוווינט האָט זיך אַריינגעצויגן די ס. ס. מיטן מאַיאָר בראש. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט אויף געווי וואָס דאָס איז אַזוינס ס. ס. ביינאַכט פלעגט מען הערן דאָס וואַרפן פון פלעשער און דאָס פאַלן פון צעבראָכן גלאָז, דאָס פלעגן זיי מאַכן באַנקעטן און טרינקען אויף היטלערס הייל. ביז איינמאָל אַ נאַכט: מיר זענען שוין געשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט מיט כוויטשרעק: אַן אומהיימלעכער גערויש, רעוואָלווער שאָסן און דאָס פאַלן פון הויפן צעבראָכן גלאָז, פענסטער. דורך די אָפענע פענסטער האָט מען דייטלעך געהערט: „יעצט שיסן וויר אויף די יודען לאָז!" מיר זענען אַראָפּ פון די בעטן, דאָס קינד אויף די הענט, צו דער טיר, מיטן אינסטינקט פון אַ חיה וואָס וויל אַנטלויפן. מיר האָבן איין מינוט פאַרגעסן, אַז דאָס גאַנצע הויז איז אַרומגענומען פון די ס.ס. די הויזפרוי, וועלכע האָט אויך נאָך געוווינט אין הויז האָט שטיל אָנגעקלאַפּט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. עפּעס געשעט איצט און מיר ווייסן נישט וואָס עפּעס איז די נאַכט אַן אָנזאָג. און מיט אַמאָל: 6—7 שאָסן, פאַלן פון שפּליטער גלאָז — „הייל היטלער, טאָד דען יודען" און מיר — שמע ישראל ד' אלקנו, ד' אחד!

נאָך אַ צייט איז שטילער געוואָרן, מען האָט אונדז נישט געשאָסן. פאַר וויפל דורות יידן האָבן מיר מקדש השם געווען, איך און מיין קינד?

דוד ווייסלר

חורבן הקהילה וספר יזכור

1

הספר יזכור ישאר חצי נחמה,
לקהילת דזיקוב שנחרבה במלחמה.
כותבים בספר רבים, במאורגן,
למען ספר לדורות על החורבן.

2

נרשום ונכתוב הכל, שידעו הדורות,
כי בעודם חיים נזרקו היהודים לבורות.
הגרמנים — הרוצחים הרגו, שחטו בלי רחם,
אין די מלים שנוכל להתנחם.

3

כל מה שהיה יקר לנו נחרב.
מספרי הקודש לא נשאר דף.
קשה להבין שהגיע כזה זמן,
שבית הכנסת הקדוש — הפך מחסן.

4

השריפה היתה גדולה, איומה מאד
לא עמדה לנו הזכות — אותה לכבות.
לכן מוטל עלינו החוב,
לרשום, להזכיר, לכתוב.

5

מודים אנו לאבינו שבשמים,
על הנס שנשאר חלק מאתנו בחיים.
אך נזכור ונאבל על אחינו שנשארו שמה,
ונתפלל שהשם יעשה בשונאינו נקמה.

6

נבכה תמיד על הקרובים לנו,
שלא זכו לעלות ארצה יחד אתנו,
להתפלל על-יד הכותל בירושלים.
אכן, כזו היתה גזרה מן השמים.

7

דם רב נשפך, האדמה היתה רועדת,
עד שזכינו לעלות ולראות את המולדת,
לה קוינו התפללנו אלפיים שנה.
מיליוני קרבנות עלתה לנו המתנה.

8

לבורא עולמים אנחנו כעת תפילה:
ארצנו תבנה לשם ולתהילה,
נחיה בשקט. נודה למרום,
על בניית ארצנו הקדושה — ועל השלום!

קײלה קנאָבלער

צום אָנדענק פֿון מײַן פֿאַרפּײַניקטן שטעטל דזשיקאָוו

דער בלוטיקער דײַטשער שטורעם האָט זיך פֿאַרבײַגעטראָגן איבער אײראָפּע און אויסגעמאָרדעט אַ פֿאָלק, פֿאַרניכטעט פֿעסט־אײַנגעפֿונדעוועטע ישובים, צעשטערט אַן אײגנאַרטיקע, טיפֿע ברײט־פֿאַרצווײַגטע קולטור, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון לאַנגע דורות, איבערגעלאָזט אויפֿן אָרט פֿון אַמאָל בלײַענדיקן, זאַפֿטיקן ייִדישן לעבן — אַ טרויעריקע אימהדיקע לאַנדשאַפֿט.

און אויב עס טרעפֿט אַמאָל, אַז אַ ייִד, אַ געבוירענער אין אַ וועלכן חרוב געוואָרענעם ישוב, ווערט דורך אַ צופֿאַל מגולגל אין זײַן געבורטס־אָרט, גייט ער אויף די גאַסן, ווי אויף הייסע אָנגעגליטע שטײנער. פֿון דעם „אַמאָל" איז גאָרנישט געבליבן! גרויס איז דער ווײטיק, אָבער נאָך גרעסער איז די אימה. און אַז עס בליצט פֿאַר זײַנע אויגן אויף, אַ פֿאַרבליבן, דורך אַ צופֿאַל, פֿאַריתומט ייִדיש אות — ווערט דער געפֿיל פֿון חורבן נאָך גרוילעכער, נאָך אימהדיקער.

אין די אַמאָליקע ייִדישע וואַרעמע היימען פֿון אונדזער שטעטל דזשיקאָוו, לעבן איצט אַנדערע, פֿרעמדע. די אַמאָליקע ריין ייִדישע גאַסן און געסלעך, ווו עס זענען אַרומגעלאָפֿן בלויז באַחנטע ייִדישע קינדערלעך — זענען איצט „פֿאַרפּוילישט" געוואָרן; פֿון די פֿענצטער פֿון ייִדישע הײַזער ווו עס האָבן אַמאָל אַרויסגעלויכטן שבת־קודש־ליכט, קוקן איצט אַרויס פֿרעמדע בייזע נישט־ייִדישע פּנימער. עס גייט אויך יעצט אָן אַ לעבן אין אונדזער אַמאָליק שטעטל, אָבער אונדזער ייִדיש לעבן איז פֿון דאָרט פֿאַרשוווּנדן שוין אויף אייביק — אַ פּאָר קברים, אַלס עדות פֿון אַמאָל, זענען נאָר געבליבן.

ייִדן האָבן אָבער זיך אויסגעלערנט, אויף זייער לאַנגן טראַגישן וואַנדער־וועג, במשך פֿון דורות, צו שטעלן מצבֿות פֿאַר די אומגעקומענע און פֿאַרפּײַניקטע; מצבֿות נישט פֿון קיין שטײנער, וועלכע ווערן דאָך סײַ־ווי דורך די באַרבאַרן אַרויסגעריסן און פֿאַרנוצט פֿאַר בוי־צוועקן, אָדער צום אויסברוקירן זייערע שאָסייען אָדער טראָטואַרן — נאָר פּנקסים, ספֿרים, ספֿרי־יזכּור. אויך יעצט ווערן אַרויסגעגעבן אַזעלכע אָנדענקס־ביכער פֿון פֿאַרשידענע שטעט ווו יעדער האָט די געלעגנהייט צו דערציילן פֿון דעם אַמאָל: פֿון דעם לעבן און פֿונעם חורבן, פֿון די נאַצי־טראַגעדיע און פֿון גלות־רוסלאַנד, פֿון די געטאָס און טויט־לאַגערן און פֿונעם הונגער און ליידן אין די רוסישע „טײַגעס", פֿון אומבאַגרעצטער פּײַן און אומגעהויערע אכזריות פֿון שונאי ישׂראלים און וועגן הייליקע פֿונקען פֿון מענטשלעכער גוטסקייט, וועלכע זענען געווען זייער זעלטן, אָבער האָבן געשײַנט העל אין בולט און דעם אַלגעמײנעם חשכות.

אויך מיר, איבערגעבליבענע דזשיקאָווער ייִדן האָבן אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן, מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, אַזאַ יזכּור־בוך אין וועלכן עס זאָל קומען צום אויסדרוק דער אויפֿקום, דאָס לעבן און דאָס אומקומען פֿון אונדזער נישט־גרויסן ישוב.

לכאורה דערציילן דאָך די אַלע יזכּור־ביכער וועגן דעם לעבן וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פֿון דער זעלבער תּקופֿה אונטערן זעלבן הימל, בײַ אַן ענלעכן פֿיזישן, מאַטעריאַלישן און פּאָליטישן קלימאַט — דאָך האָט זיך אונטערשיידט איין ישוב פֿון אַנדערן. יעדער האָט זיך געהאַט זײַן ספּעציפֿישקייט און זײַן באַזונדערן חן.

וויל איך זיך אויך באַטייליקן און בײַשטײַערן אַ פּאָר ווערטער אין אונדזער ספֿר־יזכּור וועגן אונדזער נישט־גרויסער קהלה, וועלכע האָט געציילט ס"ה קוים עטלעכע טויזנט נפֿשות.

**
*

אונדזער שטעטל טאַרנאָבזשעג־דזשיקאָוו האָט באמת געהאַט אַ באַזונדערן חן. אַ שמעקנדיקער ריח פֿון פֿעלדער און וועלדער האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל פֿון דרײַ זײַטן און פֿון דער פֿערטער זײַט האָבן מיר געהאַט דעם גרויסן טײַך — די ווײַסל. באַזונדערס אָנגענעם איז געווען אין פֿרילינג־צײַט פֿונעם באַצויבערנדיקן געשמאַק פֿון די בעזבײמער אין די גערטנער פֿון קריסטלעכע אײַנוווינער אַרום דעם גאַנצן שטעטל. אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפֿט האָט געהאַט די הויפּט־שפּאַציר גאָס, די אַזוי גערופֿענע „רבס גאָס". דאָרט האָט שפּאַצירט יונג און אַלט, געשטראָמט צום גרויסן וואַלד, ספּעציעל אין די זומער־חדשים, צו געניסן פֿון די ריינע, שמעקנדע פֿרישע לופֿט.

אַ באַשיידן ייִדיש שטעל איז געווען דזשיקאָוו. עס איז נישט געווען געבענטשט מיט גאָר גרויסע טאַלאַנטן; עס האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין באַרימטע שרײַבער און שריפֿטשטעלער, נישט געווען קיין עסקנים מיט אַ וועלט־נאָמען. אויך האָט עס נישט פֿאַרמאָגט קיין מיליאָנערן און נישט געהאַט קיין גרויסע פֿאַבריקן און אונטערנעמונגען. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט די פּוילישע רעגירונג אַנטוויקלט אין דער געגנט דעם גרויסן פֿאַבריקס־צענטער א"נ „צ. א. פּ." (אויף פּויליש: CENTRALNY OKRĘG PRZEMYSŁOWY) האָט אויך די אומגעבונג פֿון דזשיקאָוו זוכה געווען צו אַ גרויסע אַמוניציע פֿאַבריק, קען זײַן טאַקע דערפֿאַר האָט דאָס שטעטל געליטן אין דער מלחמה פֿון די דײַטשע באָמבאַרדירונגען, מערער פֿון די אַרומיקע שטעטלעך.

מיט איין זאַך איז דזשיקאָוו געווען באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט: מיט אירע גרויסע רבנים און רביים.

פֿאַר מײַנע אויגן זע איך דאָס שטעטל פֿון פֿאַר דעם חורבן, פֿון פֿאַר די מלחמה און נאָך אַביסל פֿריער. איך זע: די שיינע שול מיטן גרויסן בית־המדרש, די שטיבלעך מיט די פֿרומע ג־ט־פֿאָרכטיקע ייִדן, וואָס שטייען אויף צו עבֿודת

הבורא: גייען אין בית־המדרש לערנען און דאַווענען ווען עס איז נאָך פינצטער, איידער דער „האָן האָט נאָך אַ קריי געטאָן״, מיט די לאַמטערנס אין האַנט... ווייטער זע איך: די וועלטלעכע יוגנט מיט זייערע פאַרטייען, מיט זייערע אידעאַלן און שטרייטן, מיט זייער טיפן גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, אין אַ בעסערער וועלט... פאַר די אויגן גייען אויך פאַרביי די אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געווען שטאַרקע יסודות אויף וועלכן דאָס יידישע לעבן האָט זיך באַזירט אין יעדער שטאָט און שטעטל.

דאָס ערשטע איז געווען די קעגנזייטיקע הילף, די זאָרג פאַרן אָרעמען און ליידנדיקן. אין דזשיקאָוו, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין מדינת פוילן, זענען געווען פאַרשידענע שיכטן און מענטשן: אָרעמע און רייכע, גוטע און שלעכטע, דאָך האָט די מערהייט שטעטלשע יידן געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז מען לעבט נישט נאָר פאַר זיך, אַז לעבן הייסט: „וחי אחיך עמך״ און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען. אויפן טראַדיציאָנעלן געביט פון די הילפס־חברות: גמילת־חסדים, הכנסת כלה, ביקור חולים, מלון אורחים א. אַז. וו. אין דער וועלטלעכער פאָרם: דורך פאַרשידענע הילפס־אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף. אויך אויפן גייסטיקן געביט, ווי: שאַפן דורך דער יוגנט, מיט אָרעמע מיטלען, אַ שיינע, גרויסע ביבליאָטעק, דראַמאַטישע קרייזן, אַ לעזע־זאַל, נישט־רעדנדיק פון די מערערע הכשרה־פונקטן, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל צוצוגרייטן די יוגנט, פיזיש און גייסטיק, צו דער עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט גרויס התלהבות און אידעאַליזם.

און דאַן — דאַן זע איך דעם חורבן, די פאַרניכטונג, ווי דאָס אַלץ איז פאַרשוווּנדן. אכזריותדיק איז עס צעשטערט געוואָרן דורך מענטשלעכע רוצחישע הענט. האָט מען זיך דאָס געקענט גלויבן, האָט מען זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז מענטשן זאָלן פעאיק זיין אויף אַזעלכע געמיינהייטן, אויף אַזעלכע אכזריותן? ליידער איז דאָס איצט די ווירקלעכקייט: פון דעם אַלעם וואָס איז געווען, איז מער גאָרנישט פאַרבליבן, נאָר מיר, די „שארית הפליטה״, דאַרפן דאָס פאַרשרייבן און איבערגעבן פאַר די צוקונפטיקע דורות.

אין אונדזער יזכור־בוך ווערט דאָס אַלץ געשילדערט און טאַקע דורך אייגענע באַקאַנטע און חברים, וועלכע זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, מענטשן וואָס זענען פאַרנומען מיט זייער טאָג־טעגלעכע דאגות פרנסה. מ׳וועט זיך אוודאי וווּנדערן: פוואַנען האָט זיך גענומען צו די פשוטע מענטשן אַזאַ שרייבערישער טאַלאַנט? איז דער תירוץ: דאָס געהער אויך צו דעם רעזערוואַר פון די האַלטענע פעאיקייטן, וואָס עס האָט פאַרמאָגט אין זיך דאָס לעבעדיקע, זאַפטיקע פוילישע יידנטום, צווישן זיי אויך אונדזער שטעטל. איז, אַז מען נעמט די פעדער אין האַנט, דערוועקן זיך געדאַנקען און עס שרייבט זיך... פאַרשטייט זיך אָבער, אַז די הויפּט־ראָלע האָט ביי דעם דער רעדאַקטאָר וועלכער האָט דאָס מאַטעריאַל באַאַרבעט, רעדאַגירט און עס געמאַכט דרוק־פעאיק, פאַר וועלכן עס קומט אים טאַקע אַ דאַנק.

דאָס יזכור־בוך איז דעריבער פאַר אונדז, דזשיקאָווער יידן אַ גרויסע דערגרייכונג און עס האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז דאָס בוך וועט ווערן געלייענט מיט גרויס אינטערעס, נישט נאָר דורך אַלע איבערגעבליבענע דזשיקאָווער יידן, נאָר עס וועלן אין אים געפונען אַן אינטערעס אויך די יידן פון דער טאַרנאָבזשעגער סביבה און אויך יעדער וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר דעם אַמאָליקן רייכן, פילפאַרביקן לעבן פון דעם שיינעם פוילישן יידנטום, וועלכעס ווערט פאַראייביקט אין די ספרי יזכור און דינט גלייכצייטיק פאַר אַ מצבה פאַר די אומגעקומענע קדושים.

לייענט דאָס דזשיקאָווער ספר־יזכור און געדענקט זייער אָנדענק!

**
*

צום סוף זאָל מיר נאָך דערלויבט זיין צו דערמאַנען מיין אומפאַרגעסלעכן טייערן מאַן צבי (העשו) קנאַבלער ז״ל, דער זון פון אהרן (אַריש) קנאַבלער ז״ל. ליידער צו מיין גרויסן צער און ווייטיק האָט ער נישט זוכה געווען צו זען דאָס יזכור־בוך פאַרטיק געדרוקט, צו וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט. (מיר האָבן בשותפות אָנגעשריבן די מעשה פון זיידן ר׳ משה ווי ער איז געוואָרן דער מחותן פון סאנדזער רבין).

פון די פיל שווערע פיזישע און גייסטיקע ליידן אין די גרויזאַמע מלחמה־יאָרן, איז זיין האַרץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אין י״א כסלו תשכ״ז האָט עס אויפגעהערט צו קלאַפן, ער איז רואיק איינגעשלאָפן און מער נישט אויפגעשטאַנען, אין עלטער פון איין און זעכציק יאָר.

אָן צווייפל, אַז אויך זיין פריצייטיקער טויט איז פאַראורזאַכט געוואָרן — דירעקט אָדער אומדירעקט — דורך די היטלעריסטישע מערדער. דאָס איז נאָך אַ קרבן, וועלכער קען צוגערעכנט ווערן צו די מיליאָנען קרבנות. זאָל דעריבער זיין אָנדענק אויך דערמאַנט ווערן צווישן אַלע דזשיקאָווער קרבנות.

יהא זכרו ברוך!

בינה בינדר (נוסבוים)

עיירה קטנה ומלאת חן

איך נהרסו חיים תוססים של קהילה יהודית יקרה וחמה — לעיני כל העולם ? !

יהודים תמימים וישרים שמשכו בעול ונענו לכל הדרישות של האומה והחברה.

חסידים, מתנגדים, שכבות עממיות ומעמדות שונים, מפלגות והסתדרויות־נוער, עתיקי־מסורת ושוחרי־קידמה —

איך ,עיירתי, נותק פתיל חייך ? — — — — —

אתם הקדושים והטהורים עומדים תמיד נגד עיני. אני רואה אותכם בדמות של כל ימי השבוע: משכימים לתפילה לבתי כנסת, עומדים בבתי מסחר, בחנויות, ומחכים לקונה (שלא בא), מסתובבים בשוק, רצים ברחובות, ממלאים את כל פינות העיר, מלאי חיים וגדושי תוכניות.

רואה אני אותכם בשבתות ובחגים: הפנים מאירות, מלאות הוד, קדושה, ואצילות; בלבוש המסורתי: קפוטות המשי המבריקות והשריימלעך הרחבים, וגם בחליפות נקיות.

אני רואה אותכם בדאגות קיומכם ובשמחותיכם, בעשיית מצוות ומעשים טובים, ובעיסוקיכם בעניני חולין.

ולבסוף רואה אני אותכם גם בדרככם האחרונה: בצעדכם לאבדון, כשחיות הטרף מובילות אתכם בגסות ובאכזריות למשרפות ולתנורי הגז...

הקדושים והטהורים!

אין מלים לבטא את הצער, ואין ניחומים לאסוננו הגדול.

זכרונכם יזכר לעד!

צבי גרפונקל

קהילת גרמבוב וחורבנה

בין טרנובז׳ג ורוזבדוב, על יד קו הרכבת המוליכה ללובלין, שוכן הכפר הגדול גרמבוב. אוכלוסייתו הגדולה, כ־6000 נפש, השוותה לו אופי של כפר־עיירה, אשר פרנסתה העיקרית על החקלאות. יהודים גרו בכפר זה, דורות רבים. בימי שלטון האוסטרים, רב היה מספרם וניהלו חיי קהילה יהודית תוססת. חידוש השלטון הפולני, הנגישות הכלכליות והתעוררות האנטישמיות, כל אלה גרמו שרבים מיהודי גרמבוב עזבו את המקום, ונשארו רק 50—60 משפחות. אלה התפרנסו בעיקר מן המסחר בתוצרת חקלאית, ובסיפוק צורכי האיכרים, כגון לבוש, דברי מזון ועוד.

קהילה מאורגנת, בעלת שרותים דתיים עצמאיים, לא היתה בגרמבוב בין שתי מלחמות העולם. בכך היתה תלויה בשתי הקהילות: רוזבדוב ודזיקוב. ר׳ שמעון שוחט מרוזבדוב היה מגיע לגרמבוב פעם, פעמיים בשבוע. לדין תורה, בעת שמחה או בעת צרה, היו פונים אל אחת משתי הקהילות, כרצון איש ואיש. לעומת זאת קשרי המסחר הביאו את יהודי המקום יותר לטרנובז׳ג, שאליה גם השתייכה גרמבוב, מבחינה אדמיניסטרטיבית; למחוז טרנובז׳ג (פאוויאט). בכפר עמדו: בית מדרש — מעץ, מקווה טהרה ובית מרחץ־זיעה. ילדי יהודים למדו בחדר המסורתי. צעירים, אחרי גיל בר־מצווה, שרצו להתקדם בגמרא עם תוספות, היו שוהים בעיירות הנ״ל, על פי רוב בטרנובז׳ג.

חורבנה של הקהילה היהודית בגרמבוב, מקביל לחורבנו של כל האיזור היהודי הזה. ערב ראש השנה ת״ש, חדרו לכפר חיילי היטלר יש״ו. בחול המועד סוכות פורסם צו הגירוש. התחיל המסע הראשון ברגל לרוזבדוב, ומשם, צליחת הנהר סן אל האיזור המזרחי, שמיועד היה לשלטון רוסי. בצרורותיהם על כתפיהם הגיעו עד לנהר, אך פה החלה ההתעללות האיומה של החיילים הגרמניים, ושל משטי הסירות הפולניים. עקב הדוחק והדחיפה נפלו החבילות למים, ריקים כמעט מכל, ורטובים, הגיעו יהודי גרמבוב לעבר החוף המיוחל: אל העיירה רדומישל, או לאולנוב. ניצלו אמנם מפחד הגרמנים אך נפלו בפח; האיזור שמעבר לנהר היה ללא כל שלטון, הגרמנים לא נכנסו בו, והרוסים נסוגו אחרי ששהו בו שבוע ימים. הפולנים, אשר זה עתה נחלו תבוסה מחפירה במלחמה, ונשללה מהם העצמאות הפוליטית, מצאו את נחמתם בשוד ובהתעללות בשכניהם היהודים. באיזור שרצו כנופיות שודדים מזויינים. בעת חנייה בכפר יוזקוביץ, נשדדה שארית הפליטה מרכושה, על־ידי השודדים הפולנים.

אחרי כשבוע־שבועיים, חדר הצבא הגרמני גם לאיזור שבין הנהרות סן־בוג, ופליטי גרמבוב נעמדו לפני הברירה: להמשיך לנדוד לכיוון העיר לבוב, שבה שלטו הרוסים, או להסתדר בסביבה תחת שלטון הכובשים. חלק מהאנשים בחר באפשרות השניה, מתוך תקוה שגזרת הגרוש תבוטל, ויורשו לחזור לבתיהם.

בינואר 1940 חזרתי בסתר לכפר מולדתי. בדירתנו מצאתי כבר פולנים מאיזור פוזנן, אשר הועברו הנה ע״י השלטונות הגרמנים. אלה ירשו את הבתים ואת הרכוש של כל היהודים.

נדחקתי עם משפחתי למחסן קטן שע״י דירתנו הקודמת, והשתדלנו איכשהו להתקיים. בינתים חזרו עוד כמה משפחות יהודיות והסתדרו בדומה לנו. לא עברו ימים רבים, והפוזננ־צ׳יקים הלשינו עלינו בפני השלטונות, וביום חורפי אחד העלונו על עגלות והעבירונו תחת משמר משטרת ה„פולקס־דויטשן" אל העיר סנדומיר. שם פעל כבר „יודנראט" מאורגן (שלטון יהודי פנימי), ואלה צריכים היו לדאוג לסידורנו במקום. פה קרה דבר מוזר: בראש ה„יודנראט" בדמביץ, בה שכנה מפקדה מחוזית של הצבא הגרמני, עמד אז איש פעלתני, שהצליח ליצור קשרי מסחר והיכרות עם אנשי המיפקדה, והיתה לו השפעה מסויימת על המפקד. יתכן שגם הירבה בשלמונים. אליו פנו כנראה אנשי סנדומיר, והלה הצליח להבהיר שמותר לנו לחזור לאיזור הגירוש לשעבר. יש להניח שגם הוראה רשמית הגיעה למשטרה, ואנו הוחזרנו לגרמבוב.

מצבנו הורע כעת עוד יותר. גם ה„דירות" שבמחסנים, בהן גרנו באחרונה לפני העברתנו לסנדומיר, נתפסו בינתיים ע״י הגויים, והתקשינו למצוא מחסה. באותה עת פורסמה הוראה, שאסרה עלינו לעזוב את המקום, ללא קבלת רשות מאת השלטונות הגרמניים. אף לא לטרנובז׳ג הקרובה. רשיו־נות כאלו ניתנו בצימצום רב. וגם זה רק במקרים מיוחדים. הצעירים שבינינו חוייבו בעבודת כפיה, תחת השגחת גרמנים אזרחים. כרתנו עצים ביערות הסמוכים, והובלנום לתחנת הרכבת.

כיצד התייחסו אלינו תושבי גרמבוב השכנים הפולניים שלנו ?

התאכזבנו מאוד משכבת האינטליגנציה, ומהמורים בעיקר. אלה נהנו מאוד מהגירוש של עמיתיהם היהודים. גילו את האנטישמיות שבהם, ולא הפריע להם, שבכך הם מזדהים עם הכובש הגרמני, עם אלה שהרסו את מדינתם. השנאה ליהודי עדיפה, גם כאשר הוא גר בשכנותם, ומוכר מילדותם, גם כאשר הוא סובל ונרדף על ידי אוייב משותף. חיוכם הזדוני, ליווה את המגורשים. זה כאב לנו מאוד. הרי בהם תלינו את תקוותינו, אצל אחדים מהם הופקד רכושנו, מתוך אימון. ואולי תקוות גזלת הרש — היא שגרמה לשמחתם...

לא כן האיכר הפשוט, אלה היו יותר אנושיים. מהם שעזרו לנו והביאו מזון בסתר. עמדו לנו בעת צרה אותם האיכרים שהיו ידידי הורינו, הם לא איכזבו. ראש המועצה (Wójt) בשם קוז׳ל, עזר לי ולאחי אברהם הי״ד. כאשר הגיעו שמועות רעות, ביקש מהשלטונות הצבאיים שיאשרו לו 2 עוזרים במשקו, אותי ואת אחי, כדי שהוא יוכל להתמסר לעסקי הציבור — ונענה. הוא, ועוד יותר אשתו, התייחסו אלינו יפה, וסעדונו במזון.

בשנת 1941 הוקמו הגיטאות באיזור זה. את 10—15 משפחות היהודים שבמקום, העבירו לגיטו ברנוב, ורק אותנו כ־15 צעירים, המסוגלים לעבוד קשה, השאירו במקום. נשארנו ב„דירתנו", והמשכנו לעבוד ביער. למרות הפירוד המכאיב מההורים, היה גם יתרון מסויים בדבר: בהיותנו בכפר, בין אוכלוסיה חקלאית, קל היה לנו לרכוש מצרכי מזון, והצלחנו ע״י גויים במחתרת, להעבירם להורינו שבגיטו. רשות לבקר אצלם לא ניתנה לנו, עד לגרוש הסופי. עבור עבודת הכפייה לא קיבלנו כל תשלום, ולא מזון, הכל רכשנו בחליפין, עבור סחורות ורכוש שנשאר לפליטה מהימים שלפני המלחמה.

ביום שבת, 17.6.1942, החל הגרוש והחיסול האיום. בלווי המשטרה המקומית הועברנו לטרנובז׳ג. למחרת, ביום א׳ בבוקר, ניתנה פקודת הגירוש גם לכל יהודי העיר טרנובז׳ג, ונצטווינו להתרכז בשוק הגדול. הובלנו ברגל לברנוב, בלווי אנשי הגסטפו והמשטרה הפולנית. עברנו 14 ק״מ, תוך הליכה וריצה לסרוגין, אנשי הגיסטפו היכונו במגלבים, התאכזרו בקללות, גדופים ומכות. אף לנו, שבעי צרות והשפלות, קשתה מאוד דרך זו, ונשברנו בנפשנו. בגיטו ברנוב הצפוף, הצטרכנו להסתדר בכוחות עצמנו, והצפיפות היתה איומה. הצטרפנו שם להורינו.

ביום שני בבוקר הוקף הגיטו, ונצטוונו גם הפעם לצאת לשוק, יחד עם יהודי המקום. מותר היה לקחת מרכושנו עד 25 ק״ג. שעות מרובות עמדנו שם, תוך ציפיית אימים. רק אחר הצהריים סידרונו בשורות של 10 איש, על מנת ללכת רגלי לרכבת המרוחקת 4 ק״מ מהעיירה. לפני זה הוציאו מבינינו את הזקנים, והובילום לבית הקברות להורג. אבי ז״ל היה ביניהם. אך פה עמדה לו התערבותו של ה„בורמישטש" (ראש העיר), אשר הכירו היטב, והלה הצליח לשדל את הגר־מנים להחזירו לשורותנו. זכור לי שר׳ בעריש לויפר מטרנובז׳ג היה בין המוצאים לבית הקברות, אך הוא הצליח להתחבא מאחורי אחת המצבות, עד עבור הטרנספורט שלנו, ואז קפץ בזריזות והצליח להצטרף אלינו, בלי שירגישו בכך המלווים.

הרג הזקנים הפיל פחד ואימה עלינו. עתה הריצו את הציבור הנדהם והכושל, תוך מכות ויריות באויר, אל תחנת הרכבת בכפר סקופנה הסמוכה לעיירה. בדרך עוד ירו לתוך ההולכים־הרצים, וכמה יהודים נהרגו על הכביש. הצטיין לשמצה איש גסטפו אחד, שהיה יורה כל הדרך מאקדחו. לעת ערב העמיסו אותנו על רכבת שהובילה אנשים מרוזבדוב, וזזנו לכיוון בלתי ידוע. לא היתה כל אפשרות לברוח.

הורידונו בתחנת דמביץ, ופה התחיל מחזה אימים נורא מקודמיו. באמצע השדה, ע״י התחנה, עמדו אנשי ס.ס. וגסטפו ולרשותם „יונאקים" במדים (אירגון נוער פולני). הכריחונו להסתדר בשורות של עשרה, עשרה ולהקיף את השטח. בתוך הזוועה הזאת, היו מוציאים מבינינו את הזקנים. המצב היה נורא. זרקו אותם באכזריות רבה על משאיות, ממש אחד על גבי השני, כאילו שקים מרופטים היו. ה„יונא־קים" פעלו מתוך התלהבות... לא בכל יום מזדמנת פעולה כזו... שמתי לב שעל כל מכונית עמדה חבית סיד, ואפשר היה לנחש מה מטרתה... המכוניות נסעו עמוסות וחזרו ריקות, כדי לקבל מטען אנושי חדש. מרחוק שמענו יריות. האנשים המרוכזים בשדה איבדו את חושיהם, קשה היה להגיב. שלושה ימים של טילטולים, פחד מתמיד ואימת המוות, הביאונו לאפיסת הכוחות. היו בינינו רבים שציפו כבר למוות הגואל. הקץ ליסורים...

זכורה לי היטב ההתאכזרות על ליזר שוחט מרוזבדוב. היכוהו מכות קשות ללא הבחנה, ואת גופתו החצי מתה זרקו על המכונית, כזרוק חבילת סמרטוטים בלים.

כך נרצחו בדמביץ כמעט כל אנשי גרמבוב הקשישים,

ביניהם אבי אליעזר גרפונקל, וולוויש פורטגנג ואשתו מניה, אליעזר הויזר ואשתו, אליעזר פומרנץ, וולוויש לויפר ואשתו, ואולי עוד. **ה' ינקום דמם!**

שעות הצהריים. גם הצעירים שבין הקהל האומלל היו כבר שבורים לגמרי, מבחינה גופנית ונפשית. זה יממה שלא בא אוכל לפינו. תשושים היינו, ללא רצון וללא כל אפשרות לחשוב או להגיב. יאוש מוחלט. ביצענו כל פקודה, כל צו, רק לא מכות נוספות, רק להתקיים איכשהו. כעת נצטווינו להושיט ידיים; לשם מה? הושטנו. הרוצחים עברו בין השורות ובחרו בגברים שנראים ראויים לעבודה, או אנשי עבודה. הייתי בין אלה. נותקתי ממשפחתי, והפעם לנצח.

קבוצתנו מנתה 100 איש, והעמיסונו על מכוניות. לאן הפעם? היו בינינו אנשי טרנובז'ג, אשר הכירו בין העומדים בסביבתנו את האחראי לעבודות סלילה בסביבת טרנובז'ג, גרמני. חשבו אולי יחזירונו לטרנובז'ג?

קבוצה שניה של כ־100 איש פנתה לכיוון אחר, אח"כ נודע לנו שהגיעו לריישא.

אכן, לעת ערב הגענו לטרנובז'ג. היינו המומים... מאחורינו, בשדה הקרוב לתחנת דמביץ, נשארו מאות רבות של יהודי גרמבוב, טרנובז'ג, ברנוב, רוזבדוב, דמביץ ועוד, שרידי קהילות ישראל מהאיזור שבין הויסלה והסן. אנשים, נשים וטף, שברי אנוש, שנדונו לכליה על עוונם היחיד — שנולדו יהודים.

היה זה בליל ט' באב תש"ב — 1942.

נרשם ע"י שמואל שלר

שמואל שלר

היהודים בכפר סטלוב

העיירה — „דאס שטעטל" — היתה הצורה המרכזית והעיקרית של ההתיישבות היהודית במדינת פולין. בהן בעיקר נרקמו החיים היהודיים המקוריים, כי בהן חיו המוני בית ישראל. לעומת זאת בכפרים התרכזה האוכלוסיה הפולנית. אך גם כמעט בכל כפר וכפר ישבו משפחות יהודיות בודדות, אשר ניסו למצוא את פרנסתם במסחר, בתוצרת החקלאית או בסיפוק שרותי מסחר לבני הכפר הקטן. קיומם הדתי והתרבותי היה צמוד לישוב היהודי שבעיירה הסמוכה.

כן גם מסביב לטרנובז'ג שכנו משפחות יהודיות מפוזרות בכפרים בין אוכלוסיית האיכרים. בודדים, מפוזרים, נאבקו על קיומם הכלכלי והיהודי.

הכפר סטלוב שכן כ־5 ק"מ מטרנובז'ג. הוביל אליו הכביש שתחילתו בשוק ע"י אנדרטת „ברטק", דרך בית הקברות החדש, תחנת הרכבת והכפר מוקזשישוב. גרו שם 4 משפחות יהודיות: שמואל קירשנבוים, יצחק קירשנבוים, ליב פרלמוטר, שמואל גרינבוים. אלה התפרנסו ממסחר בעצי יער ובתוצרת חקלאית.

מספר הגברים לא הגיע למנין; רק בשבתות ובחגים התווספו אחדים ממוקזשישוב ומזי'פובה (הכפרים השכנים, 2 משפחות בכל אחד מהם) והתפללו בציבור בביתו של קירשנבוים. שם נמצא ספר־התורה והבן פייבל היה הבעל־קורא.

מובן ש„חדר" לא היה במקום והילדים הקטנים שרכו את דרכם ברגל מרחק של מספר קילומטרים, לפעמים בגשם, בכפור ובשלג. יצא לו ילד בן 7—10 מביתו ב־7 בבוקר וחזר בחורף בחשכה, כי תחבורה צבורית לא היתה בימים ההם. היהודי הכפרי עשה כל מאמץ שילדו ישאר יהודי דתי ולא יגדל חס וחלילה בור ועם הארץ.

בכל שרותי הדת כגון: שחיטה, חתונות, קבורה וכד' נסמכו יהודי סטלוב על שרותי קהילת דזיקוב.

למרות שמועט היה מספר היהודים בסטלוב, רבתה בה האנטישמיות. המלה „ז'יד", „פרשיבי ז'יד" ((יהודון, יהודי מצורע) הוטחו בכל הזדמנות. הוחמר המצב בתקופה האחרונה כאשר ההיטלריסטים הגיעו לשלטון בגרמניה. רבים מבין הכפריים אמנם לא ביטאו את שנאתם בגלוי, אך זו הורגשה היטב ביחס הבוז מצדם וממבטי עיניהם הדוקרות.

השואה לא פסחה על ישוב זעיר זה. רק אחד מיהודי סטלוב — חיים קירשנבוים — נותר בחיים. הגרמנים נכנסו לכפר בו ביום שהגיעו לטרנובז'ג. אמנם חיל מצב לא היה במקום, אך הפחד היה רב, מיעטו לצאת מבתיהם, הוגבלו דרכי המסחר. בימים אלה שיפרו אמנם הפולנים את יחסם — כי הרגישו במקצת את שותפות הגורל. ביום גרוש יהודי טרנובז'ג, עברו המוניה דרך סטלוב ומשפחותיה המעטות אירחו וקיבלו את המגורשים בבתיהם ככל שניתן. בדירותיהם הצרות ישבו צפופים ודחוקים במשך ליל אימים הראשון. כאשר השבר והפחד מפני העתיד מילא את לב הפליטים האומללים, אמנם יהודי סטלוב ביחסם הלבבי ובעזרת אחים זו זכו לרגשי תודה. הגרוש לא חל על הכפר.

בינואר 1940 העלילו על חיים קירשנבוים כי ירה על הצבא הגרמני. כתגובה בזזו את הבית, היכו את האב והבן מכות רצח עד שהתנפחו והושחתו פניהם. אחרי מקרה זה ברחו 4 המשפחות מהכפר, מהם לסביבות קולבושוב ומהם לברנוב.

השריד האחרון חיים קירשנבוים, מספר, כי משפחתו התיישבה בברנוב ובחיפושו אחרי מזון, מצא עבודה בחקלאות באחוזת הרוזן טרנובסקי. הרוזנים התיחסו אליו יפה, סיפקו לו

מצרכים ועזרו ליהודים ככל שניתן. ראש משפחתם ארטור טרנובסקי, נפל בשבי כקצין פולני, ואשתו ניהלה את האחוזה תחת השגחת הגרמנים. הוא מציינם לטובה.

כל אותה עת התגורר חיים בין שרידי הקהילה ברטנובז'ג בביתו של יהושע צימרמן. במרץ 1942 נתפס כאשר טחן תבואה למצות פסח ונשלח למחנה העבודה בישדקה. שם הועבד בכריתת עצים ביערות ושם הגיעה אליו השמועה האיומה על חיסול שרידי היהודים מכל האיזור.

אחר כך עבר את כל שבעת מדורי הגהינום הנאצי עד ששוחרר בשנת 1945.

שפרה מאַנטל (נוסבוים)

דאס לעבן און די ליקווידאציע פון געטא קאלאמיי

(פון מיינע איבערלעבענישן אין דער חורבן־צייט)

די רעגיסטראַציע אַקציע


די גרויזאַמסטע פּאַר מיר ליידן און צרות האָבן זיך אָנגעהויבן, זייענדיק אין געטאָ קאָלאָמיי מיט נאָך עטלעכע טאַרנאָבזשעגער משפּחות.

אין אַ געוויסן טאָג, האָט זיך אין די גאַסן פון געטאָ באַוויזן אַ מעלדונג פון דער יידישע קהלה, אָדער פון דעם „יודנראַט", אַז אַלע יידן דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אין אַ געוויסן טאָג אין אַ באַשטימטער שעה אויף דעם גרויסן פּלאַץ, כדי צו זיגלען זייערע אַרבעטס־קאַרטן. די באַדייטונג פון זיגלען די אַרבעטס־קאַרטע איז געווען זייער חשוב און וויכטיק:

1. מ'וועט אויף אַזאַ קאַרט באַקומען ברויט־קאַרטן;

2. מ'וועט קענען אַרויסגיין צו דער אַרבעט אויסער דעם געטאָ, וואָס דאָס האָט באַדייט איז זיך שווער פאַרצו־שטעלן, דאָס איז געווען ממש אַ רעטונג, ווייל אַרויסגייענדיק אויף דער „אַרישער זייט", האָט מען קודם באַקומען עסן ביי דער אַרבעט און אויסער דעם, איז געווען אַ מעגלעכקייט צו קויפן עפּעס שפּייז.

3. דער זיגל קען אויך פאַרהיטן בעת אַן „אַקציע", ווייל דאָס איז דאָך אַ באַווייז, אַז דער מענטש איז נאָך אַרבעטס־פעאיק, מ'קאָן נאָך אויסנוצן זיינע כוחות און ער איז נאָך דערווייל נישט קיין קאַנדידאַט אויף „ליקווידאַציע".


Der Jude (Żyd)
Name: / Nazwisko: Gurfinkel
Vorname: / Imię: Moszek
Geburtstag, Monat, Jahr: / Data urodzenia: 5 X. 1908
Wohnhaft in: / Zamieszkały: Yrena
Kreis: / Powiat: Garwolin
ist zur Zwangsarbeit / do robót przymusowych
erfasst am: / przeznaczony dnia:
Amtl. Kontrollvermerke: / Urzędowe uwagi kontrolne:
G. 5390

כרטיס של עובד־כפיה בשם משה גרפונקל

פון דער צווייטער זייט איז די סכנה געווען גרויס, ווייל יעדע פאַרזאַמלונג איז געווען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע קרבנות, בפרט האָבן זיך געשראָקן די, וועלכע האָבן קיין אַרבעטס־קאַרטן נישט געהאַט.

שוין עטלעכע טעג פאַרן באַשטימטן טערמין, האָט זיך אין געטאָ אַנטוויקלט אַ גרויסער „האַנדל" פון אַרבעטס־קאַרטן, די פּרייזן זענען געשטיגן אומנאַרמאַל, יעדער האָט געוואָלט באַזיצן אַן אַרבעטס־קאַרטע. די אַרבעט איז באַשטאַנען פון: זאַמלען שמאַטעס, הייל־קרייטעכצער, פלעשער. די „אַרבעטער" האָבן, אויסער דעם „מגן דוד" אויפן אָרעם, וועלכער איז געווען דער „שאַנדע צייכן" פון געטאָ־ייד, אויך אַן אות „R" פון בלעך אויף דער ברוסט געטראָגן. צו דער אַרבעט האָבן זיי, ווי דערמאָנט, געקענט אַרויסגיין אויסער דעם געטאָ, און זענען וויניקער קאָנטראָלירט גע־וואָרן ווי אַנדערע אַרבעטער.

די נאַכט פאַר דעם גרויסן „יום הדין" האָבן די מענטשן פאַרבראַכט וואַכנדיק, נישט זיכער זייענדיק אויב דאָס איז נישט די לעצטע נאַכט זייערע און אויב זיי וועלן נאָך זייער משפּחה זוכה זיין צו זען, איז נאָך אַ פּאָר שעה פאַרברענגען צוזאַמען. סיי ווי איז פּאַר יעדערן קלאָר געווען, דאָס מיר אַלע זענען שוין טויט־פאַרמשפּטע. עס קען שוין גאָרנישט פועלן, דער ביטערער גזר־דין איז שוין געחתמעט און קיין תפילה, קיין תשובה קען שוין אויך נישט העלפן. דאָס באַצאָלט אונדז די „קולטורעלע" וועלט פאַר אונדזערע מעשים טובים. פאַר אונדזער שענקען איר דעם „לא תרצח", דעם „ואהבת לרעך כמוך"...

ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט, האָט געגראָבן בונקערס, פאַר די פון די משפּחה־מיטגלידער וועלכע האָבן, צוליב פאַרשידענע טעמים, נישט געקענט זיך שטעלן צו דער רעגיסטראַציע.

ביים גרויענדיקן פרימאָרגן האָט זיך שוין אָנגעהויבן די באַוועגונג: די טאַטעס האָבן זייערע קינדער אין די בונקערס געבראַכט. דאָס וויינען און שלוכצן פון די אַוועק־גייענדיקע, דאָס צעשיידן זיך פון די משפּחה איז געווען האַרצרייסנד. פיל קליינע, נאָך אומפאַרשטענדלעכע עופה־לעך, פאַר וועלכע מ'האָט זיך געשראָקן, אַז דורך זייער וויינען, קענען זיי דעם בונקער פאַרראַטן, זענען געוואָרן אָפּגעשלאָסן אין די שטיבער, אויף הפקר... זיי זענען טאָקע נעבעך געווען די ערשטע קרבנות. נישט איין מערדער האָט אַזאַ אומשולדיק יונג נפשל, אין מיטן געלעכטער, ווען ער

האָט זיך מיט זיין קינדער־מלאך געשפּילט — גלייך אין מיילכל די קויל אַריינגעשאָסן.

אַ טייל בונקער זענען קינסטלעך געווען אויפגעבויט, אַ טייל מער פרימיטיוו, דער עיקר איז דאָך געווען דעם מערדערס אויג צו פאַרבלענדן. מיין בונקער איז געווען אין אַ האַלץ־קאַמער, אַ האַלבן מעטער ברייט, מיט ברעטער אָפּגעטיילט. עס האָט געמאַכט אַ רושם, אַז די קאַמער איז נישט גרעסער. דאָס לעצטע ברעט האָט געהאַט אַן עפענונג, ווען זייענדיק אינעווייניק, האָט מען דאָס געקענט פאַרמאַכן און פאַרפעסטיקן מיט אַ ריגל. די קאַמער איז געווען אָנגעוואָרפן מיט אַלע גראַטעס. אויך האָט זי געדינט פאַר דערלעדיקן דאָס מענטשלעכע געברויך... קיין בית שימוש האָט מען אין געטאָ נישט געריייניקט, קיין קאַנאַליזאַציע האָט נישט עקזיסטירט, האָט אַזאַ קאַמער אויך געדינט אַלס בית שימוש. דאָס צוגיין צום באַהעלטעניש איז געווען פשוט.

האַלב אַכט אַ זייגער האָט שוין אַ שטילקייט געהערשט אין געטאָ, קיין לעבעדיק נפש האָט מען נישט געהערט.. ווי אַ מבול וואָלט די וועלט אָפּגעשווענקט... אַזוי האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק.

נישט לאַנג אָבער האָט זיך אונדז געלאָזט אַזוי דאַכטן. פּינקטלעך צו דער מינוט פון דער באַשטימטער שעה (לויט דער גענויער דייטשער פּינקטלעכקייט), האָט זיך דאָס קלאַפּן פון מיליטערישע שווערע טריט, צוזאַמען מיט דעם בילן פון זייערע חברים — די הינט, געהערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זוכן און נישטערן אין די שטובן און באַהעלטענישן. דער געסטאַפּאָ, אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ אין קאַמער (ער איז געווען צו „איידל", ער זאָל דאָרט געווען וועלן אַריינגיין...) האָט מיט זיין אימהדיקער שטים גערופן: „יודען הערויס!". דער הונט האָט געשמעקט, געריכערט, ער האָט אפשר געפילט די לעבעדיקע נפשות, געהערט די קלאַפּנדיקע הערצער און אפשר אויך די שעפּטשנדיקע תפילות פון „שמע ישראל" — ער האָט זיך פון אָרט נישט געוואָלט אָוועקרירן. דער געסטאַפּאָ, ווי זיך וועלנדיק פאַרטיידיקן פאַר זיין „חבר", וואָס ער פילט נישט אויס זיין שליחות בשלמות, האָט צו אים געזאָגט: „דאַ איז דרעקיק, די קאָמען שפּעטער דאַראַן".

קוים אביסל אָפּגעאָטעמט נאָך דער ערשטער טויט־שרעק, גלייבנדיק, אַז מיר זענען שוין ניצל געוואָרן, האָט זיך באַלד ווידער דאָס קלאַפּן פון מיליטערישע שווערע טריט, אין באַגלייטונג פון ציווילע מענער, געהערט. מיר האָבן געהערט אַ באַפעל: „יודע שוויין, קאָפּף נידער" דער אומגליקלעכער ייד איז צו זיינע פיס געפאַלן, געבעטן ער זאָל אים דאָס לעבן שענקען, ער וועט אים דינען זיין גאַנץ לעבן, ער איז נאָך אַזוי יונג — עס האָט נישט געהאָלפן. דער צווייטער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז אויפן וועג צו דער רעגיסטראַציע, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין אַלטער מוטער. דער מערדער האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט, פאַרוואָס זיי „רויבן" ביי אים צו זיין טייערע צייט און ער האָט זיינע קרבנות ביי אונדזער קאַמער דערשאָסן.

אומגעפער צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג האָט זיך די „אַקציע" פאַרענדיקט. צו דער רעגיסטראַציע זענען געגאַנגען טויזנטער יידן. צוריקגעקומען פון דער רעגיסטראַציע זענען — עטלעכע הונדערט... גרויזאַם איז געווען די שילדערונג, וואָס די צוריקגעקומענע האָבן איבערגעגעבן. ווי סאַדיסטיש די נאַציס האָבן זיך באַנומען מיט די אומגליקלעכע, הילפסלאָזע, צעבראָכענע מענטשן. ראשית, האָבן זיי זיך באַמיט צעשיידן די משפחות: אַוועקגעריסן קינדער פון עלטערן, מענער פון פרויען. אַזוי אַרום האָבן זיי זייערע קרבנות אויך גייסטיק צעבראָכן.

די אוקראַאינישע מיליציאַנטן האָבן פיל בייגעהאָלפן צו דעם. מיט הונדערטער אויגן האָבן זיי געהיטן עס זאָל זיך חס וחלילה קיין איינער נישט אַדורכשמוגלען. כאַפּנדיק אַזאַ „בעל עבירה", האָבן זיי אים מיט דרענגער דעם קאָפּ געשפּאָלטן.

די פאַראורטיילטע, האָבן די מערדער אין רייען, ווי די בהמות און שעפּסן געטריבן צו די בהמות־וואַגאָנען, וועלכע זענען געשטאַנען גרייט אויף די אַזוי גערופענע „טויטן גלייזן", אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דער געסטאַפּאָ. זיי האָבן אָנגעפּאַקט די וואַגאָנען מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל וויפל עס האָט נאָר געקענט אַריין, פאַרהאַקט די טירן און פענצטער, אָן עסן און אָן טרינקען, אין דער זומערדיקער גליענדיקער היץ — אַזוי אָפּגעשיקט דעם „טראַנספּאָרט" צו דעם אָרט פון וואַנען מ'קומט שוין מער נישט צוריק...

דער צער פון די איבערגעבליבענע איז געווען גרויס, אָבער איינער דעם צווייטן האָט אַפילו נישט געקענט טרייסטן. יעדער איז אַליין געווען צעבראָכן פיזיש און



יהודי בגטו מאחורי הגדר.

גייסטיק וויסנדיק, אַז דער זעלבער גורל דערוואַרט אויך אים. פריער אָדער שפּעטער.

עטלעכע טעג נאָך דער „אַקציע" האָט מען די גאַסן פון געטאָ פאַרקלענערט. עס איז אין געטאָ שוין נישט געווען מער ענג. די צאָל יידן איז מיטאַמאָל דראַסטיש פאַרמינערט געוואָרן.

די ברען אַקציע

אַ געוויסע צייט איז געווען שטיל אין געטאָ, מען האָט שוין ווידער אָנגעהויבן לעבן „נאָרמאַל" (לויט די באַגריפן פון געטאָ־לעבן). פּלוצים, אין אַ געוויסן אָוונט, האָט זיך אין געטאָ דערהערט אַ באַוועגונג פון אויטאָס, צו וועלכן מען איז נישט געווען צוגעוווינט. יעדן פאַרנאַכט איז דער לעבנספּולס אין געטאָ געוואָרן אָפּגעשטאָרבן, קיינער האָט זיך נישט געוואַגט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן אין די פינסטערע גאַסן. מען איז געליגן אין די שטובער און געוואַרט אויפן אָנקומענדיקן מאָרגן...

אַ שטאַרק ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורך די מיט דעקן פאַרטונקלטע פענסטער, באַגלייט פון הילכיקע קנאַלן. פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלע דערשיינונג, האָט מען זיך שטילערהייט אַרויסגעשלייכט אין אונטערהויף פון שטוב. אין אַזאַ צייט איז אין דער וווינונג געווען מער סכנה ווי אין הויף.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „ברען אַקציע": עטלעכע גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט ציוויל־אוקראַ־אינער האָבן געפּלינדערט, אויסגעליידיקט די חפצים פון די יידישע וווינונגען, אויפגעלאָדנט אויף די אויטאָס. נאָכדעם ווי די זאַכן זענען שוין געווען אויפגעלאָדן, האָבן ווידער די אַנדערע גרופּע אַריינגעוואָרפן ברענבאָמבעס און אונ־טערגעצונדן די אויסגעליידיקטע הייזער. די פייערלעשער זענען געשטאַנען גרייט און נישט געלאָשן, ביז עס איז גע־ווען אַ געפאַר, אַז דאָס פייער וועט זיך איבערטראָגן אויף דער אַרישער זייט... איין אויטאָ, אויף וועלכן עס איז געווען פיל נאַציס וועלכע האָבן געגעבן די באַפעלן, אויף אים האָבן זיי כסדר געשפּילט דעם דייטשן הימן און געלאָזט הערן די לאָזונג: „פאַרברענען די וואַנצן מיט די הייזער..."

דאָס פייער האָט כמעט אַ האַלבן געטאָ איינגעשלונגען. ביזן גרויענדיקן פרימאָרגן האָבן זיך די חיות מיט דעם „שפּיל" אונטערהאַלטן.

עטלעכע טעג האָט דאָס פייער געטליעט, דער רויך פון די אָפּגעסמאַליעטע גלאָווניעס האָט געשטיקט, די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי אַ חורבה, די פאַרבליבענע הייזלעך זענען גע־ווען אָפּגעסמאַליעט, אָפּגערויכערט פון די ברענענדיקע שכ־נותדיקע הייזער.

אַנדערע צרות

נישט לאַנג האָט מען אין געטאָ נאָך אבידות געטרויערט, דער דראַנג צום לעבן איז אפשר געווען שטאַרקער ווי אין נאָרמאַלע צייטן. די איינצלנע נאָך פאַרבליבענע פון דער יוגנט האָבן זיך כמעט יעדן מוצאי שבת פאַרזאַמלט צו אַ סעודת „מלוה מלכה", ווילנדיק אין די „עצמות היבשות" אַ לעבן אַריינגעבן. די לאָזונג איז געווען: „אַריינכאַפּן". „נאכל ונשתה כי מחר נמות". מ׳האָט צו די סעודות אַפילו משקאות באַזאָרגט און צו דעם „ביטערן טראָפּן" האָבן זיךביידע געשלעכטער איבערגעגעבן. דאָס האָט זיי אַביסל פון דעם צווייפל און דכאון דערהויבן. אַזאַ סעודה האָט גע־דויערט ביז שפּעט ביי נאַכט. ביים געזעגענען זיך האָט מען זיך געווונטשן, אַז די צווייטע וואָך זאָל די צאָל אַנטייל־נעמער נישט זיין קלענער...

אַריינצוברענגען משקאות אין געטאָ איז געווען זייער קאָמפּליצירט און מסוכנדיק. דאָס האָט אַמלייכסטן געקענט אויספירן דער בעל־עגלה פון מתים־וואָגן. נישט איינער האָט זיין „באַרוף" מקנא געווען — אַ קלייניקייט! צו קענגען טאָג־טעגלעך, אומגעשטערט פון געטאָ אַרויספאָרן, נישט מורא האָבנדיק אַז זיי „סחורה" וועט רעקווירירט ווערן און קאָנטראָלירט ווערן...

דער באָדן פון דעם וואָגן איז געווען אַ דאָפּלטער, דערינען האָט דער בעל־עגלה די אַרויספירנדיקע חפצים פון געטאָ באַהאַלטן, דורכגעשמוגלט צום בית־עלמין־שוק. דאָרט האָבן די קריסטלעכע הענדלער אויף אים געוואַרט מיט שפּייז־פּראָדוקטן. דער „האַנדל" האָט פיל מער צייט פאַר־נומען ווי דאָס מתעסק זיין זיך מיט די מתים.

די מתים זענען אויסגעלייגט געוואָרן ווי קלעצער האָלץ אויף אַ פּלאַטפאָרם, איינער אויפן צווייטן, צוגעדעקט מיט איין שטיקל דעק, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטאַרט אַ פוס, אַ קאָפּ אָדער אַן אַנדער אבר.

דאָס מתעסק זיין מיט די מתים איז געווען גאָר פשוט: גלייך פון וואָגן אין מאַסן־גרוב, מיט עטלעכע שופלעס זאַמד פאַרשיט, אָן טהרה, אָן תכריכים און אָן — קדיש. די אָרעמע קלאַטשע, וועלכע האָט אַזאַ הייליקן תפקיד אויסגעפירט, איז מיט אונדז אין געטאָ פאַרבליבן, געווען דער עדות פון אַלע צרות און ליידן און געטיילט זיך מיט אונדזער גורל...

הינט איז אין געטאָ פאַר אַ יידן פאַרבאָטן געווען צו האַלטן, דאָס איז אַן „אינטעליגענטע" חיה, אין וועלכע, ווייזט אויס, עס פליסט „אַריש" בלוט... די קעץ זענען פאַר הונגער און פאַר מורא פאַר די עכברים, וועלכע זענען געווען שטאַר־קער פון זיי, אַליין אַנטלאָפן. די שטשורעס (עכברים) האָט קיין עסן נישט געפעלט, זיי פלעגן זיך „מטפל" זיין מיט די מתים, איידער מ׳האָט נאָך באַוויזן זיי אַוועקצופירן.

בהמות און פערד, פאַרשטייט זיך, האָט מען אין געטאָ נישט געזען. זיי זענען באַלד רעקוויזירט געוואָרן. נאָר, ווי געזאָגט, דאָס איינציקע אויסגעצערטע מתים־פערדל איז מיט אונדז געווען און אפשר אויך „מיטגעפיל׳ט", וואָס מ׳האָט געקענט באַמערקן פון זיין „אויפפירונג": אַרויס־פאָרנדיק פון געטאָ מיט זיין מתים־באַגאַזש, האָט דאָס פערדל דעם קאָפּ אַרונטערגעהאָנגען, צי פאַר „טרויער" צי פון שווערן לאַסט און „לייכטן" עסן... האָט עס קוים די פיס געשלעפּט. דאַקעגן צוריקוועגס, אין געטאָ אַריין, איז עס געווען „האָפערדיקער", לעבעדיקער. קודם איז ער אַליין

געווען זאַט פֿון בית־עולם־גראָז און אויך „צופֿרידן", וואָס ער פֿירט אַביסל שפּייז פֿאַר די אויסגעהונגערטע, אויסגע־מאַטערטע מענטשן־שקעלעטן...

ווי עס האָט נישט עקזיסטירט קיין פֿאַמיליען־לעבן אין געטאָ און קיין שום דראַנג דערצו, אָדער ווי מען זאָגט: דער „יצר הרע" איז כמעט אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן — דאָך האָבן די פֿרויען זיך באַמיט דווקא יונג אויסצוזען. אַ גרויע האָר האָט געקענט גורם זיין פֿאַראורטיילט צו ווערן אַלס אַלטע... האָט מען די האָר געבלייכט, די באַקן געפֿאַרבט מיט... רויט פּאַפּיר. אַ בלוט־דורשטיקער געסטאַפּאָ האָט זיך געקענט פֿאַרגליסטן צו שטילן זיין רוצחישן דורשט, האָט ער באַשטעלט ביי דער יידישער מיליץ עפּעס אַן עלטערע פּערזאָן און אים דערשאָסן אין שעכטהויז. דאָס איז געווען די סיבה פֿאַרוואָס מ'האָט זיך געהאַלטן יונג.

די נאַצישע מערדער האָבן אויך אַרויסגעוויזן פֿיל „רחמנות" פֿאַר קראַנקע, פֿאַרשטייט זיך, לויט זייער באַגריף. כדי די קראַנקע זאָלן נישט ליידן און זיך נישט מוטשען, האָבן זיי אין איינעם אַ פֿרימאָרגן דאָס שפּיטאָל פֿון קראַנקע „ריינ־געמאַכט": די אין בעט ליגנדיקע שווער קראַנקע האָבן זיי מיט די בעטן אַרויסגענומען אויפֿן פֿרייען פֿעלד, אויסגע־שטעלט איינער ביים צווייטן (דייטשע פּינקטלעכקייט...) און פּשוט — אויסגעשאָסן.

עס זענען געווען עטלעכע דייטשע געסטאַפּאָ־פֿרויען, וועלכע האָבן זיך „אויסגעצייכנט" מיט העלדישע מעשים. אַזוי למשל, האָט איינע פֿון זיי געהאַט אַ ספּעציעלע הנאה צו פֿאַרניכטן גאַנץ יונגע יינגלעך אין עלטער פֿון 12—14 יאָר. זי האָט דאָס געמאַכט אויף אַ ספּעציעלן אופֿן: זי האָט אַזאַ יינגל גערופֿן איר צו פּוצן די שיך. ביי יעדן געפֿונען עפּעס אַן „עבירה", פֿון וועלכער ער האָט שוין מער זיין היים נישט געזען...

דאָס זענען אַ טייל פֿון די צרות, יסורים און ליידן פֿונעם געטאָ־לעבן, וועלכע האָבן שטאַפּלווייז געפֿירט צו דער ענדגילטיקער פֿאַרניכטונג פֿון געטאָ.

מיין רייזע קיין טערעשפּאָל
(פּראָווינץ פֿון בילגראַד)

אין נאָוועמבער 1942, זעענדיק ווי דאָס געטאָ ווערט סוקצעסיוו ליקווידירט, דאָס פֿון העכער פֿערציק טויזנט יידן, זענען קוים עטלעכע הונדערט פֿאַרבליבן און פֿילנדיק, אַז דער ענדגילטיקער סוף איז נאָענט, איז מיר געלונגען אַרישע פּאַפּירן — פֿאַרשטייט זיך „לינקע" (פֿאַלשע) — זיך צו פֿאַר־שאַפֿן ווי אויך אַן עמפּפֿעלונג (המלצה) פֿון אַ קריסטין, דאָס איך ווער געשיקט אַלס דינסט ביי אַ גוטבאַזיצערין אין יענער געגנט — בין איך נאָך טערעשפּאָל געפֿאָרן.

די געפֿאַר צוליב מיינע פֿאַלשע פּאַפּירן איז געווען אַ גרויסע, אָבער „כאשר אבדתי אבדתי", סיי ווי האָט אויף יעדן טריט געלויערט דער טויט.

כמעט אויף יעדער באַן־סטאַציע האָב איך געזען אויס־געמוטשעטע, אויסגעפּייניקטע יידן, וועלכע זענען קוים ענ־לעך געווען צו מענטשלעכע געשטאַלטן. זיי האָבן געאַרבעט ביים אַוועקרוימען דעם שניי פֿון די באַן־גלייזן — האָבן זיי אויסגעזען ווי די שאָטנס.

די טעמע פֿן די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן אויפֿן גאַנצן וועג איז דער „זשיד". יעדער איינער האָט אַן אַנדערן וויץ איבער דעם גורל פֿון פּוילישן יידנטום געלאָזט הערן. אַ טייל האָבן זיך גערימט מיט זייערע „העלדישע" און „פּאַטריאָטישע" מעשים: איינער האָט אַנטדעקט אַ פֿאַר־שטעקטן יידן אין זיין שפּייכלער (מחסן תבואה), אַ צווייטער האָט באַמערקט ווי אַ ייד איז פֿון צוג אַרויסגעשפּרונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט די יידן גלייך איבערגעגעבן אין די ריכטיקע הענט...

דערנענטערנדיק זיך צו דער באַן־סטאַציע בעלזשיץ, האָט דער קאָנדוקטאָר געגעבן אַ באַפֿעל פֿעסט צו פֿאַרמאַכן די פֿענסטער, כדי דער ריח פֿון די „געפּרעגלטע" יידן זאָל נישט שטיקן די איידעלע פּאַסאַזשירן... הערנדיק דעם „באַ־פֿעל", האָבן די מייסנט פֿאַרנדע אַ ווילד היסטעריש געלעכ־טער אַרויסגעלאָזט, צוגעבנדיק: „האָבן זיך דאָס די יידן גוט אויסגעזוונגען „דאָס שטעטעלע בעלז" (בעלז — ענלעך צו בעלזשיץ).

אויף דער באַן־סטאַציע זוויעזשיניעץ, זענען די וואַגאָנען אָפּגעשלאָסן געוואָרן, כדי אַדורכצופֿירן אַ קאָנטראָל אויף די דאָקומענטן פֿון די רייזנדע. דאָס אויסשטייגן פֿון די וואַגאָנען האָט זיך אָבער אויפֿגעהאַלטן, ווייל אין וואַרטע־זאַל זענען נאָך געלעגן די קערפּער פֿון צוויי דערשאָסענע מיידלעך, וואָס ביים רעווידירן זייערע „קענקאַרטע" (תעודת זהות) האָבן זיי דערקענט, אַז זיי זענען פֿאַלש. די „קענ־קאַרטע" איז געווען אַ ספּעציעלער דאָקומענט, וועלכער האָט באַדאַרפֿן באַווייזן, אַז דער אייגנטימער איז פֿון אַ ריין־אַרישע אָפּשטאַמונג ביזן דריטן דור.

מיך, די איינציקע פֿון אַלע פּאַסאַזשירן, האָט מען נישט קאָנטראָלירט און דאָס דערפֿאַר, ווייל איך האָב אויף מיין האַנט געטראָגן אַ... קריסטלעך קינד, וועלכעס האָט שטאַרק געוויינט, און די מוטער איז געווען פֿאַרנומען ביים זוכן אירע דאָקומענטן. דער געסטאַפּאָ, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף דעם וויינענדיקן קינד, האָט מיך געשטעלט אין דער זייט און אַפֿילו מיר אָנגעבאָטן אַ פּלאַץ צו זיצן...

איך בין בשלום אָנגעקומען קיין טערעשפּאָל און אַוועק צו דער גוטבאַזיצערין. זי האָט מיך גאַנץ גוט אויפֿגענומען ווייל, ערשטנס האָב איך נישט פֿאַרלאַנגט קיין גרויסן לוין, צווייטנס, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס אַלמנה פֿון אַ פּוילישן אָפֿיציר, וועלכער איז געפֿאַלן אין קריג און צוליב דעם, בין איך פֿון די דייטשן פֿאַרפֿאָלגט.

מ'האָט מיר געגעבן אַרבעט אין קיך. די ערשטע טעג האָב איך שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר די צוויי גרויסע הינט און אַנדערע חיות, מיט וועלכע איך האָב זיך נישט געקענט אומגיין. קוים בין איך אַביסל צוגעוווינט געוואָרן צו זיי און האָב זיך אָנגעהויבן צוצופּאַסן צו דער אַרבעט, בין איך באַלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָ איז פֿאַר מיר מער געפֿערלעך ווי אין געטאָ.

אין איינעם אַ טאָג קומען צו מיר צו צוויי משפּחה־מיטגלידער פון די בעלי־בתים און מיר אָנגעזאָגט אַ „גוטע בשורה״: פון היינט אָן קען איך מיר דערלויבן נוצן מער צוקער, ווייל זיי זענען „רייך״ געוואָרן מיט צוקער: זיי האָבן „פאַרדינט״ צען קילאָ צוקער. דאָס האָבן זיי באַקומען אַלס אָנערקענונג פאַר אויסגעבן צוויי יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ חורבה...

די דאָזיקע „בשורה טובה״ האָט מיין גאַנצע אילוזיע צעשטערט: איך האָב גערעכנט, דאָס ביי די פּוילישע אינ־טעליגענץ זענען די אויסזיכטן זיך אויסצובאַהאַלטן פון די נאַצישע שפּורן בעסער און דאָ וועל איך זיך קענען לייכטער באַוועגן. יעצט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב געהאַט אַ ביטערן טעות: די זעלבע אַנטיסעמיטן, נאָר באַ־פּוצט מיט אינטעליגענץ.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן: אָנשטאָט צו לעבן אין שטענדיקן פּחד ביי די אינטעליגענטע מענטשן־פּרעסער, וועל איך בעסער טיילן דעם גורל מיט מיינע אומגליקלעכע ברי־דער און צוריק אין געטאָ אַריינגיין. איך בין געפאָרן צוריק. די רייזע איז אַדורך בשלום.

נישט אַזוי לייכט איז מיר געווען אַריינצובאַקומען זיך צוריק אין געטאָ. דער יידישער מיליץ־מאַן האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אָן אַ באַנד מיטן מגן־דוד־צייכן אַריינלאָזן. מיין לעבן האָט אין דעם מאָמענט געהאָנגען אויף אַ האָר. זאָל מיך יעצט אַ געסטאַפּאָ באַמערקן, בין איך פאַרלוירן: אַלס קריסטין טאָר איך צום געטאָ־טויער זיך נישט דערנענ־טערן, אַלס יידין מוז איך דעם „שאַנד־צייכן״, דעם באַנד אויף מיין אָרעם טראָגן. מיט געוואַלד און מיט דער מיטהילף פון באַקאַנטע, האָב איך זיך מיט כוח אַריינגעריסן אינעווייניק. כ׳בין נאָר אָפּגעקומען מיט עטלעכע קלעפּ פון זיין נאַהייקע, פון וועלכע שמערצן מיט די בלויע צייכנס האָבן גאַנץ לאַנג געהאַלטן. דער מיליציאַנט מיטן נאָמען נוימאַן איז געווען „הילזענראַט״ (אַ העכערער טיטל).

ווייניק מענטשן האָב איך צוריקקומענדיק געטראָפן, קוים דריי הייזער זענען נאָך געווען באַווינט. אין דער קורצער צייט פון מיין נישט דאָ־זיין, זענען פאַרגעקומען עטלעכע קלענערע „אַקציעס״ און צוביסלעך זענען די מענטשן פאַר־שוווּנדן.

אין דער צייט פון מיין זיין אין געטאָ, האָב איך אין דער נאַכט געשמוגלט פאַרשידענע סחורות. אַרומגעבונדן די סחורות אויף מיין קערפּער, אַרויס צו אַ באַקאַנטע קריסטין און צומאָרגנס, אין דער צווייטער נאַכט, פלעג די קריסטין מיך באַגלייטן, צוהעלפנדיק מיר שפּייז־פּראָדוקטן אינעם געטאָ אַריינצוברענגען. אַזוי האָט זיך געפירט אַ געוויסע צייט.

פעברואַר 1943, אין אַ שבת־נאַכט, בין איך אַרויס פון געטאָ מיט מיין סחורה. דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז איך זאָל זיך פאַרזוימען לענגער און נישט געקענט צוריקגיין זונטיק ביי נאַכט. מאָנטיק ביי נאַכט האָב איך שוין מער אין געטאָ נישט געקענט צוריק אַריין: דער געטאָ האָט געברענט. דאָס געטאָ איז טאַקע דעמאָלט געוואָרן ליקווידירט. זעענדיק די לאַגע, האָט די קריסטין אַליין מיר פאָרגעשלאָגן מיך אויס־צובאַהאַלטן.

צו דעם צוועק האָט איר משפּחה אויסגעגראָבן אַ גרוב אין דער שטאַל, איבערגעדעקט מיט אַ ברעט. ביי טאָג אויף דעם אַרויפגעשטעלט אַ קאַסטן מיט קאַרטאָפל. אָבער נישט בלויז מיך האָט די איידעלע קריסטין אויסבאַהאַלטן, נאָך דריי באַקאַנטע האָט זי אויסבאַהאַלטן. אין די גרויסע פרעסט האָט זי אונדז ביי נאַכט אַריינגענומען אין איר שטוב. אַזוי בין איך געווען אויסבאַהאַלטן ביי די איידעלע קריסטין פערצן חדשים: פון פעברואַר 1943 ביז ענדע 1944, ווען איך בין דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי באַפרייט געוואָרן.

***

אַ פּאָר ווערטער צום שבח פאַר דער גאָר פיינער און איי־דעלער קריסטין — גאָזשינסקאָ איז איר נאָמען — וועלכע איז ווערט זי זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן, אַלס איינע פון די חסידי אומות העולם.

זייענדיק שטאַרק אַ גלייביקע, האָט זי זיך נישט גערעכנט מיט דער גרויסער געפאַר וואָס האָט איר געדראָט, ווען די נאַציס וואָלטן אונדז אַנטדעקט. זי וואָלט מיט איר גאַנצער פאַמיליע, מיט אונדז צוזאַמען, אויף דעם יידישן בית־עלמין דערשאָסן געוואָרן און אין איין געמיינזאַמען גרוב געוואָרן אַריינגעוואָרפן. נישט איינמאָל האָט זי געזען דעם גורל פון אַזעלכע קריסטן, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן. זי האָט זיך אָבער נישט איבערגעשראָקן. זי פלעג זאָגן: בעסער דער טויט, איידער צו טראָגן אויפן געוויסן אומשולדיקע מענטשן.

ביזן היינטיקן טאָג זענען מיר אין שריפטלעכן קאָנטאַקט.

ווייניק זענען געווען אַזעלכע צווישן די פּאָליאַקן.

שפרה מאנטל (נוסבוים)

די פּורים־סעודה אין געטאָ קאַלאָמיי

האָבנדיק דאָס גליק אין געטאָ קאָלאָמיי, צו דערהאַלטן, פון מיינע באַקאַנטע טאַרנאָבזשעגער גויים, אייניקע פּעקלעך פּראָדוקטן, וועלכע זענען באַשטאַנען פון קאַשע מיט באָ־בעלעך, האָב איך זיך געלאָזט „וויל־גיין" און איינגעאָרדנט „לכבוד פורים" פון יאָר 1943 אַ „סעודת־פּורים".

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ גליק, ווייל עס איז נישט געווען אַזוי פּשוט אַריינצושמוגלען אין געטאָ אַריין אַזאַ „אוצר". ערשטנס האָבן די קריסטן נישט געוואַגט צו ווייזן, אַז זיי האָבן עפּעס באַציאונגען מיט אַ ייד פון געטאָ, צווייטנס זענען די מייסטנס פּאַקעטלעך נאָך אונטערוועגס נעלם געוואָרן, ווייל בלויז דער יידישער נאָמען האָט פאַרראַטן. מיר איז געלונגען אַ „הסכם" מיט אַ פּאָסט־באַ־אַמטן צו שליסן, אַז פון יעדן פּעקל באַקומט ער „מעשר". מיינע קריסטלעכע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיר די פּאַקעט־לעך געשיקט, האָבן אַלס פאַרזיכטיקייט, אויפגעגעבן קריסט־לעכע נעמען, נאָר די גאַס און דער נומער פון הויז זענען געווען ריכטיק. עטלעכע וואָכן איז מיר געלונגען אויף אַזאַ אופן אַריינצובאַקומען עטלעכע פּאַקעטלעך, אַזוי לאַנג, ביז — ביז די גאַס איז געוואָרן באַוווּסט אין דער רשימה אַלס יידישער פירטל...

אָבער דערווייל בין איך געווען „רייך" אין פּראָדוקטן, האָב איך מיר, ווי געזאָגט, דערלויבט איינצואָרדענען אַ „פּורים־סעודה", וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, באַשטאַנען טאַקע פון באָבעלעך, קאַשע מיט... וואַסער, אָן שמאַלץ און מיט זייער ווייניק זאַלץ, נישט ווייל מיר האָבן געהאַלטן דיעטע... נאָר ווייל דאָס זאַלץ איז געווען פיל טייערער פון אַנדערע פּראָדוקטן, און עס איז נישט כדאי געווען דאָס לעבן צו ריזיקירן צוליב אַ ביסל זאַלץ.

צו דער „גרויסער" סעודה האָב איך איינגעלאַדן ישראל מאיר קירשענבוים, (וועלכער איז געווען מיינער אַ קרוב) מיט זיין, נאָך דעמאָלט, לעבנדיק קינד. ווי טייער און חשוב דער מענטש איז ביי מיר דעמאָלט געווען, באַווייזט דער פאַקט, אַז איך האָב אים גערופן צו אַזאַ סעודה אין אַ צייט, ווען אין חיהשן געטאָ־לעבן איז קרובהשאַפט, אָדער אהבת־רעים ווייט געווען פון מענטשלעכן באַגריף. דאָס לעבן איז געווען הפקר אין פולן זין פון וואָרט, עס האָט נישט עק־זיסטירט קיין פליכט פון אַ וועלכע „מצוות עשה" אָדער „לא תעשה", קינדער האָבן אַפילו אייגענע עלטערן נישט געקענט, פרויען האָבן מענער פאַרלאָזט... בכלל איז די „מאָראַל" געווען זייער נידעריק, נידעריקער פון יעדער קריטיק, די חיהשקייט אינעם מענטש איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

קוים האָט ישראל מאיר מיין שוועל איבערגעטרעטן און מיט אַ „חג שמח" באַגריסט, האָט ער גלייך באַמערקט: „איר זאָלט אייך נישט וווּנדערן ווען איך וועל זיך אויפפירן ווי אַ בהמה... איך האָב שוין די מענטשלעכע מנהגים און זיטן פאַרגעסן און עס איז קיין וווּנדער: מיין עסן איז אויך אַזוי ווי אַ בהמה: שאָלן פון קאַרטאָפל, קלייען, און טיי — פון קראַשענצע (אַזאַ גראָז). ווער עס האָט געקענט דעם דאָזיקן מענטש פון פריער, זיין איידלקייט און פיינקייט, דער קען זיך פאָרשטעלן, וואָס עס האָט געהייסן דאָס געטאָ־לעבן. ביי דער געלעגנהייט וויל איך איבערגעבן עטלעכע פּרטים וועגן לעבן פון ישראל מאיר אין געטאָ קאָלאָמיי.

ישראל מאירס פרוי איז מיט עטלעכע וואָכן פריער אין געטאָ דערשאָסן געוואָרן, ווען מען האָט זי געכאַפּט ביי אַ „גרויסער עבירה" וואָס זי איז באַגאַנגען: זי האָט אַריינ־געשמוגלט אין געטאָ פון דער אַרישער זייט אַ צוויי־דריי ליטער מילך פאַר איר קראַנק קינד. מיטן אויפגיין פון פרימאָרגן, פלעג זי פאַרלאָזן דעם געטאָ, איבערגעטאָן אין אַ לאַנג פויעריש קלייד, באָרוועס, די שיך אויף די אַקסלען, און אין אָוונט זיך צוריק אַריינגעשאַרט אין געטאָ מיט דעם אוצר: אַ ביסל מילך מיט וועלכן זי האָט דאָס חיות פון איר קינד דערהאַלטן און אויך אַנדערע קינדער מחיה נפשות געווען און דערביי, פאַרשטייט זיך, אַ פּאָר גראָשן פאַרדינט. אַן אוקראַינער, וועלכער האָט דאָס באַ־מערקט, האָט זי פאַרראַטן און זי איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

נאָך דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן, בלייבנדיק מיט אַ קליין שוואַך קינד — האָט דאָך ישראל מאיר אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט איינגעשטעלט זיך דאָס לעבן און געאַרבעט שווערע אוממענטשלעכע אַרבעט, כדי צו קענען דערהאַלטן זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין קינד. בכלל איז דער לעבנסווילן — טראָץ די גרויסע צרות — געווען שטאַרק, מען האָט דאָך געהאָפט: אפשר וועט אַ נס געשען און מ'וועט דעם צורר היהודים איבערלעבן.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ישראל מאיר געמאָלן תבואה אין... אַ קאַווע־מילכל. ביי דער אַרבעט איז, נאַטירלעך, אָנוועזנד געווען דער אייגנטימער. ווייל איבערלאָזן אַזעלכע „גאָלד קערנדלעך" אין פרעמדע הענט, האָט קיינער נישט געוואַגט. שכר־טרחה האָט ער באַקומען די קלייען. די זיפּ, דורך וועלכע דער אייגנטימער האָט דאָס מעל איבערגעזיפּט, איז געווען זייער שיטער, ווייל ער האָט מורא געהאַט ער זאָל חס־וחלילה נישט באַוועלט ווערן... קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס עס איז געבליבן פאַר ישראל מאירן.

נישט אַיעדער האָט אין געטאָ באַזיצט אַזאַ „מאַשין" (אַ קאַווע־מילכל). די מייסטנס כלים זענען געוואָרן רעק־ווערירט פון די דייטשן. און אַנטדעקנדיק אַזאַ „עבירה", ווי מאָלן תבואה, האָט געדראָט נישט נאָר די תבואה צוזאַמען

מיט דער מאַשין צו פאַרלירן, נאָר אויך מיט דעם קאָפּ צו באַצאָלן...

ביי טאָג האָט ישראל מאיר געאַרבעט ביים... שלעפּן מעבל פון די שטיבער און זיי צעהאַקן אויף ברען־מאַטער־יאַל, פאַר די קראַנקע נישט אַרבעטס־פעאיקע מענטשן. צו דעם מעבל און אַנדערע שטוב־חפצים, איז מען שוין לאַנג נישט געווען צוגעבונדן, נישט געפילט קיין שום ליבע און סענטימענט צו זיי, ווייל וואָס פאַר אַן ערך האָבן געקענט האָבן מעבל־שטיקער, ווען דאָס לעבן איז געווען הפקר און יעדער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זיינע נאָענטסטע? דאָס, וואָס מען האָט נישט געקענט פאַר ברויט בייטן, איז געווען איבעריק און מ׳האָט עס גענוצט צום ברענען.

פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער באַקומען אַביסל שפּענער צו קאָכן. אין דער פרייער צייט האָט ער אין די מיסט־קעסטלעך שאָלן געקליבן. גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען ער האָט אַמאָל צווישן די שאָלן אַ געפרוירענעם קאַרטאָפל געפונען, וועלכער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן על־פּי טעות פון אַ נישט פאָרזיכטיקער באַלעבאָסטע...

געוווינט האָט ישראל מאיר אין אַ קאַמער. די וווין־פראַגע אין געטאָ איז געווען זייער אַ שווערע. יעדערס מאָל האָבן די נאַציס רעדוצירט די גאַסן פון געטאָ, ביז עס זענען געבליבן דריי־פיר קליינע גאַסן אין וועלכע עס האָבן זיך געשטיקט 40.000 מענטשן. דאָס רוב הייזער אין די געטאָ־גאַסן זענען געווען אַלט, קליין, נידעריק, ווו עס איז אַפילו קיין ברונעם נישט געווען און עס האָט געפעלט וואַסער. די גאַס ווו ישראל מאיר האָט געוווינט האָט געהייסן „מאָקראַ“. דער נאָמען אַליין זאָגט שוין עדות אויף דער גאַס: בלאָטעס, זומפּן, שמוציק...

אין זעלבן יאָר ביי דער „פּסח־אַקציע“ איז אויך ישראל מאיר מיט זיין קינד פאַרשוווּנדן פון געטאָ און מער האָב איך פון אים שוין נישט געהערט. השם ינקום דמם!

איצט צוריק צו דער „סעודה“:

די „סעודה“ האָבן מיר פאַרבראַכט שווייגנדיק, נישט־אַרויסברענגענדיק די ווערטער וואָס יעדער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט: זכרונות פון עבר, פון אונדזערע נאָענטע און טייערע, וועלכע זענען שוין מיט אונדז נישט געווען. אויך האָט מען — שווייגנדיק — אונדזער אייגע־נער לאַגע באַטראַכט און — באַדויערט, וויסנדיק, אַז יעדער פון אונדז איז פאַקטיש אַ טויט־פאַראורטיילטער און יעדן טאָג קען זיין „איינבערופונג“, וואָס דאָס באַדייט: דער סוף — קומען... די פראַגע איז נאָר, ווער פריער און ווער שפּעטער: אין וועלכער „אַקציע“ ס׳וועט קומען די ריי. ווייל אין געטאָ האָט מער נישט עקזיסטירט דער געוויינ־לעכער לוח־חשבון, מען האָט אַלץ גערעכנט פון די „אַק־ציעס“: „פּסח־אַקציע“, „ברען־אַקציע“ א. אז. וו. יעדער „אַקציע“ האָט באַקומען איר נאָמען, וועלכעס האָט געוויזן: אָדער אויף דער צייט, אָדער אויפן פאַרנעם פון דער אַקציע.

אָבער טראָץ אַלעם איז עס געווען אַ „פּורים סעודה“... ווי דער „המן הרשע“ איז געווען נישט פון אַמאָל, פון דער היסטאָריע, נאָר אַ לעבעדיקער המן פון דער ווירקלעכקייט און מיר האָבן דאָך געהאָפט, אַז ער וועט האָבן די מפּלה ווי דער אַמאָליקער המן...

ש. שאַלער

בעלזשעץ

(אַ קורצער איבערבליק איבער דעם באַרימטן פאַרניכטונגס־לאַגער)

„אמרו: לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד"
(תהלים פ"ג)

דער פאַרניכטונגס־לאַגער בעלזשעץ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין זומער 1942 צווישן געדיכטע סאָסנע־וועלדער, נאָענט צו דער באַן־ליניע, וועלכע פירט פון לובלין קיין לעמבערג אָדער קראָקע, צפונדיק פון דעם באַן־קנופּ ראַוואַ־רוסקאַ אין מזרח־גאַליציע. היינט איז דאָס פּלאַץ אויף דער גרענעץ צווישן פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד.

דאָ זענען אומגעקומען די יידישע קהילות פון צענטראַל און מזרח־גאַליציע אין די יאָרן 1942—1943.

די מערדער זענען באַשטאַנען פון אַ קליינע גרופּע ס.ס.־לייט און רוסישע דעזערטירן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.


די קרבנות זענען פאַרגאַזט געוואָרן אין זעקס גרויסע קאַמערן, באַלד נאָכן אָנקומען פון באַן־טראַנספּאָרט אינעם לאַגער — צוערשט די מענער, דערנאָך די פרויען. די טויטע קערפּער זענען געוואָרפן געוואָרן אין ריזיקע מאַסן־קברים, וועלכע זענען געגראָבן געוואָרן דורך יידישע צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס זענען נאָך דער אַרבעט, אַליין געווען קרבנות.

די קדושים פון טאַרנאָבזשעג, באַראַנאָוו, ראַזוואַדאָוו און אַנדערע שטעטלעך, וועלכע זענען אָנגעקומען מיטן טראַנספּאָרט פון דעמביץ, תשעה באב תש"ב (1942), זענען פאַרגאַזט געוואָרן אין דעם זעלבן טאָג. דאָס איז געווען, וואָרשיינלעך, איינער פון די ערשטע טראַנספּאָרטן אין דעם לאַגער.

עס איז כדאי צו פאַרשרייבן, דאָס פון די הונדערטער־טויזנטער קרבנות, וועלכע זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין דעם שרעקלעכן טויטן־לאַגער, איז נאָר איין ייד געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן און געבליבן לעבן. זיין נאָמען: רודאָלף רעדער, אַ געבוירענער אין דעמביץ און געוווינט אין לעמבערג. ער איז געווען אין בעלזשעץ אין דער צייט: 17.8.1942 ביז ענדע נאָוועמבער 1942.

זיינע זכרונות און עדות־זאָגן זענען געדרוקט אין צוויי ביכער, איינער אין פּויליש א. ב. Bełżec, rzecz jedynego ocalonego z komory gazowej w Bełżcu.

דער צווייטער אינעם „ספר זאַמאָשטש", אַרויסגעגעבן אין בוענאָס־איירעס 1957, (זייטן 1054—1057) א. ב. „דער נאַצי־שער טויט־קאַמבינאַט אין בעלזשעץ".



קוי הרכבת שהוליכו למחנה השמדה בלז'יץ.

רבקה פליישר

אין די טייגעס

(רעפלעקסן — פאַרצייכנט אין גלות־רוסלאַנד)

... עפּעס בין איך היינט אין דער פרי אויפגעשטאַנען אַזוי איבערראַשט, באַצוירבערט און צוגלייך — צעטראָגן און נערוועז, נאָכדעם הערלעכן חלום, וועלכער האָט מיר אײַ־בערגעלאָזט נאָר בענקשאַפט, מוטלאָזיקייט און אַ האַרץ פול מיט ווייטיק.

עס איז אַ „וויכאָדנאָי״־טאָג (מ׳איז פּריי פון אַרבעט).

איך דריי זיך איבער דעם „באַראַק״ און זוך עפּעס מיט וואָס צו קענען באַרואיקן מיינע נערוון. כ׳גיי אַרויס פון „באַראַק״, קוק זיך אום אַרום מיר און זוך אַ שטיל ווינקעלע ווו עס זאָל קיין לעבעדיק נפש נישט צוקומען, איך זאָל קענען אומגעשטערט לאָזן פריי מיינע געדאַנקען.

איך ווענד מיין בליק אויף אַ וווּנדער־שיין בערגעלע, וועלכעס איז פאַרפלייצט פון די בלענדענדע פרימאָרגן־זון־שטראַלן, וואָס שפּיגלען אָפּ די טוי־טראָפּן, וועלכע בליש־טשען מיט זייער פיל־פאַרביקייט ווי די שטערן אויף דעם גראָז־גרינקייט. דאָרט האָב איך מיר אַ רואיק שטיל אָרט געפונען.

אונטן טובלט זיך די זון אין דעם וואַסער פון טייך „באַזייכער״.

באַצויבערט פון ג־טס שיינע נאַטור, קוק איך זיך אַרום אין אַלע זייטן און זוך... ווענען אייגנטלעך זוך איך? איך זוך אַ... פריינט, וועלכער זאָל מיר מיטפילן, טרייסטן, טרייסטן און — בעיקר — פאַרשטיין, יעצט אין די מינוטן פון ווייטיק, בענקשאַפט און — הונגער...

די זון גנבעט פאַמעלעך זיך צו אין מיין ווינקל. אינ־סטינקטיוו פאַרמאַך איך מיינע אויגן: אוי, ליכטיקע, שיינע זון! דו פאַרשפּרייטסט מיט שפע דיינע וואַרעמע, היילנדע שטראַלן, נאָר — אָך! — צי מיין אָנגעווייטיקט האַרץ דער־גרייכסטו נישט... דו לייכסט פאַר מיר נאָר אויבערפלעכלעך, מיין פּנים ברענסט דו טאַקי אָן, אָבער מיין האַרץ היילסט דו ניט...

אוי, טייך „באַזייכער״! ווי פּרעכטיק זענען דיינע פאַ־ליעס אַקעגן די זון־שטראַלן! ווען אַרום דיין ברעג וויגט זיך רואיק דאָס גרינע גראָז און שעפּטשעט מיט זיין מיסטעריע־זער שפּראַך — צי קענסטו אפשר היילן מיין אָנגעוויי־טיקטע נשמה?...

און איר פייגעלעך, מיט אייער באַצויבערנד־שוויש־טשענדיק־זינגענדיקער שפּראַך — זינגט איר דען פאַר מיר? ניין! מיך קענט איר, לײדער, ניט צעשטרייען...

... און אפשר גאָר דו, אָנגענעם ווינטל? אפשר וועסט דו מיך אַביסל אויפפרישן? דער ענטפער: ניין! אַלע פנימער גלעטסט דו, צערטלסט דו, נאָר מיינס — וויאָכיסט דו, שמייסט דו...

... זיץ איך מיר אַזוי אויף דעם געדיכטן, ווייכן גרינעם גראָז, אָנגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן אָן אַ הויכן דאַרן בוים און ווענד מיין בליק צום הימל. פון האַרץ רייסט זיך אַרויס אַ געשריי: איך רוף און פרעג: אָ, ג־ט! צי בין איך טאַקע זעלבסט אַזוי זינדיק צי גאָר לייד איך, אפשר, צוליב פרעמדע זינד? איך וואַרט אויף אַן ענטפער... נאָר פאַמע־לעך... בעצם וויל איך בעיקר הערן אַן ענטפער אויף אַ צווייטער פראַגע, וועלכע עגבערט און מוטשעט מיין מח: וואָס וועט זיין? צי האָב איך נאָך עפּעס־וואָס צו דערוואַרטן אין מיין לעבן? צי איז שוין פאַר מיר גאָר קיין צוקונפט פאַרהאַן?..

... איך שטרענג אָן מיינע אויערן צו הערן... אפשר וועט קומען עפּעס אַן ענטפער.... אפשר גאָר אַ... בת־קול? ביי קיין שום בת־קול הערט זיך נישט פון אַרום... אַלץ שא שטיל... צי האָט אפשר דער עכאָ, דער ווידערקלאַנג, נישט אויפגעהויבן מיין רוף צו די הויכע הימלען?

שטיל. איך הער... מיין האַרץ קלאַפּן. איך הער יעצט אויך ווי דיביימער וויגן זיך אין זייער תפילה... איך הער דאָס וואַסער רוישן, די פייגעלעך שווישטשען... רעדן זיי טאַקע צו מיר? אפשר... נאָר איך פאַרשטיי זיי נישט, באַגרייף נישט זייער סודותדיק־מיסטעריעזער שפּראַך...

איך וויל „פּרובירן״ פאַרשטיין זייער לשון אין דער ריכטונג פון מיין שטרעבן, פון מיין האָפענונג. אַזוי רעד איך זיך איין, מיינען זיי זיכער מיר צו זאָגן, מיך צו באַרו־איקן, טרייסטן מיט אָט־אָ־די ווערטער: זאָרג נישט, פאַר דיר איז נאָך גרייט די וועלט מיט איר פּראַכט און גוטס... אַ לעבן פון צופרידנקייט, אַ צוקונפט מיט אַ רייכן אינ־האַלט, מיט אַ קערפּערלעך־און־גייסטיק פאַרגעניגן... און די זון — אָ! זי וועט דאַן פאַר דיר שיינען און וואַרעמען, גלעטן און היילן — אָן אויפהער, אָן איבעררייס... — — —

... צי קען דאָס זיין אמת? צי דאָס וועט זיך אַמאָל פאַר־ווירקלעכן? אפשר חלום איך?... איך ריר זיך פונעם אָרט, איך באַוועג זיך. ניין. איך חלום נישט. מיינע ליפּן שמייכ־לען, אָבער מיין האַרץ — דאָך — וויינט... איך וויל הערן אַזעלכע ווערטער דייטלעך אין אַ מענטשלעכער שפּראַך. איך ווייס, אַז איך נאָר זיך אַליין. וויזיעס... פאַנטאַזיעס...

... און ווידער איז אַלץ שטיל. אַלץ שווייגט. אַ שרעק־לעכער געדאַנק איז מיר אַדורך אין מוח, ער פייניקט און מוטשעט מיך: אפשר זאָל איך מיך אונטערגעבן מיינע יאוש־אינסטינקטן און מיך לאָזן פון זיי פירן — פאַרפירן? אפשר... אפשר... זאָלן די פאַליעס פון „באַזייכער״ אַוועקרייסן מיין יונגן קערפּער — נאָך אַ קרבן פון די אכזריותדיקער תקופה — ווייט, ווייט?... — — — —

— ניין! מוסרט מיך אַן אינערלעכע שטימע — דאָס קאָנסטו ניט, דאָס טאָרסטו ניט טאָן! שוין בלויז קוקנדיק אויף די אויסגעצערטע, אויסגעווייַנטע, אויסגעטריקנטע פּנימער פון דיינע איבערגעגעבענע, פאַרזאָרגטע און פאַרצווייפלטע עלטערן. יאָ, אמת, קען איך דען נאָכמער פאַרבלוטיקן זייערע הערצער?... ניין! דאָס וועל איך נישט טאָן! „לא אמות, כי אחיה!”

— — — — — — — — — — — — — —

— האַ, ווער שטייט דאָ?!

יעצט הער איך שוין אַ דייטלעך קול, וועלכעס איך דערקען גלייך: דאָס ביסטו מיין שוועסטער? וואָס שטייסטו אַזוי מיט פחד? צי האָסטו געהערט מיינע „געשפּרעכן”? צי האָסטו אפשר געלייענט מיינע געדאַנקען?

— אַהאַ, איך ווייס שוין, איך בין שוין צוריק וואַך. איך לעב שוין ווידער אין דער טרויעריקער ווירקלעכקייט: דו ווילסט מיר מן הסתם זאָגן, אַז די „ספּרעדאַווניצע” (פאַרקויפערן) פון מאַגאַזין וויל שוין מער קיין ברויט נישט געבן אָן געלט? און ווו צו באַרגן געלט איז מן הסתם שוין נישטאָ? יאָ? אַן אַלטער פּזמון, אַ באַקאַנטער פּזמון... און דערווייל?

— דערווייל — גייט שיער דאָס האַרץ אויס פאַר הונגער...

אהרן צבצ׳קנבוים

החיים בגלות רוסיה

כשפרצה המלחמה ב־1939 הייתי עוד נער קטן, אך אני זוכר היטב את הגירוש האכזרי של יהודי טרנובז׳ג ע״י הנאצים הארורים. לנגד עיני עומד המחזה האיום של השוק המלא יהודים, הגרמנים שודדים מהם את הכסף והזהב, ואחר כך המצעד של יהודים, זקנים, צעירים, ילדים וחולים שצעדו לכיוון תחנת הרכבת. את זה לא אשכח לעולם. אז עוד לא שלחו הגרמנים את היהודים למחנות ההשמדה, הם הסתפקו בשדידת הרכוש ובגירוש.

לאבי, שהיה סוחר ונסע כל השבוע לירידים בעיירות הסמוכות, היה סוס ועגלה משלו. עתה אנחנו היינו המאושרים שיכלנו לנסוע, בעוד שמאות אנשי עירנו הלכו ברגל מטרנובז׳ג עד הגבול הרוסי — מרחק של עשרות קילומטרים.

הגענו לעיר לובצ׳וב בגליציה המזרחית ומשם המשכנו במסענו עד לעיר נמירוב שהיתה כבר תחת השלטון הסובייטי. בעיר זו חיינו קרוב לשנה ואבי היה עוסק במסחר. בעגלתו היה נוסע לכפרי הסביבה, קנה קמח ומלח והיה מוכרם בעיר.

בליל קיץ בהיר אחד העירונו הרוסים, ציוו עלינו להתלבש ולצאת אתם. בחוץ עמדו משאיות, העלו את ה„ביז׳נצים” (פליטים) שאספו מכל העיר על המשאיות והובילו אותנו לתחנת הרכבת. שם חיכו כבר קרונות משא מוכנים להוביל אותנו לרוסיה הגדולה.

ששה שבועות טולטלנו ברכבת נוסעים עד שהגענו לעיר נובוסיבירסק שבסיביר. משם העבירו אותנו למחנות עבודה לא הרחק מהעיר קאמין. גרנו שם בצריפי עץ, אנחנו ומשפחת דודי ר׳ מיכאל צבצ׳קנבוים. 14 נפשות בחדר אחד ארוך.

את המבוגרים כולם הכריחו לצאת לעבודת כפיה, כמו עבדים. מדי פעם היו באים קצינים וראשי „קולחוזים” ובחרו להם אנשים בריאים לעבוד אצלם. עיקר העבודה היתה ביערות. חלקם כרתו עצים ואחרים עשו חריצים בעצים, הוציאו מהם השרף והכניסם לסירים מיוחדים, ששימשו חומר גלם לגומי.

הייתי אז בן 12 ולא עבדתי עדיין ולכן קיבלתי רק 400 גרם לחם ליום. מי שעבד קיבל 600 גרם. המנה הזאת לא הספיקה, כי פרט ללחם ולמרק דליל, שהיה יקר מדי בשבילנו, לא קיבלנו כל אוכל. לכן רעבנו כל העת.

כשהגעתי לגיל שלש עשרה לימדני אבי כיצד להניח תפילין וביום ה„בר מצוה” שלי קבלתי כמתנה... פרוסת לחם מוגדלת, שההורים חסכוהה מפיהם.

רבים מהגולים לא החזיקו מעמד בתנאי הקור הנורא והרעב ששרר שם ומתו; רק החזקים נשארו בחיים.

פעם ביום קיץ הלכה האמא ליער לחטוב עצים להסקה ולהכין גם עצים לחורף (כפי שזה היה נהוג שם להכין עצים בקיץ לחורף). היה זה אחד מיערות העד הסיביריים האינסופיים. היא נכנסה לסבך היער ואיבדה את הדרך חזרה. שעות רבות חיפשה מוצא, ובודאי היתה אבודה; לולא קרה לה נס ושמעה קול געיית פָּרה, והלכה בכיוון הקול וכך יצאה בשלום מהיער.

סביב הצריפים היו ביצות גדולות שאפשר היה להיטבע בהן והיו צריכים להיזהר מאד שלא להתקרב אליהן. אכן קרו מקרים של טביעת אנשים ובעלי חיים.

במקום הנידח הזה חיינו יותר משנה וחצי ואחרי ששוחררנו, כתוצאה מהסכם סטלין — שיקורסקי, נסענו ל„קולחוז”. המעבר מהגיהנום הזה, בו כמעט גווענו מרעב וקפאנו מקור, אל מקום ישוב, היה כמו חלום יפה... בקיץ היה בקולחוז אוכל בשפע, ואכלנו כל כך הרבה עד שקבלנו כאבי בטן...

אחרי שהיה של שלשה חדשים ב„קולחוז”, כשהתקרב החורף, וידענו שבחורף אין בקולחוז מה לאכול, ברחנו משם באישון לילה. חצינו במעבורת את הנהר „אוב” והגענו לעיר קאמין. בעיר זו חיינו בתנאים גרועים ביותר עד שחזרנו לפולין.

שמואל שאַלער

אין גלות רוסלאַנד

(פראַגמענטן פון אַ טאָגבוך)

6.3.1943

נאָך דער באַפרייאונג פונעם ,,זאַקליוטשאַנע״־לאַגער, אַלס רעזולטאַט פון דעם אַזוי גערופענעם ,,שיקאָרסקי־סטאַלין אָפּ־מאַך״, זענען מיר נאָך לאַנגע און שווערע טלטולים אַנגע־קומען קיין טורקעסטאַן, מיטל־אַזיע, ווו עס האָט זיך פאַר אונדז אַנגעהויבן ,,אַ ניי לעבן״.

פראַגמענטן פון דעם נייעם לעבן גיב איך איבער אין די ווייטערדיקע שורות:

אַ שבתדיקער טאָג אין טורקעסטאַן, מיטל־אַזיע

ביז מיטאָג געהונגערט, ווייל נעכטן האָט מען ברויט נישט געטיילט. מיט גרויס גליק, ערשט עלף אַ זייגער, באַ־קומען דעם ,,פּאַיאָק״ (די ראַציע ברויט). אונדזער סעודת־שבת — אַ וואַסערדיקע זופּ. מ׳מוז שפּאָרן דאָס ביסל מעל. אַ שנעלער לויף צום פעלד, אַ ביסל שטרוי אויף הייצן צוזאַ־מענקראַצן און פאַרזאָרגט מיט אַ טאָג ,,פרנסה״. 3 אַ זייגער צו דער נאַכט־שיכט אַרבעטן געגאַנגען.

באה שבת — באה מנוחה...

מכת כינים

7.3.1943

ראש־חודש אדר. צוזאַמען מיטן פרילינג האָט אַ מחנה לייז (כנים) צו אונדז אַריינגעדרונגען. אַלץ איז פול מיט זיי: די מלבושים, דאָס געלעגער. ממש מכת מצרים. נישט מעגלעך זיך צו רייניקן...

אַ נייע דייטשע אָפענסיווע

10.3.1943

מיט איין קלאַפּ האָבן די דייטשע שונאים זעקס שטעט גענומען. זאָל דאָס זיין אַ סימן אויפן נייעם זומער? ענגלאַנד איילט זיך גאָרנישט מיטן ,,צווייטן פראָנט״, מ׳קומט אָפּ מיט רעדן.

דאָס כפרה־הינדל זענען, געוויינלעך — מיר, דאָס היי־פּעלע יידן. מ׳הערט שוין וועגן פאַרמאַכן ,,פּלאַצוווקעס״. (פּלאַצוווקע — די אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון דער פּוילישער רעגירונג. איר אויפגאַבע איז געווען, צו טיילן די הילף, וועלכע איז געשיקט געוואָרן פון חוץ־לארץ). ווייזט אויס, דאָס די נקוו״ד איז קעגן די פּוילישע. דער עולם שרעקט זיך פאַר נייע צרות.

11.3.1943

אַ פרייד אויפן ,,באַזאַר״. די רוסן האָבן כאַרקאָוו פון באַלאַגערונג באַפרייט און איינע פון די זעקס שטעט אויפן צענטראַל־פראָנט באַפרייט. דער פאַקט, וואָס די רוסן האָבן אַזוי שנעל צוריקגעהאַלטן די נייע אָפענסיווע, דערפרייט זייער. דאָס באַווייזט די שוואַכקייט פון די דייטשן. זיי קענען שוין נישט זיגן אויף אַלע פראָנטן. מיר זענען טאַקע שטאַרק פאַרביטערט קעגן דער סאָוויעטישער אָרדענונג, אָבער דאָך האָבן מיר גרויס סימפּאַטיע פאַר זיי. זיי קעמפן דאָך אַליין אויף די פראָנטן.

און ביי אונדז: צוריק געעפנט די פּוילישע ,,פּלאַצוווקע״. זאָל עס זיין אַ פאָדערונג פון אויסלאַנד? מ׳שמועסט, אַז די ארץ־ישראל יידן פאָדערן מיר זאָלן נישט אונטערליגן דער רוסישער מאַכט, נישט די פּוילישע, נאָר דעם ,,דזשאָינט״... מ׳זאָגט, אַז די רוסן זענען מסכים. זאָל דאָס זיין אמת? שווער צו גלויבן.

14.3.43

ס׳הערן זיך פאַרשידענע קלאַנגען וועגן אונדזער צו־קונפט: מ׳וועט פאַרשיקן אין אַרבעטס־לאַגערן, אָדער אין קאָלכאָזן. דאָס ערגסטע — מ׳וועט צווינגען צו נעמען רוסישע פּעסער. אַ, דאָס איז ביטער! ווערן אַ רוסישער בירגער, דאָס הייסט אָן אייביקער קנעכט צו זיין. דאָס זאָל זיין אונדזער גורל?

וואַנדאַ וואַשילעווסקיס ,,לעגיאָן״

18.3.43

פּרישע ידיעות! הלוואי בעסערע צו הערן... די פּוילישע ,,פּאַטריאָטין״, וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, שאַפט אַ ,,פרייוויליקן לעגיען״ פון פּוילישע פּאַטריאָטן, וועלכער זאָל מאַנט ביי האַנט קעמפן מיט דער רויטער אַרמיי. דאָס איז, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַ ,,טריק״ פון די רוסן, צוליב די חילוקי־דעות מיט דער שיקאָרסקי־רעגירונג (אָדער מיט ענגלאַנד). צי וועלן מיר ברויכן דאָס ביסל יידיש בלוט פאַרגיסן? קיין גוטס וועט דאָס אונדז נישט ברענגען.

דער דרוק צו נעמען רוסישע פּעסער איז שטאַרק. מ׳הערט וועגן שלאָגן אויף דער מיליץ, פון אַרעסטירן, פון געבן פּעסער מיט צוואַנג. די געמיטער זענען שטאַרק געדריקט.

21.3 — פורים איז היינט. אין דרויסן אַ קאַלטער שניי, אַ בלאָטע. אוי, רבונו של עולם, אַ נס פורים ברויכן מיר.

24.3 — די לאַגע איז ווייטער אָנגעשטרענגט. די אַבלאַ־

ווּעס (אַבלאַווע — אַ כאַפּ, מ׳פאַרנעמט מענטשן אין אַרעסט אָדער אין דער אַרמיי, פּלוצים, אָן אַן אָרדענונג. ווער ס׳פאַלט אַריין האָט נישט קיין שוץ). די רעפּרעסיעס צו נעמען רוסישע פּעסער האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע מורא. ס׳אינטערעסירט שוין נישט, וואָס דער דייטש גייט פאַרויס (ביעלגאָראָד גענומען). מיר קענען זיין גיבורים, זיך קעגנשטעלן, ביז... מ׳וועט דאָס ברויט אָפּנעמען. קעגן הונגער איז קיין גבורה נישטאָ.

5.4 — „מ׳גיט״ ספּיטשקעס און זאַלץ אין מאַגאַזין. מזל־טוב אייך טורקעסטאַנער אַרבעטער, פרייט אייך מיטן נאָענטן ערשטן מאַי. פאַרשטייט זיך, אַז מיר מוזן זיי באַלד פאַרקויפן פאַר מעל. די פּרייזן אויפן באַזאַר: 2 פּעקלעך צינדהעלצער — 28 רובל, 400 גראַם זאַלץ — 10 רובל. ווייסט קינדער דאָס דער יום־טוב קומט!

„באָלנאָי״ (קראַנק)

8.4 — מען האָסט דעם יידן אין רוסלאַנד, אין לאַנד פון סאָציאַליזם. מען פאַרגינט נישט אַפילו דעם קראַנקן ייד צו רוען. איך פיל כ׳בין קראַנק. כ׳האָב שטאַרקע היץ. אין אַמבולאַטאָריום האָט די דאָקטאָרין „אָפּגעמאַכט״ גענוי 36° היץ, דאָס איז אַ ליגן.

9.4 — היינט האָט זי שוין „מסכים״ געווען — 40° היץ. קוים באַפרייט פון דער אַרבעט.

4.5 — ברוך השם, אַז כ׳בין צוריק אין שטוב. דריי וואָכן געלעגן אויף פלעקן־טיפוס. דאָס האָב איך זיך אָנגעשטעקט פון די טויטע געפאַנגענע דייטשן, וועלכע מיר האָבן באַגראָבן 8 ק״מ פון דאַנען. 150 טויטע אין איין גרוב. כן יאבדו. צווישנצייט האָט זיך פיל געענדערט: די סאָוויעטן האָבן איבערגעריסן די באַציאונגען מיט שיקאָרסקיס רעגירונג. דאָס האָט נאָך מער פּחד אָנגעוואָרפן אויף אונדז און מ׳נעמט שוין דעם רוסישן פּאַספּאָרט... מ׳נעמט נישט, נאָר מ׳כאַפּט זיי; אפשר וועלן זיי אונדז רעטן. אויך מיר האָבן שוין גענומען. וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ שאַפט אַ פּוילישע אַרמיי. דערווייל פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן אַ קאָמיטעט, וואָס וויל אונדז קיין אויסלאַנד אַרויסנעמען. מ׳לעבט ווי אויף אַ ווולקאַן...

13.5 — מ׳טיילט ווייס ברויט, „דאַיוט״!. נישט קיין קלייניקייט. יעצט וועט מען שוין צוהונגערן, דאָס ברויט עסט זיך צו שנעל...

מ׳האָט שוין געפונען אַ פירער פאַר דער נייער אַרמיי — פאָלקאָוויק בערינג.

היינט, די פערטע יאָרצייט פון קריגס־אויסברוך

1.9.1943

אָ, גאָט! ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג וועלן מיר זיך מוטשען? הונגער, קעלט, זאָרגן און פאַרביטערונג — אָט איז אין קורצן אונדזער פּיריאָדיקע געשיכטע. ווי לאַנג נאָך? צי וועלן מיר דאָס איבערהאַלטן? טאָג טעגלעך פרישע גזרות, כאָג טעגלעך פרישע שרעק וועגן ברויט, „טרוד־פראָנט״ אד״גל. דאָס אַלץ נעמט צו די כוחות. העלף שוין פאָטער אין הימל, גענוג אונדז געשלאָגן!

היינט אויך דער ערשטער טאָג פון חודש אלול. ס׳דערנענטערן זיך די ימים־נוראים... שופר — אַ פאַנטאַזיע. אַ גאַנצער חודש נאָך — ווו וועלן מיר דאַן זיין? און דאַווענען וועט מען קענען? און אַרבעטן?

7.9.43

אומאויפהערלעך גייען די רוסן פאָר. יעדן טאָג — זעקס, אַכט, צען שטעט אין אוקראַינע באַפרייט. מ׳ציילט שוין אַפילו נישט. ס׳ווערט נאַטירלעך... ביי די ענגלענדער אָבער — גאַנץ שוואַך. ווייטער שיינע רעדעס און דעקלאַראַציע. פאַר עטלעכע טעג האָבן זיי געמאַלדן וועגן דעסאַנטן אין איטאַליע. געווען אַ פרייד. יעצט שטיל, מ׳הערט נישט — צי זענען זיי אַדורכגעפאַלן?

פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע פון איטאַליע

9.9.43

דאָס האַרץ קלאַפּט פון פרייד... ווי שיין זענען די חלומות אויף ווייטער... נאָך אַ קלאַפּ דאָ, אַן אויפשטאַנד דאָרט, אַ געלונגענע אָפענסיווע און... די קריג איז געענדיקט און מיר פאָרן פון דאַנען אַרויס... און מיר הויבן אָן אַ ניי, שיין לעבן. אַך! ווי גוט וועט עס זיין...

אין האַרצן בעט זיך שטיל; אַ דאַנק דיר רבונו של עולם פאַר דעם. כ׳בעט דיך אָבער — שנעלער, וואָס שנעלער אַזאַ ידיעה פון בערלין.

10.10.43

אַך, ווי קען מען אַ נקמה נעמען אין די אַנטיסעמיטן, שניידן שטיקער פון זיי, אָן רחמנות! אַך, ווי אָנגענעם דאָס וואָלט געווען. אין דעם לאַנד ווו יידן־האַס איז פאַרבאָטן, בליט ער אפשר שטאַרקער ווי ערגעץ אַנדערש. אַ פּאַראַדאָקס. ס׳טוט שטאַרק וויי, פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אומגליקלעך? אומעטום האַסט מען אונדז — פאַרוואָס? געוואַלד, פאַרוואָס?! איין אויסוועג איז געבליבן — אַנטלויפן פון די וועלט שונאים, צו זיך, אין אָן אייגן ווינקעלע, אין אַן אייגענער מלוכה... צי וועלן מיר דערלעבן אָן אייגן, פריי ארץ־ישראל צו זען?

1.1.1944

אַוועק איז נאָך אַ יאָר מיט צרות. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט זאָרגן וועגן ברויט און מיט זעלבן זיך געענדיקט. און דאָך: אָנגעהויבן האָט זיך דאָס יאָר מיטן קאַמף ביי סטאַלינגראַד און געענדיקט מיטן זיג אויפן זשיטאָמירער פראָנט — איבער 1000 קילאָמעטער. און נאָך: אָנגעהויבן מיטן זיג ביי אַל־אַלאַמיין פון מצרים און געענדיקט — ביי רוים. בסך הכל האָט דאָס יאָר דערנענטערט דעם סוף. האָפענונגען פאַרגרינגערן די ליידן.

5.3.44

די האָפענונגען וועגן אַ שנעלע ענדע פון קריג ווערן שוואַכער. וועגן „צווייטן פראָנט" — קיין שמועה נישט. אויך די אויסגעחלומטע נאָך־מלחמה־וועלט, די וויזיע וועגן אַ נייע וועלט פון גערעכטיקייט און יושר, וועלכע וועט אויפשטיין נאָך דער בלוטיקער מלחמה — אויך מיט איר איז עפּעס נישט אין אָרדענונג... לויט מ'זעט פון די „געשפּרעכן", „אונטערהאַנדלונגען" אאַז"וו. ניין! עפּעס איז נישט אין אָרדענונג!

28.3.44

די רוסן גייען נישט — זיי לויפן. אַפילו אין די בלאָטעס פון פּינסק און די ליימען פון פּאָדאָליע. שוין אַרויף אויפן רומענישן באָדן. די דייטשן האָבן אָפיציעל אָקופּירט אונגאַרן און רומעניע. אַ סימן דלות — זיי גלייבן נישט די פּאַרבינדעטע זייערע.

און ביי אונדז: ברויט — געשטיגן, מעל — געשטיגן. מ'איז הונגעריק...

דער זעקסטער פּסח אין גלות בתוך גלות

1.4.1945

מערקווירדיק. דער ליכטיקסטער יום־טוב, דער חג חרותנו פאַלט אויס אין די שווערסטע פאַר אונדז צייטן. איך דערמאַן זיך: 1) פּסח אין לעמבערג — די קלאַנגען וועגן פּאַרשיקן, די שרעק ערב אָפענסיווע אויף פראַנקרייך; 2) פּסח אין קומע (סיבירער וועלדער) — מפּלות אויף די פראָנטן, אין אַפריקע. אָך, ווי שרעקלעך פאַרצווייפלט זענען מיר דאָן געווען! 3) פּסח אין קאָלכאָז, ביי דער וואָלגע — געוווינט אין אַ גרוב אונטער דער ערד (זעמליאַנקאַ). ערב יום־טוב האָט די טויבע גויע דעם ליימענעם אויוון צעהאַקט און מיר זענען אָן ברויט געבליבן (מצות? — אַ חלום...); 4) פּסח 1943 — איך אין שפּיטאָל, רוסלאַנד האָט איבערגעריסן די באַציונגען מיט שיקאָרסקיס רעגירונג, די געצווונגענע „פּאַספּאָרטיזאַציע" און די מורא פון גיין אויפן פראָנט. 5) פאַראַיאָרן 1944 — דאָס כאַפּן בייגאַכט צום מיליטער. געמיינט האָט מען, אַז קיינער בלייבט שוין נישט. 6) היינט דער זעקסטער פּסח — די קריג פאַר ענדע און ווי טרויעריק די אויסזיכטן אויף שלום. וואָס נענטער צום זיג — אַלץ בולטער באַווייזן זיך די פּרצופים פון די אימפּעריאַליסטישע שטרעמונגען.

וואָס וועט זיין איבער אַ יאָר?...

יום טוב!

9.5.1945

נעכטן ביינאַכט האָט דייטשלאַנד אָפיציעל קאַפּיטולירט. די קריג איז געענדיקט. נאָך די ערשטע שעהן פון אויסערגעוויינלעכער פרייד, צוריק די טרויעריקע געדאַנקען מיט נאָך מער קראַפט. די קריג איז געענדיקט, געזיגט האָבן ענגלאַנד און אַמעריקע, די רוסן און פאַליאַקן. געזיגט האָבן אַנדערע. און מיר יידן?

מיליאָנען קרבנות — און וואָס האָבן מיר געווינען? מיר האָבן געזיגט?... אָך און ווי! היטלער איז געפאַלן — אָבער פאַר דעם אונדז אומגעברענגט. און וואָס וועט זיין מיט דער שארית הפליטה? אולי ירחם...

אין „באַפרייטן" פּוילן

2.6.45

די ידיעות פון מדינת פּוילן שרעקן אונדז. אָט איז אַ בריוו פון לעזשאַנסק געקומען. נאָך די אַקציעס פון די דייטשן זענען קוים 15 יידן געבליבן, האָבן די פּאָליאַקן זיי אומגעברענגט. געבליבן זענען בלויז צוויי. און די דאָזיקע מערדער דאַרפן זיין אונדזערע בעלי־בתים? שרעקלעך! זעקס יאָר פון פּיין און ליידן און יעצט אַזאַ „ליכטיקע" צוקונפט. אומגליקלעך יידיש פאָלק! פאַרוואָס קומט אונדז דאָס?

אַהיים?!

1.7.45

ענדלעך, ענדלעך! היינט איז געמאָלדן געוואָרן וועגן אַן אָפּמאַך צווישן פּוילן און סססר וועגן אונדזער אַרויספאָר. די ידיעה האָט פּשוט מחיה געווען די מענטשן. אָט דער טעקסט: „אין ציל פון צוריקפאָר, האָבן רעכט אַלע געוועזענע בירגער פון פּוילן — פאָליאַקן און יידן — אָפּצוזאָגן זיך פון רוסישער בירגערשאַפט ביזן 1.9.45" אאַ"וו.

איצט — נאָך אַ ביסל געדולד, אַ חודש, צוויי און — „פאַיעכאַלי"!

עפּילאָג

18.7.45

טורקעסטאַן, ערב תשעה באב. מאָרגן, דער טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער, דער סימבאָל פון אונדזער שווערן גורל. אונדזער פאָלק איז געבוירן געוואָרן מיט דעם טאָג. ווי אַ טרויער־מצבה שטייט ער אין אונדזער געשיכטע. ערשטער חורבן, צווייטער חורבן און ווייטער, און ווייטער... ווען ענדלעך וועט דער טאָג שוין אַ יום שמחה זיין? ווען ענדלעך וועלן מיר שוין קענען שטאָלץ אויפהויבן אונדזער קאָפּ און זאָגן די פעלקער: מיר זענען טאַקע דאָס אויסגעוויילטע פאָלק, מיר זענען טאַקע בעסער פון אייך! די צרות האָבן אונדז נאָר אויסגעאיידלט און געבעסערט. ווען ענדלעך? די לעצטע שחיטה פון קריג קען דינען אַ גענוגנדיקער טראַגישער עפּילאָג. גענוג!

רבקה פליישער

פון מיינע איבערלעבענישן אין סאוויעטישן „גן עדן"

ווען די דייטשע מערדער האָבן אונדז פון שטאָט פאַרטריבן
און מיר זענען אָן אַ היים געבליבן,
זייענדיק אַ פּאָר וואָכן נע ונד —
האָבן מיר ביז בזשוכאָוויץ אָנגעשפּאַרט.
לאַנג זענען מיר אָבער דאָרט נישט פאַרבליבן,
אין טיף רוסלאַנד האָבן אונדז די סאָוויעטן באַלד פאַרטריבן.
אין אונדזערע שענסטע בליענדע יאָרן,
האָבן זיי קיין סיביר אונדז געצוווּנגען צו „פאָרן".
גרויס איז אָבער געווען אונדזער אַלעמענס פרייד
וואָס זיי האָבן אונדז קינדער פון די עלטערן נישט צעשייד.
(נאָר די עלטסטע שוועסטער, וועלכע האָט די מומעס עצה אָנגענומען
און „געשוואַרצט" זיך צוריק אַ היים מיט איר צוזאַמען,
כדי פון דאָרט אַביסל זאַכן מיט זיך דאָ אַהער צו נעמען,
האָט שוין מער צו אונדז צוריק — נישט געקענט קומען).
מ׳האָט אונדז אין לאַסט-וואַגאָנען פאַרהאַקט,
און ווי די חיות דאָרט אַריינגעפּאַקט.
דער וואַגאָן איז מער געשטאַנען —
ווי געגאַנען...
איינמאָל אין דער נאַכט,
האָט מען אונדז אַביסל „זופּ" אַריינגעבראַכט.
וואָכן האָבן מיר זיך אַזוי געשלעפּט,
קומענדיק קיין סיביר אויסגעמוטשיט און דערשעפּט.
אין די סיבירישע טייגעס האָט מען אונדז ווייט, ווייט פאַרוואָרפן,
און מאַכן די „נאָרמעס" האָבן מיר דאָרט באַדאָרפן.
אונדזער וווינונג איז געווען אַ גרויסער „באַראַק",
פון הוילע ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט.
געשטאַנען זענען דאָרט צוויי גרויסע פּריטשן,
וועלכע האָבן געדינט צו שלאָפן און צום זיצן.
די וואַנצן האָבן ביינאַכט געביסן —
אַז מיר האָבן פון זיך שטיקער פלייש געריסן.
געדאַנקט האָבן מיר, אַז עס איז שוין דער פרימאָרגן,
אָבער דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע זאָרגן:
צו דער אַרבעט האָט מען אונדז געטריבן
און דער „דזשעשאַטניק" האָט יעדן פאַרשריבן.
אַזוי איז די גאַנצע „בריגאַדע" —
מיט זעג און העק געגאַנגען — ווי צו אַ דעפילאַדע...
אין אַ טיף געדעכטן וואַלד האָבן מיר געמוזט האַקןביימער
און אַז מ׳קען דאָס נישט — טאָר חלילה נישט זאָגן קיינער.
מיר האָבן געאַרבעט עבודת־פרך —
אָבער רייך דערפון זענען מיר נישט געוואָרן ווי קורח...
דער קלאַנג פון די זעג און העק —
האָט זיך געטראָגן ווייט ביזן אַנדערן עק.
פון מינוט צו מינוט האָט זיך אַ טיפער זיפץ געלאָזט הערן
און אַ ברימען — ווי פון ווילדע בערן:

,,אוי! ווי! איך קען שוין מיין —
אויף מיינע פוס נישט שטיין.
דערוואַרט זיך שוין דעם זון־אונטערגאַנג — האָט מען גענומען די זעג און האַק
און געלאָפן צוריק כדי וואָס שנעלער צו זיין אין באַראַק,
אין דער ,,סטאָלאָווע״ וואָס פריער אַריינצולויפן,
די אָרימע נאָרמע ברויט מיט דער ,,סופ״ אויסצוקויפן.
דער ,,אָטשערעד״ איז גרויס,
יעדע שטופט זיין שיסל פאָרויס...
,,איך האָב היינט באמת געהאַט גליק —
אַ געדעכטע ,,סופ האָב איך באַקומען — גיב אַ קוק!״

*

דער נאַטשאַלניק גיט אַ באַפעל: צו קומען אויף אַ ,,סעבראניע״.
אַלע גייען מיר ווי אויף אַ ,,זאַוואָלאַניע״.
אפשר, אפשר וועלן מיר אַ גוטע נייעס הערן —
אָבער ליידער טוט ערנאָך אונדזערע צרות פאַרמערן.
ווען מ׳ פרווט פון דער היים נאָר צו רעדן בלויז
ענטפערט ער בייז: ,,שלאָגט אייך דאָס פון קאָפּ אַרויס!״
איר קענט פאַר אַזאַ שאלה —
באַלד באַקומען אַן אָנקלאַגע.
מיר קומען אין באַראַק צוריק אַריין
עס טוט זיך אַ יאָמער, אַ געוויין.
אַ גערודער —
צווישן שוועסטער און ברודער;
טאַטע־מאַמע —
אַלע שרייען צוזאַמען.
און אין דרויסן — אַ שניי, אַ פראָסט, אַ קעלט
מיר זענען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט.
דער הונגער, די נויט איז גרויס.
אוי, צי וועלן מיר פון דאַנען אַמאָל אַרויס?
דאָך הערשט אַן אידיליע —
באַזונדערס צווישן אונדזער פאַמיליע.

*

אין איינעם אַ זומערדיקן פאַרנאַכט,
מיר זיצן פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט,
ווי׳ נעמט מען געלט אויסצוקויפן די נאָרמע ברויט?
דער ,,פּרעדאַוויעץ״ וויל נישט באָרגן — ס׳זאָל אויף אים קומען אַ טויט!
קומט ער אַליין אַריין, גלייך זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש,
און פרעגט: ווער קען מאַכן אַ ,,וולאָך״ אויף צו כאַפּן פיש?
מיין שוועסטער טעמאַ האָט זיך די אַרבייט אונטערגענומען
און דערפאַר — אַ פאָר ברייטלעך באַקומען.
דער טאַטע ווידער האָט עפּעס אַ ווייט פאַרוואָרפן דאָרף געפונען,
האָט ער זיך דאָרט צו גיין ,,טוישן״ גענומען,
דאָס לעצטע מלבוש וואָס מיר טון נאָך פאַרמאָגן,
דערפאַר אַ ביסל מעל און קאַרטאָפל געברענגט צו טראָגן.
און אַ שמחה אַ יום־טוב אַ גרויסער איז געווען,
ווען מיר האָבן דעם טאַטן מיטן ביסל קאַרטאָפל צוריק דערזען.
אַזוי איז ער איבער די דערפער געקראָכן,

לאַנגע, לאַנגע וואָכן.
דעם וועג האָט ער באַגאָסן מיט טרערן,
"ג־ט! לאָז מיך אַ לעבנס־צייכן פון מיין טאָכטער הערן!
טיף פאַרטראַכט, אין מיטן דעם געוויין,
דאַרף ער אַ פאַרפרוירענעם טייך אַריבערגיין.
ער שטעלט דעם ערשטן טריט —
דאָס אייז ברעכט זיך אונטער אים איין אין דער מינוט.
ער גיט אַ געשריי: „אוי, ג־ט מיינער!
עס וועט דאָך נישט וויסן אַפילו קיינער —
וווּ עס זענען אַהינגעקומען מיינע ביינער!"
און פלוצים ער פילט עפּעס אַ געהיימע האַנט נעמט אים אָן,
און ביי אים ציטערט אַ צאָן אין אַ צאָן...
ער דרייט זיך אויס —
און ער זעט פאַר זיך אַ גרויס הויז.
ער הויבט זיך אָן צו בעזינען —
ווי אַזוי בין איך דאָ אַהער געקומען?
שנעל איז פאַרשוווּנדן דער געהיימער מאַן.
אוי, נסים זענען נאָך טאַקע פאַראַן.
ווען ער איז אין באַראַק צוריק געקומען
האָט ער צום דערציילן די נסים זיך גענומען.
„ק י נ ד ע ר!
געשען איז מיט מיר היינט וווּנדער"!
מיר האָבן פאַר גרויס גליק און פרייד —
זיך אַלע שטאַרק צעוויינט.
יעצט האָבן מיר געלעבט מיט גרויס בטחון,
אַז סוף סוף וועט קומען דער נצחון,
מיר וועלן פון די פינצטערע וועלדער אויסגעלייזט ווערן
און אַז אונדזער שוועסטער לעבט — וועלן מיר נאָך אויך הערן.

✶

ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכער מאָמענט —
זיך געזעגנען מיט די הילצערנע פינצטערע ווענט.
פון די וועלדער האָט מען אונדז טאַקע באַפרייט,
אָבער פאָרן אין ווייטע פאַרוואָרפענע ערטער האָט מען אונדז גענייט.
ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו אַ באַן־סטאַציע,
האָבן מיר אַלע נאַכט ביי אַן אַנדערן גוי געבעטן אַ געלעגער און קאָלאַציע...
מיין שוועסטער טעמאַ צוזאַמען מיט מיר,
האָבן געהאַט מזל אָן אַ שעור:
אַ גוטע „כאַדזייקע" האָבן מיר געפונען —
אַביסל ריבן אויף נאַכט־עסן האָבן מיר פון איר אויך באַקומען...
אויך איבערנעכטיקן האָט זי אונדז דערלויבט —
דערפאַר האָט זי געשריגן אַז מיר האָבן זי באַרויבט...
געשען איז עס אינמיטן דער נאַכט,
ביידע האָבן מיר זיך צוזאַמען אויפגעוואַכט,
די ריבן טוען אונדז שרעקלעך דריקן —
מיר מיינען — זיי וועלן אונדז דערשטיקן...
מיר באַקומען שטאַרקע שמערצן אין מאָגן
מיר האָבן אַפילו נישט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן.
מיר ווילן גיין אַרויס,

פאַרמאַכט איז אָבער דאָס הויז.
מיר עפנען שטיל די טיר,
און מיין שוועסטער זאָגט צו מיר:
אוי, אַ צרה האָט אונדז געטראָפן —
די קו איז אַנטלאָפן!...
די „כאַדזייקע" האָט די „ענקאַווועדע" באַלד גערופן —
זיי טוען אונדז קודם באַזוכן.
מיר האָבן אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן
און די ווערטער צו זיי זאָגן:
„צו וואָס דאַרפן מיר אַ קו —
מיר האָבן דען אַוו אַהינצוטון זי?!"
„האָט אויף אונדז רחמנות
מיר זאָגן אייך באמונות,
מיר זענען ערלעכע קינדער —
לאָזט אונדז צו אונדזערע עלטערן גיין געשווינדער".
ג־ט האָט ווונדער אונדז באַוויזן —
זיי האָבן אונדז באַלד פריי געלאָזן
און דערלויבט אונדז צו גיין.
געלאָפן זענען מיר — וואָס שנעלער ביי דער סטאַמיע צו זיין.

*

מיט שווערע ביטערע מי —
זענען מיר קיין בינסק געקומען אַהין.
דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע ליידן —
מיר האָבן זיך מיט אונדזערע ברידער געמוזט שיידן.
מ׳האָט זיי גענומען צום מיליטער
און געגעבן זיי געווער.
דאָס „סטרוי־באַד" לידל האָבן זיי יעדן טאָג געזינגען,
ווייל מ׳ האָט זיי דערצו געצוווּנגען.
אונדזערע ליידן און שמערצן —
האָבן מיר געפילט, ווען אונדז אונדזער לעבן פאַרקירצן.
דער איינציקער טרוים איז געווען: האָבן אַ שטיקל ברויט צו דער זעט,
מען האָט דאָך נישט געוואָלט פון דער וועלט אַוועק...
האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַליין צו שטאַרקן און ווערן פעלזן־פעסט
און געהאָפט, אַז מיר וועלן דאָך אַרויס פון די ביטערע נעסט.
מיר האָבן געבעטן צו ג־ט ער זאָל אונדזער תפילה צוהערן
מיר זאָלן וואָס שנעלער פטור ווערן
פון די ווייסע בערן...
און השי"ת האָט אונדזערע בקשות אָנגענומען —
פּאַספּאָרטן צום אַרויספאָרן האָבן מיר שוין באַקומען.
מיר האָבן געהאָפט אַז יעצט וועט אונדז ג־ט אַ פריי לעבן באַשערן
און אַז אונדזער שוועסטער לעבט — וועלן מיר אויך באַלד הערן.

*

דעם גרויסן ג־ט געבן מיר אַ דאַנק,
אַז מיר האָבן זוכה געווען צו קומען אין אייגענעם לאַנד
און טאַקע — אַלע ביינאַנד.
(נאָר אַזוי ווי אונדזער שוועסטער האָט פון אונדז נישט געוווּסט —
האָט זי קיין בראַזיליע מיט איר מאַן פאָרן געמוזט).
מיר זענען גליקלעך און צופרידן,
אַז מיר זענען דאָ אין ישראל בלויז צווישן יידן.

מצבה לקדושים



מי יתן ראשי מים ואבכה יומם ולילה
ועיני מקור דמעה את חללי בת עמי
(ירמיה ח׳)

רשימה

של קדושי טרנובז׳ג שנרצחו וניספו בשואה על־ידי הנאצים ועוזריהם ושנפטרו בגלות בימי מלחמת העולם השניה בשנות: 8.5.1945—1.9.1939

בשם כל אנשי עירנו ובשם כל העוסקים בהדפסת ספר זה — אנו מבקשים מחילה וסליחה מאת הקדושים והנפטרים ששמותיהם לא הוזכרו בשגגה ברשימת־מצבה זו.

המערכת

א

אויסיבל פייגה חנה
אוסטר יצחק הירש שו"ב ואשתו
איזק בינה ובתה
איידלסברג ומשפחתו
אֶלטברגר נפתלי ואשתו
ילדיהם: חיים, שמואל, הירשל ובת
אלטמן מרים ופרידל
אלפנט גרשון וינטה ובנותיהם שרה איידל
אלפנט מירל, בנה משה אהרון
אנגלברג ניסן
אנגלברג רבקה
אנגלברג משה
אנגוור גיטשה, בעלה וילדיה
אוסט יהושע ורחל
אוסט יוסף ובילה
ילדיהם: שרה, משה, נפתלי
אוסט אברהם בן יוסף ואשתו
אוסט אברהם ואיטה
בניהם: אליעזר, חיים
אפשטין יחיאל, ילדיו: זינוול, יעקב
אראטן משה וחיה
בניהם: ברוך, צבי, אביש
בנותיהם: פרל פריברגר
שינדל גרסטן
אשר שלמה ואשתו

ב

בוידה בריש ומשפחתו
בוק ברל ואשתו
בניהם: יודל, פרידה
בורשטין אוריש ומשפחתו
בורשטין יצחק
ילדיו: חיה, טובה, פנחס, רוחמה, רבקה, לאה
בורשטין אליעזר ומשפחתו
בורשטין פיגה
בורשטין מטילדה
בורשטין יחיאל ואשתו
ילדיהם: אליעזר, רבקה, סימה, רחל, צשה, בריל
ביטקובר הורים וילדיהם
בינדר לייזר ושיינדל, 3 ילדים
בליצר חיים וגיטל
בניהם: שלמה, יעקב, שרה
בלוט פייבל ופריידל
בנותיהם: טובה, אסתר, שרה מלה, לאה
בליצר ישראל, אשתו, בתו ובניו
בעער פנחס ואשתו
ילדיהם: פיבל, מרדכי, שפרה
בראוו אלימלך וברכה ומשפחתם
ברבר ברוך ואשתו
ברגשטין יוסף ומשפחתו
ברגשטין שלום ומרים
ברגשטין יהודה לייב
ברגשטין שמעון
ברגשטין אסתר רייזל
ברגלס דוד ושרה
ברגלס שלמה
ברוד יצחק ומשפחתו
ברוד אלימלך ושרה
בניהם: וולף, מלכה
בראטן בריש
ברוור׳ ברוך ורחל
ברוור אלתר ופסיל ובנותיהם
ברייט ברל
ברלינסקי אפרים ומשפחתו

על אלה אני בוכיה, עיני עיני יורדה מים... היו בני שוממים, כי גבר אויב (איכה א׳)

ברנר אליעזר ליפה ודבורה
ברנר יחזקאל יהודה ורבקה
ברנר גיטל, בנותיה: לאה, בינה
ברנר צירל, בנה: חיים
ברנדמן חיה
ברויטמן שמואל וצפורה
ילדיהם: שרה, חווה, חיה, אריה ליב

ג

גאבל טוביה ורבקה
ילדיהם: שרה, פרימט, גיטל, רחל ולאה
גוטליב ומשפחתו — ד״ר, עורך דין
גוטסדינר טודריס ושרה וילדיהם
גולדברג וולף
גטר אהרון, בנו: אברהם יעקב
גלט ליביש והדסה, בתם: איידל
גרובר שינדל לאה, מאיר
מינדל, סערל
גרויסהויז יהודה ובלימה
גרוסברג רבקה
גרוס שלמה וקיילה בליצר וילדיהם
גרטנר מנדל ומלכה ומשפחתם
גריזמן יחיאל ומשפחתו
גריזמן זישה ומשפחתו
גרינבוים מעשה
גרינבוים משה ומלכה
גרינבוים נחמיה ואלטה וילדיהם
גרינבוים דוד ומשפחתו
גרינבוים אלחנן וחנה וילדיהם
גרינבוים חיים ומשפחתו
גרינבוים בלומנשטוק גיטל ומשפחתה
גרינגלז משה
גרינברג יחיאל וגיטל, בנם יוסף
גריער אברהם ואשתו, בן ובת
גריער מנדל ורבקה וילדיהם
גרפונקל זיינבל וגיטל
בנם: אהרון יהושע
גרפונקל יצחק ושפרה
ילדיהם: רפאל, לובק, 3 בנות

גרסטן מרדכי
ילדיו: הרש, משה, מיכאל, ביילה

ד

דרפלר הירשל ומשפחתו
דרפלר פנחס וילדיו
דרשביץ יחזקאל וניחה וילדים

ה

האר ירמיה ואשתו
האקל יחזקאל
הויזר זישה ואשתו, 3 ילדיהם
הויזר מרדכי וגיטל
הויזר אברהם אביש וטעמה
ילדיהם: בלימה, צבי הירש
הויזר יהושע
הויזר בריש וינטה
הויזר יעקב
הויזר לאה שרה
הויזר נפתלי
הויזר מירל
הויזר ברנדל
הויזר יוכבד
הויזר רבקה
הויזר הרש קלמן
הויזר איטה
הויזר אליהו
הויזר פישל
הויזר פסח
הויזר ינטה
הוניג חיים ושרה
הוניג אבא ומשפחתו
הוניגואקס זיסל
בניהם: אריה ועמנואל
הונגסברג אלימלך ולאה
ילדיהם: חיה, אברהם, לייב

שכבו לארץ חוצות נער וזקן — בתולותי ובחורי נפלו בחרב (איכה ב׳)

הורוביץ	אלטר יחזקאל וחווה —
	האדמו"ר והרבנית
הורוביץ	חיים מנחם מנדל ורבקה
	הרב והרבנית
הורוביץ	ישראל, בנו: שמואל
הורוביץ	מלכה
הורן	וולף
הירש	פנחס ומשפחתו
הלר	ישראל וגיטל
	ילדיהם: ריזל, זלדה, פנחס
	דבורה, שרה
הלפר	מרדכי ומרים
	ילדיהם: חווה, רחל, שרה
הנדלסמן	יוסף וגיטל, בן ובת
הרטמן	אביגדור ואסתר
הרינגפס	זיסל ורחל, בתם פרל
הרינגפס	יוסף ומשפחתו
הרצל	יוסף הירש — החזן
הרצל	שמואל ומשפחתו
הרצל	חיים ומשפחתו

ו

ואהל	הערשל ומשפחתו
ואהל	פנחס וחנה
ואהל	ישראל ושרה
ואהל	יעקב וברנדל
	ילדיהם: אברהם חיים, זיסל
ואהל	פסח ומשפחתו
וגנר	שאול ומלכה
ויזל	יעקב וגיטל, 7 ילדים
ויזנפלד	יחיאל ומשפחתו
ויזנפלד	ישעיה
	בתו: פרימט
	בנו: מרדכי, 2 ילדים
	בתו: רחל, 2 ילדים
ויזנפלד	חיים וחנה
	בנם: אברהם ומשפחתו
	בתם: רבקה ומשפחתה
	בתם: שפרה ומשפחתה
ויזנפלד	בינה
ויזנפלד	רוחמה
	בנה: הרב דוד ומשפחתו
	בתה: חנצ׳ה ומשפחתה
ויזנפלד	שמאי אשתו וילדיו
ויכסל	יוסף ואשתו
וינבוים	יעקב ופיגה וילדיהם
וינמן	יהושע השל ופסל
וינמן	שמחה ופרידה 2 ילדים
וינמן	חנה, 2 ילדים
וינמן	אלקה
וינמן	משה יהודה
וינמן	זלדה
וינריב	ליביש ואיטה
	ילדיהם: מנדל, רבקה, ישעיה,
	בנימין, בילה, מרדכי, יוסף
ויסבלום	יחיאל וחנה
	ילדיהם: ישראל, נתן, אטל
ויסלר	אסתר
ויסלר	הרש
ויסלר	בלומה
ויסמן	וולף ופסיל
ויסמן	ברוך ומשפחתו
ויקסלבוים	**יוסקה ואשתו**
ולדמן	יצחק ומרים
וסר	**משה ולצה**
וסר	גולדה, אהרון, הרשל
וסר	אלי
וסטרייך	יצחק וגולדה, בנם: יעקב
וקסלר	טוביה
וקסמן	מרדכי ואשתו
ורשבסקי	דוד ומשפחתו
ורשבסקי	הירש ומשפחתו
ורשבסקי	ישראל ומשפחתו

ז

זיטנרייך	איטה
	שרה ויעקב
זילבר	שמואל

מחוץ שיכלה חרב בבית כמות (איכה א׳)

זילבר רחל
זילבר חיה
זילבר רבקה
זילבר מלכה, בנה: הרש וולף
זילבר רבקה
זילבר יעקב ואשתו
בנו מרדכי ושתי בנות
זילבר הירש ליב ומשפחתו
זילבר דוד ומשפחתו
זילבר מרדכי
זילבר אלקנה ומשפחתו
זילבר ביירך ומלכה
בתם: דורה ומשפחתה
בתם: רבקה ומשפחתה
זילבר יצחק ופיגה
בניהם: ירמיה, שלום, בריינדל
זילבר מאיר ומשפחתו
זילבר הרצל
בתו: מרים הוכהיזר וילדיה
בתו: רבקה טהלר ובניה
בתו: אסתר עדער וילדיה
בתו: פרידל גרוס וילדיה
בתו: חיה פעטער וילדיה
זילברמן אהרון אשתו ובן
זילברברג מאיר
זיידן אברהם ומשפחתו
זליקוביץ ראובן ומשפחתו
זלצמן לייביש ושמואל
זמורה שמואל ואשתו
בניהם: וילהלם, פרידריק

ח

חיים חיים
חיים אברהם

ט

טויבאיזל לייבל ומשפחתו
טויבאיזל שמעון
טויבר חוה
טופר ישראל
טופר נתן ורייזל
טופר גימפל
טייטל חיים דוד
טייטל שמשון
טייטל לייביש
טייטל גיטל וילדיה
טייטל אסתר וילדיה
טייטל חיים יוסף
טייטל הרשל ומשפחתו
מישל, זלדה, ברנדל
טירשוול גרשון — מלמד
טירשוול אליעזר אשתו ובתו
טירשוול לייזר ושיינדל
טירשוול אברהם לייב ומשפחתו
טננבוים אהרון אלעזר וטעמה
ילדיהם: יעקב, חוה
טננבוים אליעזר ואשתו
בנו ובנותיו, נכדו יחזקאל
טנצר טוביה ושרה
טנצר (קורן) מייטה

י

יוטנר חיה
יוטנר שרה, בעלה וילדיהם
יוסט פייגה
יוסט מרדכי דוד וחיה
ילדיהם: שלמה, רחל, בילה
יוסט—ויזן זלטה
יוסט קירשפלד מלה
יוסט יהושע ומניה
יוסט שיינדל
יאם גרשון וגיטל
ילדיהם: לאה ומלכה
יוסקוביץ איציק וזלדה

כ

כהנא חיים וגיטל, בנם: מרדכי
כץ (שנל) טוביה ומינדל
ילדיהם: פרידה, חיים

טובים היו חללי חרב מחללי רעב (איכה ד')

כץ—וינמן	בילה וילדיה
כץ	ראובן
כץ	אטל, 3 ילדים

ל

לב	מלכה בת הנדלסמן
לב	לאה
לב	חנה
לב	שרה
לב	נח אלטר
לב	פרל
לב	שינדל
לבין	משה שו"ב, בנו אברהם
לויפר	גולדה
לויפר	דוד
לויפר	חיים, בתו: הניה
לויפר	חיים מרדכי
לויפר	ישראל
לויפר	בריש ואשתו
לויפר	חיה
לויטמן	רחצ'ה
לויטמן	רייזל
לוי ד"ר	פיזיק
לוסטיג	שרה
לייפציג	משה ואשתו, 2 בניהם
ליכט	בנימין וליבל
ליכטמן	אהרון ורבקה
	ילדיהם: פייגה, אידל, אברהם
ליכטמן	איטה
ליכטמן	אלטר וחיה
	ילדיהם: מרדכי, ברוך
	חיים יחיאל, שמחה
ליכטמן	הרש ומשפחתו
ליכטמן	פנחס ומשפחתו
לינדן	עבער ומשפחתו
לנגר	אבא
לנגר	הרש
לנדוי	יוסף ורחל
	בניהם: שמחה טוביה, אפרים,
	יעקב, ומשפחותיהם
לנדוי	בריש
לסט	זלדה, ילדיה: דוד, הינדה
לסט	רייזל
לסט	רחל
לסט	הרשל'ה ומשפחתו
לרנר	שמואל יעקב ואשתו
	ילדיהם: מנס, אברהם
	יחיאל, חמה, ומשפחותיהם

מ

מוזס	פרל ומשפחתה
מונהייט	יונה
מונהיט	אליעזר
מונהיט	אשר ורבקה
	ילדיהם: לאה רחל, יצחק
מורוביץ	רבקה
מילר ד"ר	שרגא ורוחמה, בתם הלה ובנם
מינצברג	יעקב ואלימלך
מינצברג	שלמה יהושע ומשפחתו
	בנו לייבל
מלמר	יחזקאל ובילה, פייגה, רבקה
מקלר	נפתלי ומשפחתו

נ

נויוירט	פשה
נוסבוים	שבתאי יחיאל, בתו: טעמה
נוסבוים	אלימלך ושרה
	בנותיהם: חנה, ריקל, פסל
נוסבוים	אהרון ופרל וילדם
נוסבוים	הרש ומשפחתו
נוסבוים	הינדה
נוסבוים	ירוחם ושרה
נוסבוים	יצחק וזלטה ומשפחתם
נוסבוים	רוחמה
נוסבוים	מנדל
נוסבוים	פינליס רבקה וילדיה
נוסבוים	קרפיול שבע ומשפחתה

השמחים אלי גיל, ישישו כי ימצאו קבר (איוב ג')

נוסבוים	שמואל חיים
נוסבוים	עטל
נוסבוים	שפרה
נוסבוים	אפרים
נוסבוים	רבקה
נוסבוים	משה יוסף ומשפחתו
נוסבוים	אלחנן דוד ומשפחתו
נוסבוים	חנה ומשפחתה
נוסבוים	מינדל
נוסבוים	גננדל
נוסבוים	פראדאלע
נוסבוים ד"ר	יוסף וז'נט, בנם : זיגמונט
נחמוביץ	פסח ומשפחתו
נטוביץ	פרומיט
ניגרבויר	אברהם וחנה אידל, וילדיהם
ניישטעטל	אהרון
ניישטעטל	דוב בר אשתו וילדיו
ניישטעטל	מרדכי דוד
ניישטעטל	שיינדל, בעלה וילד

ס

סוקולניקר	שמואל ומשפחתו
ספיר	אלימלך וגיטל
ספיר	אפרים ומשפחתו
ספיר	אהרון ד"ר ורב
ספיר	דוד ומשפחתו
ספיר	משה
סקוטניקר	שמואל ומשפחתו

ע

עבן (לסט)	יוסף ומשפחתו
עבן	הרש ומשפחתו
עבן	לייב ומשפחתו
עברשטרק	וולף וחנה
עברשטרק	שמעון ובניו
עברשטרק	אלעזר ובניו
עברשטרק	חיים
עברשטרק	חיה
עברשטרק	רויזה
ענקער	הרש ורבקה
	ילדיהם : חיים, אהרון, משה
עסיג	יעקב וגיטל
	ילדיהם: שמשון, מיכל,
	חיה עטל, יוסף, משה דוד
ערליך	רוזה
ערליך	יהושע
ערליך	שרה
ערליך	מרדכי יואל
ערליך	לאה
ערליך	פייבל שרגא
ערליך	חנה
ערליך	חיה, קילה, רחל

פ

פאם	שמחה וחנה
פאם	שמעון
פבריקנט	שפרה
פבריקנט	אברהם ומשפחתו, בנו : זלמן
פדרבוש	בייניש וינטה
פדרבוש	לייב ואיטל, בנם : יוסף
פדרבוש	יעקב ומשפחתו
פדרבוש	אפרים ושרה
פדרבוש	ישראל אשתו וילדיהם
פודולסקי	משה וגלה, 2 ילדיהם
פוטרביטל	משה ומשפחתו
פוטרביטל	איזיק ומשפחתו
פורטגנג	וולף ואסתר
פורטגנג	נטע ואשתו, בנם : נפתלי
פורטגנג	אסתר
פייט	יוסף והדס
	ילדיהם : צ'רנה, הרש
פייט	יעקב
פייט	נפתלי
פירסט	בונים ומשפחתו
פירשטנצל	מאיר ואשתו
פלישר	ישראל ואשתו
	בניהם : אברהם וחיים

שרים בידם נתלו פני זקנים לא נהדרו בחורים טחון נשאו ונערים בעץ כשלו (איכה ה')

פלישר ביניש ואשתו
פלישר משה (בן ישראל) ומשפחתו
פלישר רויזה
פלישר נח
פלישר משה חיים ומשפחתו
פלישר שמחה ומשפחתו
פלישר יעקב ומשפחתו
פלישר אברהם ואשתו
פלישר יוסף ומשפחתו
פלישר ליזר
פלנצר מרדכי, בתו: חיה ינטה
פלנצר טמה ומשפחתה
פלאשן פיגה
פלאשן וולף
פלאשן ליזר
פלאשן חנה
פליך אברהם ושרה
ילדיהם: ברכה, חנה, יעקב
ישראל זלמן
פניכל אברהם יהושע
פניכל קריינדל בילה
פניכל משה יהודה
פניכל מלכה לאה
פניכל בינה
פניכל פרומיט
פניכל חנה
פניכל זבולון
פניכל הרש מנדל
פניכל יוסף
פניכל חיים שמרל
פניכל אשר
פניכל ליבר ומשפחתו
פנסטרשטוק יצחק לייב וברנדל,
בנם: אהרן
פנסטרשטוק לאה
ילדיה: מאיר, יעקב, בילה
פנסטרשטוק חיים
פנסטרשטוק יעקב
פנסטרשטוק פרל
פנסטרשטוק חנה
פנסטרשטוק יוסף

פנסטרשטוק הרשל
פנסטרשטוק מלה
פנסטרשטוק קיילה
פנסטרשטוק רבקה
פנסטרשטוק גיטל
פנסטרשטוק חיה
פנסטרשטוק שמחה
פנסטרשטוק שרה
פנצר יהושע ורבקה
ילדיהם: חוה, פיגה,
קופל ועוד
פנסטרשייב הרש יוסף ובילה
בנותיהם: רחל, ניסל
והצעירה
פפר קלמן וטובה, 2 ילדיהם
פרידמן הרשל וגיטל
בנותיהם: הדסה, מאטל
פרלמוטר נפתלי
פרלמוטר אלחנן
פרלמוטר אברהם מאיר
פרלמוטר שרה
פרלמוטר מלכה
פרלמוטר אהרון ומשפחתו
פרנקל אובדיה וחנצ'ה, בתם: חיה
פרבמן ישראל
פרבמן דוד
פרבמן יוסף וחיה
ילדיהם: שלמה, הנצ'ה
פרייזמן ד"ר אברהם ואשתו
פרייזר אהרון לייב, בנו: ליפה
פרייזר זישה אשתו וילדיו
פרייוויליג וולף וגיטל
פרלמן יהושע מאיר
פרלמן ליזר ורחל

צ

צווימן יהושע ופראדל
ילדיהם: משה, שפרה, מרדכי
צוועטשקענבוים אברהם, מנחם מנדל

על שבר בת עמי השברתי (ירמיה ח')

צוועטשקענבוים	זיסל
צוועטשקנבוים	יחזקאל ואיידל
צוועטשקנבוים	גינדל
צוועטשקנבוים	איידל ומשפחתה
צוועטשקנבוים	אהרון ומשפחתו
צוועטשקנבוים	קיילה
צוועטשקנבוים	זליג
צוועטשקנבוים	בילה ובעלה, 3 ילדיהם
צוקרברוט	נפתלי ואיטה, 7 ילדיהם
צוקרברוט	מאטל
צוקרברוט	ניסן ומשפחתו
צוקרברוט	יוסף ומשפחתו
צוקרברוט	מלכה
צוקרברוט	מרדכי
צימבלר ד"ר	משה ומשפחתו
צימרמן	קלמן ואשתו
צימרמן	שמאי וגיצ'ה, ובתם : בילה
צימרמן	משה ומשפחתו
צימרמן	אברהם
צימרמן	ביילה וילדיה
צינמון	יחיאל ומלה
	ילדיהם : פישל, פרידה, יוסף
צנגבוט	חנה
צנגבוט	חיים צבי
צנגבוט	לימיט
צנגבוט	אסתר גיטל
צנגבוט	שינדל
צנגבוט	נתן
צנגבוט	מטיס
צנגבוט	פרידה
צנגן	יעקב ואסתר
	3 בנות ו־1 בן

ק

קומיטו	יוסף
קומיטו	טובה, אסתר, יהושע
קורן	חיים
קורן	פיבל
קורן	יוסף ומלכה
קורן	יעקב, 3 ילדיו
קורן	הניה
קורן	שרה
קורן	רבקה
קורן	אסתר
קורן	שלמה
קורן	חנינא
קורן	נטע ומשפחתו
קורן	שרה ומשפחתה
קורן	הינדה
קורן	רבקה
קורן	צבי
קורן	בלימה
קורן	נפתלי וחווה
קורן	פיבל ומשפחתו
קורנבליט	אפרים ודבורה
קורנבליט	לייבצ'ה ומשפחתו
קיל	רחל
קינסטליך	נחה
קינסטליך	זיינבל ורחל
קינסטליך	בילה
קירשנבוים	פנחס ורייזל
	בניהם : שמואל, ישעיה
קירשנבוים	פייבל וריצה
קירשנבוים	משה ומשפחתו
קירשנבוים	חנה
קירשנבוים	ישראל מאיר ומשפחתו
קירשנבויב	יעקב
קירשנבוים	אברהם יעקב וסריל
	ילדיהם : יצחק, אלימלך, בלומה
קירשנבוים	אשתו של פייבל
	ילדיה : ברוך, 2 בנות
קליין	חיה
	בתה רחל חוה ובעלה
	בנה יעקב ומשפחתו
קליין	ליבה
קליין	אליעזר
קליין	יהושע מאיר — מלמד
קלינבלט	דבורה ומשפחתה
קלינבלט	בילה

פחד ופחת היה לנו השאת והשבר (איכה ג')

קלינבלט	רחל
קלינבלט	הרצל ואיטה
קלינבלט	ברנד פרידל ובנה
קלינבלט	דוד ובנו
קלינבלט	אביש ובנו
קלינבלט	רגינה
קלינמן	ישעיה ומשפחתו
קלינמן	אברהם ומשפחתו
קלינמן	יעקב ומשפחתו
קלינמן	מנדל וסימה
	ילדיהם: בריש, 2 בנים
קלינמינץ	מרדכי ומלכה
	בנותיהם ובנם יוסף
קלר	סימה
קמר	רבקה
קמר	חיים ואטל ומשפחתם
קנובלר	אוריש ומשפחתו
קנופף	יחיאל ומשפחתו
קניגסברג	פישל, בנו שמואל
קניגסברג	משה ברוך
קניגסברג	אליהו
קניגסברג	שפרה
קניגסברג	קיילה
קניגסברג	פייגה
קניגסברג	אליהו
קנר	הרשל וחנה
קנרק	מרדכי וצפורה
קסטנבוים	מרדכי ומשפחתו
קסטנבוים	חיה
קסטנבוים	אברהם אלי ואשתו, ובנותיו
קסטנבוים	דוד
קסטנבוים	שרה בילה
קסטן	יוסף שלום ואשתו
	בנם: שמעון דוד
	בתם: חיה גיטל
קרויט	יעקב ואיטה
קרויט	אברהם
קרויט	סאשע
קרטיגנר	בנימין סופר

ר

רובינשטין	אפרים
רודה	יצחק ואשתו
רודה	פיגה ובנה
רודנר ד״ר	זכריה ומשפחתו
רוזנבוים	יואל ואשתו
רוזנבוים	אהרון ומשפחתו
רוזנבוים	יהושע ואשתו
	בניו: יצחק, ברל
רוזנבוים	אברהם ופרידל, בנם שמעון
רוזנבליט	חיה
רוטווקס	חיה זלדה
רייז	יואל
רייז	בילה
רייז	שינדל
רייז	שרה
רייז	פרל
רייך	אברהם ומשפחתו
רימלר	סימה
רימלר	שרה

ש

שוורץ	דן ומשפחתו
שוורץ	ברל ושרה׳צה
	ילדיהם: אסתר, בת שבע, רבקה, געצל
שולדמן	מרדכי ורבקה
	ילדיהם: אברהם, יעקב, סימה
שטורם	חנוך
שטורם	פסל
שטורם	ניסן אלתר
שטינהרט	נטע
שטינהרט	שמואל אשתו וילדיהם
שטינהרט	דוד
שטינהרט	שרה ובעלה
שטינינגר	משה וניחה
	בנותיהם, ובנם מוטל
שטינמן	ישעיה

תבא כל רעתם לפניך ועולל למו כאשר עוללת לי (איכה א׳)

שטרום פייגה, 3 ילדיה
שיינאויג יחיאל ושרה, **וילדיהם**
שיינאויג משה
שיינאויג יחיאל
שיינאויג יהושע
שיינאויג נתן
שיינאויג מינדל
שיינאויג חנה
שיינאויג פיגה
שיינאויג ריזל
שיינאויג ישראל
שיינאויג אטל
שיינאויג צבי
שיינאויג שלמה
שיינאויג חיים שמואל ולאה
שיינאויג בריל
שיינמן אברהם
שיינמן ברטה
שיינמן רבקה
שילר משה
שילר מרדכי
שילר אברהם וגיטל
ילדיהם : חנה, חיים
שינדלהים זלדה
שינמן שרה
שינמן פרל
שיפמן מרדכי וצשיז׳ה
שיפמן יוסף
שיפמן דוד
שיפמן מאיר
שיפמן רבקה
שיפמן מלכה
שיפמן בריש
שיפמן נחה
שיפמן יעקב
שיפמן גיטל
שיפמן זלקה
שיפמן יוקל
שיפמן עזרא
שיפמן אברהם ומשפחתו

שיפמן פיגה
שיפמן שרה
שיפמן אליעזר
שיפמן הרש ומשפחתו
שיפר ומשפחתו
שליסל מנדל וחנה
בניהם : אברהם, חנה, זלדה,
טובה, טוביה, נחה
שליסל יוסף ואשתו
שליסל רבקה ומשפחתה
שליסל לאה
שליסל ישראל ואשתו
שליסל רחל פרווליג
שליסל זיסל ואשתו
שליסל אברהם אשתו וילדיהם
שליסל אברהם לייביש
שליסל ברכה
שליסל זיסל
שליסל דבורה
שליסל אפרים ומשפחתו
שליסל טוביה ונעכה
שליסל אברהם
שליסל חיים וחיה אסתר
שליסל משה ומשפחתו
שליסל אסתר
שליסל אפרים
שליסל וולף
שליסל שמשון
שליסל צפורה
שנור חיים ומשפחתו
שנל ברל ומשפחתו
שעער חנה
שעער יצחק
שעער משה
שעער פרומיט
שעער הינדה
שעער מרים
שעער ברנדל
שעער מלכה
שעער קלמן וגיטל וילדיה

תשיב להם גמול ד׳ כמעשה ידיהם (איכה ג׳)

שף נח וטובה
נתן, משה, שמעון,
פיגה צפורה
שפיצן חיים וזלטה
שפיצן דוב ואשתו, 4 ילדים
שפיצן נתן וחנה וילדיהם
שפינדל פייגה
שפילפויגל יצחק ובילה
שפילפויגל זלדה ומשפחתה
שפל ר׳ יוסף הדיין ומשפחתו
שפרינגר שבתאי, בתו ומשפחתה
שפרינגר דוב זליג
שפרינגר מינדל
שפרינגר מאיר
שפרינגר אהרון
שפרינגר דוב
שריבר חיים
שרף אליהו
שרף חיים

בכפר סטליב

גרינבוים שמואל, 3 ילדים
קירשנבוים יצחק והינדה
בניהם: אלימלך וליביש
קירשנבוים שמואל ואסתר
בניהם: פיבל וחיים
פרלמוטר ליב ומרים
ילדיהם: ניחה, מירל, בלומה, מלך, ירמיה

בכפר ז׳פובה

פרלמוטר חיים
ילדיו: אהרון, שמחה, יעקב ובנות

בכפר גורז׳יץ

וואל יעקב

בכפר שלונזק

בליצר בריש
בליצר מאיר ואסתר
ילדיהם: הרש יעקב, שיינדל, יוסף חיים, דוד
פלישר מרים
פלישר משה מאיר ואשתו

בכפר סקופן

אורבך ישראל ומשפחתו

יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך! (תהלים ע״ט)

מצבת מילואים

של קדושי עירנו אשר שמם לא נזכר ברשימה המודפסת

מ צ ב ה

לאנשי שארית הפליטה בארץ־ישראל שהלכו לעולמם

אייגנר שמואל
אייגנר פרידה
אשר אברהם
ארטן יצחק
אשר משה

בורשטין מרדכי
ביגל יעקב
ביגל פסיה
בירנהק בנימין
בירנהק (זילבר) מאטל
בלום שלמה
בלום רבקה
בר גוטה
ברגשטין שבח
ברגשטין שרה
ברגשטין צבי דוב (ברצ'ה)
בוידה איטה

גולדמן משה
גוטרר (זילבר) שרה
גוטרמן (גרפונקיל) נחה
גולדברג פריידל
גולדברג אהרון
גרובר (זילבר) אטל
גולדמן משה
גרוס יהושע
גרוס רויזה
גרף (קורן) בילה
גרפונקל יצחק

דבש לאה
דבש רוזה

הריץ שמעון
האוזר דוד
הקל רבקה לאה
הרטמן משה
הרצל הינדה דבורה

ויזנפלד רבקה
ויסלר ישראל יצחק
ורנר (שליסל) מינדל

וינגל הירש
וינגל נטע
זילבר (הויזר) אטל
זיידמן אריה לייב

חורב (הרץ) חיה

טופר מנדל
טופר הירש
טופר גולדה
טופר גניה
טופר חנה
טייברר יצחק
טיטלבוים אהרון

יגר שמחה
יגר רחל
יערי חיים ואשתו
יערי אברהם
יערי עובדיה

ליפשיץ טוביה
ליכט מאיר
לב יוסף
לסט משה

מונהיט משה
מורגלנדר גיטל
מורגלנדר חיים
מורגלנדר שרה

נוסבאום נתן
נוימן דוב

ספיר אפרים (נצק)

פדרבוש מיכאל
פלישר ברכה
פרלמן אברהם
פרלמן לאצה
פלישר משה
פלישר גיזה

ציכטיגר משה
צווצ'קנבוים מאיר

צווצ'קנבוים מיכאל
צנגבוט משה
צשר יעקב ואשתו

קורן צבי
קורן שלום
קורן שרה
קורן פייגה
קורץ (צווצשקנבוים) קיילה
קינסטליך קלמן
קינסטליך גיטל
קינסטליך יוסף
קינסטליך דבורה
קנריק הינדה
קינסטליך חיה
קלר משה
קלר רויזה
קלך דוד יצחק
קרויט מנדל
קרפ ישראל
קרפ הרצל
קנובלר הירש (צבי)
קסטנבוים פנחס
קסטנבוים פיגה
קסטנבוים דוד
קנובלר יוסף
קירה יוסף
קירשנבוים חנה

רוזן יונה
רוזינר רבקה
רוזינר מלכה
שינוולד פייבל
שינוולד צבי
שיפמן מרים
שליסל דבורה
שליסל אטל
שליסל הדס
שלר חיים
שפיצן זלטה
שפירן שמואל
שפרינגר מירל
שליסל חנה

בני טרנובז׳ג שנפטרו בגולה

בלוט אברהם יעקב
גלדצילר נפתלי
גלדצילר מלכה
גרינפלד שמחה
הירשפלד קלמן
ורשבסקי שלמה
זילבר ירמיה
טירשוולד גיטה

טירשוולד קלמן
ליפשיץ אברהם
מונהיט מרדכי (מאטל)
מילר יצחק מאיר
נוסבאום יוסף
נוסבאום הרש
נוסבאום ליביש־לעא
ענגלברג הירש

ענגלברג צשה
פדרבוש פיגה
פורטגנג אלטר
צימרמן יהושע
ציטרין זלמן
ציטרין צבי (הנק)
שטינמן פרידה
שפרינגר דבורה

ד ף ה נ צ ח ה


לציון יום השנה (יאָרצייט) של הנפטרים הקרובים

השם	תאריך הפטירה	המקום

מנשרים קלו ומאריות גברו
(ש"ב, א')

בני טרנובז'ג שנפלו על הגנת הארץ

השם ינקום דמם!



יעקב יוסט
בן דוד ומרים

נולד ביאסלא (גליציה) בי"ח אדר תר"ץ (18.3.30). עלה לארץ עם הוריו בשנת תרצ"ג. למד בביה"ס הדתי „תחכמוני" בת"א. בגיל צעיר הצטרף לשורות ההגנה. השתתף בהגנת דרום תל־אביב ופרבריה. נפל בהתקפה הגדולה על אבו־כביר אור לג' אדר א' תש"ח (13.2.48).

השם ינקום דמו!

להלן אנו מביאים קטע מענין מיומנו של יעקב יוסט הי"ד. היומן מופיע בספר „גוילי אש", חלק שני „דפי יומנים", עמוד 316:

יום ב' ו' חשון תש"ח (20.10.47).

„מצבי כיום אינו מעודד ביותר. חברה — יש סיפוק — אין! והסיבה...

...ויש עוד סיבה והיא — הדתיות. אודה על האמת. אינני מבין את המלה ואת הפירושים שנותנים לה, אולם אני יודע שהתחנכתי על ברכי המסורת ובשבילי היהדות היא לאום. קשה לי לראות בשויון נפש את הזלזול הגמור במסורת".



רוזה
גרוס

נהרגה במלחמת השחרור ע"י פגז, בחיפה בשנת תש"ז, בקרב על שחרור חיפה. (בתו של ר' חיים שנור).



שליסל
משה
בן דבורה ודוד

נולד בכ"ד באדר ב' תרפ"ג (28.3.27), בטרנובז'ג. קיבל חינוך לאומי ומסורתי. בשנת 1935 עלה עם הוריו לארץ והשתקעו בתל־אביב. היה מפעילי תנועת הנוער הציוני, פעיל בהגנה מגיל 15 ושירת בחי"ש תל־אביב.

במלחמת הקוממיות בשנת 1947, השתתף בפעולת „נחשון" ועם התפתחות הקרבות הקשים בנגב, צורף לחטיבת „גבעתי". נפצע ועוד לפני החלימו כראוי, יצא עם הגדוד למסע כיבוש בנגב. ב־2.11.48 השתתף בכיבוש משלטים ליד משטרת נגבה. יחידתו שנחלצה לעזרת פלוגת חבלני הגדוד, נלכדה באש האויב ,ובעוד ידי משה מלאות עבודה, בחבשו את פצעי חבריו, השיגו כדור האויב ונפל בל' תשרי תש"ט (2.11.48) ונקבר למחרת היום בכפר ורבורג.



שמואל
גרוס

נהרג בהכנות למבצע סיני במשימת חבלה בשנת 1956. (בנה של רוזה גרוס).

הם נפלו בקרב נגד הנאצים



מרדכי כהנא

מגיסטר כהנא מרדכי (מוצ׳ו) גויס בברית־המועצות לחיל הראשון של הצבא הפולני (צבא הגנרל אנדרס) ונפל בתפקיד ראש פלוגה בקרב עם הגרמנים על שחרור העיר קולובז׳ג ב־10.3.45.

על מותו של כהנא

היה בן 30 במותו. על גבורתו ומותו של כהנא מרדכי מסר לאמו במכתב מפקד הגדוד. כמו כן צוין הדבר בעתון הצבא הפולני „Polska zbrojna" מס. 67, בו נמסר, כי כאשר אזלה כל התחמושת של הפלוגה, ריכז סביבו מפקד הפלוגה כהנא את שארית פלוגתו וברובים מכודנים התקיפו את הקסרקטין של הגרמנים בקלוז׳ברג. בקרב זה מול כוחות גדולים וחמושים נפל כהנא.

השם ינקום דמו!



בריש בראטן

(חתנו של ר׳ יוסקה מילכיקער)

על ברצ׳ה בראטן הי״ד

אחרי כיבוש פולין, נסע לברית המועצות עם משפחתו מרצונו החפשי. בהיותו שם, גוייס לצבא האדום ומשהוקם הלגיון הפולני, הועבר אליו. השתתף בקרבות קשים ומרים נגד האוייב ההיטלריסטי. רגיל היה לכתוב אלי כמעט אחרי כל קרב שממנו יצא חי. הוא הזכיר שרק ע״י נסים נשאר בחיים אחרי הקרב.

את הקרבות התחיל על אדמת בריה״מ, ודלק אחרי צבאות הגרמנים דרך ליטא ואוקראינה עד פראגא, הפרבר של ווארשא. כשעבר את הגבול הפולני. ראה את המציאות המרה: החורבן הגדול של השמדת היהודים בפולין. הוא כותב אלי מעיר גרודנא: „יקירי, גדול הוא החורבן! אין יהודים בכל עיר שאנו נכנסים. יצאתי בגרודנא לחפש יהודים ומצאתי יהודי אחד... הלב שותת דם. נשמדה היהדות הפולנית!" כך הוא כתב כמעט מכל מקום שהגיע.

כאמור נפל בקרב בפראגא בקרבות על שחרור ווארשא.

השם ינקום דמו.

יעקב פליישר

אחרי השואה

„ויאמר אלי הנבא על העצמות האלה ואמרת אליהם: העצמות היבשות, שמעו: כה אמר ה׳ לעצמות האלה: הנה אני מביא בכם רוח וחייתם... ונתתי עליכם גידים והעלתי עליכם בשר וקרמתי עליכם עור ונתתי בכם רוח וחייתם"

(יחזקאל ד׳)

שפרה נוסבוים (מאַנטל)

אין באַפרייטן פוילן...

אין חודש מערץ 1944 ביז איך באַפרייט געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי אין דער שטאָט קאָלאָמיי (מזרח־גאַליציע), דעם 5־טן אָקטאָבער בין איך צוריק געקומען קיין טאַרנאָבזשעג. די קאַמפן אויפן רוסיש־דייטשן פראָנט האָבן נאָך געדויערט, ביי די ברעגעס פון דער ווייסל, און אויך גאָר נאָענט צו אונדזער שטאָט. אָבער כ׳האָב זיך נישט גערעכנט מיט דער סכנה, נישט געשראָקן זיך פאַר דעם לאַנגן וועג און מלחמה־באַדינגונגען, אָן דאָקומענטן און אָן

שרה רוטוואקס־שילער
אַמעריקע

באַפרייט

מיינע טייערע זענען „ווייט"
נאָר איך אַליין — בין באַפרייט
און אַנשטאָט פרייד
דאָס האַרץ —עס לייד
און ס׳טריפט אַ טרער —
אָן אויפהער
און לעשט צום לעבן דעם באַגער...

נאָר אין מיין האַרץ דאָרט אין ווינקל
ווי אַ בליץ עס טוט אַ פינקל
צערטלעך גלעטנדיק אַ שכן —
דער בטחון
און צעברענט אויפסניי דעם ווילן
און פאַרגלעט דעם צער דעם שטילן
אויף אַ ווייל נאָר — — — אויף אַ ווייל...

מאַי, 1945

באַמערקונג: דאָס האָב איך געשריבן באַלד נאָך דער באַפרייאונג, ווען איך האָב זיך אָרומגעזען וואָר פון מיינע געליבטסטע זענען נישט מער דאָ. אַזוי ווי עס איז געווען צרת רבים און כ׳האָב נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסצוווינען, איז מיין „צופלוכס׳ט אָרט" געווען „די פעדער און פּאַפּיר".


אַ דערלויבניש — אַ שטאַרקער באַגער האָט מיך באַהערשט: פאָרן „אַהיים". פאַר יעדן פרייז! נאָך דעם ביטערן לעבן אין געטאָ, נאָך צוויי יאָר זיין אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, נאָך אַזוי פיל צרות און שרעק — האָט מיין לעבן סיי ווי נישט געהאַט שוין קיין גרויסן ווערט. וואָס האָב איך נאָך געהאַט צו פאַרלירן?! נאָר דאָס האַרץ האָט געהאָפט, אפשר וועל איך דאָך עמיצן געפינען לעבעדיק אין שטאָט? אפשר עמיצן פון מיין משפחה? אפשר... די האָפנונג איז געווען ד׳ער איינציקער ציל אין מיין לעבן.

אין די לאַסט־וואַגאָנען האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרשטעלט עס זאָל מיך אַ גוייש אויג חלילה נישט דערזען. זיי קענען מיך נאָך חושד זיין, אַז איך פאַר צוריקנעמען מיין פאַרמעגן. דאַן בין איך פאַרלוירן... איך האָב געוווּסט, אַז סך־הכל בין איך אַן אומאַהאָלפן באַשעפעניש, קיינער וועט מיך נישט שיצן.

צוויי וואָכן האָב איך זיך אַזוי געשלעפּט מיט די באַנען, ביז כ׳בין ענדלעך אַראָפּ אויף דער טאַרנאָבזשעגער באַן־סטאַציע. מיינע סוף האָבן געציטערט, טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. ערשט איצט, ווען כ׳בין שוין אָנגעקומען צום ציל, כ׳בין שוין אין מיין געבוירן־שטאָט — ערשט איצט, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: צו וואָס בין איך דאָ אַהער געקומען? צו וועמען? אין דער עיר ההרגה? און צו וועמען זאָל איך גיין? די אַנדערע רייזנדע האָבן שנעל פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל, יעדער האָט אַן אַדרעס, אַ ציל, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ משפחה, וואָס וואַרט אויף אים — אָבער איך, צו וועמען? צו וואָס?...


פלוצים איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, כ׳וועל גיין אויפן בית הקברות. ס׳איז דאָ נישט ווייט, דאָרט ליגט דאָך מיין טייערע מאַמע ז״ל, די איינציקע טייערע וואָס איז געבליבן... פאַר איר וועל איך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ. בין איך געגאַנגען — אָבער מיין אַנטוישונג איז געווען גרויס! אויפן פלאַץ פון מצבות האָב איך געזען פערד פּאַשען זיך, הינט האָבן געלעקט ביינער פון מתים, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אַרום. זיי, די הינט האָבן פאַרנ־

דיקט די פאַרטיליקונגס־אַרבעט וועלכע ס׳האָבן אָנגעפאַנגען די חיות אין געשטאַלט פון מענטשן.



מראה בית הקברות (החדש) אחרי השואה.

דאָס בילד פון צעאַקערטן בית הקברות האָט מיך שרעקלעך צערודערט. נאָך דעם אַלעם וואָס כ׳האָב מיט־געמאַכט איז מיין האַרץ שוין געווען פאַרשטיינערט. מיינע אויגן האָבן דאָך געזען אַזוי פיל שרעקלעכס במשך פון יאָרן, מיין לעבן איז געווען אין סכנה טאָג־טעגלעך, די משפחה האָב איך פאַרלוירן — דאָס אַלץ האָט מיך טעמפּ געמאַכט; וואָס האָט מיך נאָך געקענט אויפרעגן? דאָך, בין איך יעצט שטאַרק צוטומלט געוואָרן. כ׳האָב נישט געקענט באַהערשן מיין געוויין. אפשר האָט דאָס הייליקע, פאַר מיר פלאַץ, געווירקט אויף מיינע געפילן? אָדער גאָר דער זכר פון מיינע עלטערן און זיידעס וועלכע האָבן דאָ געלעבט, און דאָ געשטאָרבן? ווער ווייסט...



מצבה בודדת שנותרה בבית הקברות (החדש).

דאָ ערשט אויפן בית הקברות האָב איך דערפילט דאָס אַ יתומה בין איך, אַן איינזאַמע, קיינעם האָב איך נישט אויף דער וועלט, קיינעם נישט אין מיין שטאָט. נישטאָ קיין קרוב, נישט קיין פריינד, אַפילו נישט צווישן די פאַרשטאָרבענע...

כ׳האָב געפילט דאָס כ׳קען נישט דאָ בלייבן. כ׳בין צוריק צו דער סטאַנציע, און מיטן ערשטן צוג אַוועק, אַוועק פון טאַרנאָבזשעג.

**
*

נאָר עטלעכע שעה בין איך געווען אין טאַרנאָבזשעג און באַלד אָפּגעפאָרן קיין ריישע. אַמאָל אַן עיר ואם בישראל, טויזנטער יידן האָבן אין איר געוווינט — יעצט, קוים הונדערט האָבן זיך דאָרט צוזאַמענגעקליבן. געוווינט האָבן זיי אין דריי הייזער, נישט ווייט איינס פון צווייטן, ווייל געוווּסט האָט מען, דאָס יידיש בלוט איז נאָך הפקר. אויף די „באַפרייטע" פּאָליאַקן האָט מען זיך נישט געקענט פאַרלאָזן...



שרידי מצבות בבית העלמין אחרי השואה.

דאָרט האָב איך געטראָפן צבי קאָרן ז״ל, דער זון פון פייגע פעדערבוש. ער איז דאַן 15 יאָר אַלט געווען. אונדזער פרייד איז געווען זייער גרויס — דאָס ערשטע היימישע פּנים! איך האָב געהאַט דאָס געפיל ווי כ׳וואָלט אַן אייגן פאַרלוירן קינד געפונען. צבי איז פון לאַגער באַפרייט גע־וואָרן, געווען פיזיש און מאָראַליש צובראָכן. ער האָט נאָך געהאָפט דאָס ר׳וועט טרעפן זיינע עלטערנס פאַרמעגן, און מיך געבעטן מיט אים קיין טאַנאָבזשעג צו פאָרן.

מיט אים איז מיר גייסטיק לייכטער געווען צו פאָרן, כ׳האָב געפילט אַ פליכט און אַ ציל. אָבער די סכנה איז געווען גרויס; ער האָט אויסגעזען ווי אַ ייד. אויפשטייגנ־דיק אויפן צוג, האָבן אונדז די פּאַסאַזשירן מיט זייערע בליקן פאַרפאָלגט, צווישן זיך געסודעט: „ווי קומט צו אַ קריסטין אַ יידיש קינד?" צבי האָט סימולירט אַ קראַנקן, און די גאַנצע צייט געשוויגן, מורא האָבנדיק נישט צו פאַרראַטן זיך דורך זיין יידישע אויסשפּראַך.

ביי נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין פּשעוואָרסק. די שטאָט איז געווען „יודען־ריין". מיר זענען געוואָר געוואָרן אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין הויז ווו מ׳קען איבערנעכטיקן און טרינקען אַ ביסל וואַרעם וואַסער. מיד, הונגעריק, האָבן מיר ענדלעך געפונען דאָס הויז, אָבער אויף דער וואַנט איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „פאַר יודען דער איינטריט פאַרבאָטן" (Żydom wstęp wzbroniony) צבי האָט זיך אַריינגעגנבעט און זיך געלייגט אויפן אויסגעבעטן שטרוי. באַלד אָבער האָט די באַלעבאָסטע מיך אויפגעוועקט און פאַרלאַנגט באַווייזן ווער דאָס יינגל איז. זי האָט צוגעגעבן, אַז אַלע געסט זענען חושד, אַז ער איז אַ ייד און ס׳איז ראַטזאַם כ׳זאָל באַלד פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ. שפּילנדיק די ראָל פון אַ באַליידיקטע, האָב איך דעם באַפעל אויסגעפירט. די נאַכט איז געווען קאַלט, די גאַסן פינצטער, די וועגן פון שראַפּנעלן באַשעדיקט. מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר זיך צום וואָקזאַל דערשלעפּט. פרימאָרגנס איז אונדז געלונגען אין אַ בהמות־וואַגאָן זיך אַריינצוקריגן. ווי נאָר די ערשטע זומערשטראַלן האָבן אַריינגעדרינגען דורך די שפּאַרעס און מען האָט געקענט דערקענען דאָס פּנים פון די מענטשן, האָט זיך אויך דאָ אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך: „ווי נעמט זיך דאָס אַ יידיש קינד זאָל זיך נאָך אַרומדרייען אויף גאָטס וועלט?!" עס זענען אויך געווען דרייסטע, וועלכע האָבן זיך צו מיר געווענדט כ׳זאָל זיי דעם „רעטזל" אויפקלערן...

סוף כל סוף זענען מיר אָנגעקומען קיין טאַרנאָבזשעג, אין שטאָט אַריין זענען מיר געגאַנגען מיט אַ נייעם וועג וועלכער האָט דורכגעהאַקט דאָס פעלד וועלכן מ׳האָט אַ מאָל גערופן „די פּאַשעוויסקע" (ווו ס׳האָבן זיך געפּאַשעט בהמות). דעם ערשטן באַקאַנטן האָבן מיר געטראָפן באָלעק קאָלאַשינסקי (Bolek Kolasinski). ער האָט מיך דערקענט און ברודערלעך אונדז צו זיך איינגעלאַדן.

זיין פרייד איז געווען אַן אמתע, ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ צימער, און אויך מיר צוריקגעגעבן אייניקע שטיקער סחורה, וועלכע ער האָט ביים פאַרטיילונג פון מיין געשעפט, פון די דייטשן אַלס מתנה געקריגן. ער האָט מיר אויך באַמערקט, דאָס כ׳קען איינלאַדן אין דער וווינונג יעדערן דורכוואַנדערנדקין יידישן פּליט פון די מחנות. ער וועט אַלע אויסהאַלטן בחינם, אָן באַלוינונג, ווייל יעצט האָט ער די געלעגנהייט זיך צו רעוואַנזשירן: די געליטענע יידן האָבן אים אַ מאָל מער געהאָלפן ווי זיינע אייגענע פּאָליאַקן

אָנקומענדיק, איז דאָרט געווען דער גלח. באַלד האָט ער אָנגעפאַנגען מיט מיר צו פירן אַ דיסקוסיע, וועלנדיק מיך איבערצייגן, דאָס דער קריסטלעכער גלויבן איז הויך מאָראַליש, טאָ וואָס שטערט מיר מיין גלויבן אויפן נייעם טעסטאַמענט צו טוישן? ראשית כל, וועט מיין לעבן זיין מער געשעצט, דאַן קען איך אַ „הייליק" און אַ זאָרגלאָז לעבן אָנפאַנגען. אויף זיינע טענות האָט באָלעק אים געענטפערט „זי אַלס יידין איז ווערטפולער פון אונדזערע „הייליקע" קריסטן; די אייגענע ברידער האָבן מיך בעת צרה נישט געקענט, דאַקעגן מיר און נאָך אַנדערע יידן האָט ער צו פאַרדאַנקען דאָס ער קען ווידער אַ נאָרמאַל לעבן פירן".

מיט נישט ווייניקער פריינטשאַפט האָט זיך צו מיר באַצויגן די פרוי פון ד״ר פּאַוולאַס (Pawlas). זי זעלבסט האָט דאַן שווער אויסגעאַרבעט דאָס טאָג־טעגלעכע שטיקל ברויט, דאָך איז זי תמיד געווען גרייט מיטן ביסן זיך צו טיילן. זי האָט מיר געגעבן מלבושים, אַ קישן און אַנדערע נויטיקע חפצים.

ווי לאַנג דאָס רוסישע מיליטער איז געשטאַנען אין שטאָט האָבן די פּאָליאַקן פאַר אונדז דרך ארץ געהאַט. זייער שנאה צום ייד האָבן זיי פאַרדעקט. דער פראָנט איז דעמאָלט געווען ביי די ברעגעס פון דער ווייסל. אין קאָפּשיווניץ, סאַנדאָמיר — זענען נאָך געשטאַנען די דייטשן. חוץ מיר זענען אין שטאָט געקומען נאָך עטלעכע יידן: מלך בראַדס טאָכטער, די געשוועסטער האַנדלסמאַן פון קאָפּשעווניץ, האָוזער פון אַלפרידובקע, ווייסמאַנס איידעם און אליעזר ענגלבערג. אים האָבן די (Kunefoły) „קאַנעפאַליס" געשטיצט. דעם יום־טוב פסח האָבן מיר צוזאַמען געפּראַוועט; געבאַקן פּלעצלעך (אנשטאָט מצות) אויף דער בלעך, געבראָטן קאַרטאָפל, באָרשט געקאָכט. דעם סדר האָט אָפּגעריכט אהרן הויזער. די נסים פון יציאת מצרים אין פאַרגלייך צו אונדזערע דורכלעבענישן האָבן אויסגעזען ממש ווי אַן אגדה... אַ לעגענדע. אין דער צייט איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון אַ יידיש־רוסישן אָפיציר אַרויסצובאַקומען עטלעכע יידישע קינדער, וועלכע זענען ביי קריסטן געווען אויסבאַהאַלטן.

נישט קיין לאַנגע צייט האָט אונדזער פרייהייט אין טאַרנאָבזשעג געדויערט. ווי נאָר דער פראָנט האָט זיך דערווייטערט, דאָס רוסישע מיליטער האָט די שטאָט פאַרלאָזט, האָבן די שטעטישע פּאָליאַקן אָנגעפאַנגען פּלאַנירן ווי צו פאַרטיליקן די ווייניק געראַטעוועטע יידן. עס האָט זיך געגרינדעט אַ פאַרבאַנד פון א. ק. (A. K.) וועמענס לאָזונג איז יעצט געווען „פּוילן אָן יידן". באַלד האָבן זיי טאַקע באַוויזן זייער „גבורה". פסח הויזער פון אלפרידובקי האָבן זיי אונטערגעצונדן און פאַרברענט אין שלאָף, בראַדס טאָכטער מיט איר מאַן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, ווייסמאַנס איידעם איז נעלם געוואָרן. פון דער פּראָווינץ, ווי אויך פון יאַסלאָ האָט מען געברענגט פאַרוווּנדעטע יידן אין שפּיטאָל. פילנדיק די אַנטיסעמיטישע לופט, האָב איך געמוזט די שטאָט פאַרלאָזן. צוזאַמען מיט די שוועסטער האַנדלסמאַן זענען מיר ווידער קיין ריישע געפאָרן, ווי ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט אַביסל יידן.

אויך דאָ האָבן מיר נאָר עטלעכע וואָכן רואיק געלעבט. די אַנטיסעמיטישע פּעסט האָט זיך פאַרשפּרייט און אַנטפּלעקט. אין יאָר 1945 האָט דאָס רוסישע מיליטער פאַרלאָזט די שטאָט, אַ טאָג פאַר שבועות האָט מען די יידישע מיליץ אויפגעלעזט און דעם ערשטן טאָג יום־טוב איז געווען אַ גרויסער פּאָגראָם איבער די שרידים, די איינזאַמע פּליטים. שוין אין די פרימאָרגן שעהן האָט זיך פאַרזאַמלט

אַ המון פּעבל פון דער אומגעגנט, ווער מיט שטעקנס, ווער מיט נאַהייקעס, בייטשן, גרייט צום „קאַמף“ קעגן די ווערלאָזע, שוואַכע יידן. אַלס העצמאַטעריאַל האָט געדינט דאָס אַלטע מיטל פון בלוט־בלבול: יידן האָבן אַ קריסטלעך קינד געהרגעט, דאָס בלוט איז נויטיק אויף מצות און צום שטאַרקן די צוריקגעקערטע יידן... אַ בלוט־בלבול אין 20־טן יאָרהונדערט... די פּוילישע מיליץ האָט זיך געשטעלט בראש פון המון פּאָגראָמשטשיקעס. זיי האָבן אַרויסגענומען די יידן פון די דריי, דורך זיי, באַוווינטע הייזער, אַ טייל פאַרטריבן הינטער דער שטאָט און אַ טייל אין חצר פון דער מיליץ. זיי האָבן אויך אַרויסגעטריבן די יידן פון די באַנען מיט די פּאַקעטן און זיי קאָנצענטרירט אויף אַ דריט פּלאַץ. מיט די חפצים האָט זיך די מיליץ זעלבסט צעטיילט. די אומגליקלעכע יידן האָבן זיי דעם המון צוגעוואָרפן, ווי מ׳וואַרפט ביינער פאַר הונגעריקע הינט... די פּאָליאַקן האָבן, זעט אויס, זיך גוט אויסגעלערנט די היטלעריסטישע תורות און שיטות; מ׳האָט די אומגליקלעכע קרבנות געשלאָגן אָן רחמנות. באַפוילן זיי צו לויפן, צו פאַלן א. ז. וו. אויך די יוגנט, די סטודענטן, האָבן אָנטיילגענומען אין דער „שמחה“, זיי האָבן פון די שטאָקן געוואָרפן שטיינער. האָט ווער פון די יידן מצליח געווען זיך צו באַהאַלטן, האָט די מיליץ מיט די קאָלבעס אים אַרויסגעטריבן צום פּלאַץ. נישט קענענדיק זיך שיצן האָבן מיר נאָר „וויי“ געשריגן, ליידער האָט אונדז קיינער נישט געהערט. די צוקוקער האָבן פון אונדז ווילד געלאַכט....

נאָך אַ שעה פון פּחד, צווישן טויט און לעבן, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַן אויסלייז־מלאך, אין געשטאַלט פון אַ רוסישן אָפיציר. ער האָט די מיליץ פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַר די פאָלגן, זיי באַפוילן די אָרדנונג צוריקצושטעלן, דעם המון צו צעטרייבן. פיל פון אונדז זענען געווען שווער פאַרוווּנדעט, אַלע צעקלאַפּט, פאַרבלוטיקט. מיר זענען צוריק אין די וווינונגען, און געפונען זיי אויסגערויבט, אויסגעפּילדערט, אַפילו קיין שטרוי איז נישט געבליבן.

ווער ס׳האָט נאָר געקענט און געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייט האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט פאַרלאָזט ריישע און געפאָרן קיין קראָקע. מיר איז געלונגען, מיט דער הילף פון אַ רוסישן אָפיציר, צו פאָרן אויף קריסטלעכע פּאַפּירן קיין בויטן (שלעזן).

אין בויטן, אין דער באַפרייטער פּוילישער שטאָט, האָב איך נאָך אַלץ געלעבט אויף אַרישע געפעלשטע פּאַפּירן. ווי משונה׳דיק זעט דאָס היינט אויס, אָבער אַזוי איז געווען די לאַגע פון „באַפרייטן“ ייד. לויט די פּאַפּירן בין איך געווען אַן אלמנה פון אַ פּוילישן אָפיציר, וועלכער איז אומגעקומען דורך די רוסן אין קאַטין... אַלס אַזעלכע האָב איך באַקומען אַ קיאָסק פון דער רעגירונג. די געשעפטן האָבן געבליט, ווייל די דייטשן האָבן געטוישט זייערע ווערטפולע חפצים אויף עסנוואַרג. דעריבער האָבן זיך באַלד געמערט די פּאָליאַקן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. זיי זענען געקומען פון צענטראַל־פּוילן כדי דאָ זיך צו באַזעצן, האָבן זיי זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און נאָך מער מיט טרייבן אַנטיסעמיטישע העצע. דאָס ווערטל זאָגט: „נכנס יין — יצא סוד“. פון די שכורע פּאָלאַקן פלעג איך הערן זייערע צוקונפט־פּלענער: „מיר וועלן שנעל אויסראָטן די „וואַנצן“, (אַזוי האָבן זיי גערופן די צוריקגעקומענע יידן פון רוסלאַנד). אָפט זענען זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן, פריילעך און פריי געפּלאַנט די נייע שחיטה. דאָס בלוט האָט אין זיי געקאָכט, הערנדיק דאָס אַזוי פיל יידן זענען נאָך ביים לעבן געבליבן. מיך האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַן אייגענע... און נישט מורא געהאַט. נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם, אין 1946, האָבן זיי ביי מיר אַ צוזאַמענקונפט געמאַכט, געטרונקען, זיך געפרייט. דער אַלגעמיינער טאָן איז געווען: „פאַראַן נאָך פּוילישע „העלדן“, זיי קענען פאַר יעדן פּאָלאַק אַלס מוסטער דינען; אויך מיר וועלן אין זייערע וועגן גיין...“

אַזעלכע פאַרזאַמלונגען זענען יעצט געוואָרן אָפטער, פון מיר האָבן זיי פאַרלאַנגט אַרויסצוהענגען אַ שילד „פיר יודען איינטריט פאַרבאָטן“... פאַרשידענע פּלענער האָבן זיי געפּלאַנט. איין פאָרשלאַג איז געווען צו שלאָגן די יידן, וועלכע גייען יעדן פרימאָרגן אין שול. אַ צווייטער האָט אַן עצה געגעבן, צו פאַרברענען דאָס יידישע וווין־פערטל, אַן אַנדערער האָט גאָר געהייסן אַ בלוט־בלבול צו פאַרשפּרייטן, און דאָס פּוילישע פאָלק וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן...

די אַלע ידיעות פלעג איך אויפשרייבן און צושיקן דער יידישער קהילה, כדי זיי זאָלן וויסן וואָס פאַר אַ מיטלען אָנצונעמען און ווי זיך צו היטן. די פּאָליציי איז געוואָרן געוואָרנט און אַ געוויסע צייט האָט זי דעם המון דאָרפסלייט נישט אַריינגעלאָזט אין שטאָט. מיין פריינטשאַפט־שפּיל מיט די אַנטיסעמיטן האָט זיך שנעל געענדיקט. איינמאָל האָט מיך באַזוכט פייגע פעדערבוש, וועלכע איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. איר עכט יידיש פּנים פּנים האָט ביי מיינע „געסט“ אַ חשד געוועקט, דאָס איך בין זיי אומטריי. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען אַ שמועה דאָס זיי ווילן אין מיר נקמה נעמען.

שנעל אין געהיים האָב איך די שטאָט בויטן פאַרלאָזט און ווידער צום וואַנדער וועג זיך געלאָזט.

יעקב פליישר

ה„יזכור" הראשון אחרי השואה

פרק זכרונות

„ולקחתי אתכם אחד בעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון" (ירמיה ג')

נגמרה המלחמה העקובה מדם. השופרות והחצוצרות השמיעו תרועת נצחון, גיל ושמחה לעמים שהשתחררו מהכובש האכזרי. מוגר שלטון הרצח והאימים. החיה הנאצית הדורסת והטורפת, אינה מאיימת עוד ואינה מסוכנת יותר, צפרניה הדורסות נקצצו וארסה המסוכן הושמד ונכחד. היא שוכבת כפגר, גוועת ושוקעת. מכונת המוות הענקית, הגדולה ביותר שעמדה אי־פעם על האנושות, ואשר הספיקה במשך שנות השתוללותה, לזרוע הרג ואבדון ולשטוף את ארצות אירופה בנהרי נחלי דם ודמעות; להשמיד מיליוני בני אדם ולהרוס רכוש אין־סופי; להביא חורבן ושואה על עמים וארצות שאין דוגמתם בהיסטוריה האנושית — הוכרעה והושמדה והיא מרוסקת לרסיסים.

אמנם שילמו העמים הנאורים מחיר יקר מאד בעד סובלנותם ובמדה לא מועטה — גם בעד עזרתם — לטיפוחה וגידולה של החיה הטורפת המסוכנת, אשר, לאות תודה, שילמה להם בטירוף והרס כל יקר וטוב באדם וברכוש, ולא היה חסר הרבה והיתה בולעת אותם לגמרי — אך סוף סוף התגברו עליה, פצעוה פצעי מוות, וכילו בה את חמתם, עד שנכנעה ונשארה כאבן שאין לה הופכין.

האין להריע על נצחון כביר כזה? האין לשמוח על מאורע היסטורי כזה? האין לקבוע חג וחינגא על האפשרות לנקום באויב ארסי כזה? ואכן חגגו והריעו כמעט כל עמי העולם.

**
*

רק עם אחד לא חגג ולא יכול היה להריע. הוא לא היה יכול לקחת חבל בשמחת העמים. ככתוב: „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים". כי אלה שהיו צריכים לשמוח ביותר — לא היו עוד בחיים. בכל הארצות שעברה בהן סערת המוות הנאצית — לא נשארו אלה שהיו צריכים לקחת כעת את נקמתם באויבם הגדול: הם הוכחדו והושמדו, כמעט כולם.

הבודדים, האודים המוצלים מהאש, שנשארו בדרך נס מהתופת ויצאו מצפרני המוות, היו שבורים לא רק בגופם, אלא עוד יותר — ברוחם. לבם לא היה איפוא לשמחות. הם לא ראו את הנצחון. הם ראו את השואה האיומה שנתגלתה לעיניהם, ובכו על החורבן הנורא שמצאו על כל צעד ושעל. במקום לשמוח — הם שאלו: „למה אנחנו נשארנו בחיים? מה טעם לחיינו, כשאיבדנו הכל, את כל היקר לנו: אין אב ואין אם; אין אח או אחות; אין קרוב ואין שכן. יתומים היינו, יחידים, בודדים, בלי משען ומשענה". במקום להשמיע תרועת גיל ונצחון — הלכו כסהרורים, כהמומים, כמיותרים. הם היו נעדרי רצון־החיים ומחוסרי תקווה לאיזה עתיד טוב. עכשיו, אחרי ה„נצחון", היו יותר קרובים ליאוש ולאובדן כל זיק של אמונה בחיים אנושיים. עכשיו ראו את עצמם יותר אומללים ואובדי עצות בראותם כמה ואיך נשארו. הם איבדו את העיקר והחשוב בחיים: את הרגש והתקווה, זה שהחזיק אותם במשך כל ימי הזוועה, ברגעים הקריטיים ביותר. ב„נצחון" הזה איבדו גם את שארית ה„יש" הזה, ועמדו על סף היאוש המוחלט.

היו כאלה — יותר נועזים, יותר גבורים — שהתאוששו קצת, עשו מאמץ נפשי וגופני, להגיע לביתם הישן בתקווה קלושה: אולי, אולי נשאר שם מישהו או משהו לזכר, ואולי גם ניתן עוד להציל משהו מהרכוש. אך חיש מהר נחלו אכזבה מרה: ה„בעלי בתים" החדשים, לא רק שלא „הכירו" את הבעלים החוקיים האמיתיים, אלא גירשו אותם בחרפה ואיומים. ולא פעם ברחו כשעוד נשמה באפם. כמה מהם לא חזרו יותר? כמה נרצחו, אחרי השחרור, ברצותם לזכות במשהו משלהם או משל אבותם? כמה קרבנות חינם נפלו כבר אחרי ה„נצחון"?

האם במצב כזה אפשר היה להם לשמוח? האם יכלו היהודים האומללים האלה לקחת חבל בשמחת העמים הכללית?

**
*

ומאידך: ה„אשלונים" (רכבות המשא שהובילו את ה„רפ־טריאנטים", החוזרים מרוסיה) ובהם הרוב יהודים, התחילו להגיע לגבול פולין, בזה אחר זה. אלה עזבו את רוסיה, אחרי שהותם ב„גן העדן האדום" כחמש־שש שנים. חלק מהם שהו במחנות סגורים („זקליוצ'וני") בעבודת כפיה וחלק מהם ב„פושולקיס" וב„טאיגיס" (מקומות גירוש בסיביר ובמקומות נידחים), שהיו „חפשים" שם לנוע (רק העבודה, כמובן, היתה בכפיה), אולם לצאת מחוץ לצריפים, היה צורך ברשיון מיוחד מאת ה„קומנדנט" (מנהל המחנה). רק אחרי חתימת ההסכם שיקורסקי־סטלין בשנת 1941, שוחררו כל האסירים והמגור־שים, שנתפזרו לערי רוסיה הגדולות. ה„אשלונים" הדחוסים האלה, נסעו שבועות רבים עד שהגיעו לגבול פולין, והאנשים־החוזרים היו סחוטים ועייפים ומוזנחים מבחינת הנקיון...

החוזרים האלה, כשעלו על הרכבות חיו עוד באשליה ובתקווה, שהם „נוסעים הביתה", כי לא ידעו עוד את ממדי החורבן. אך כשהגיעו — אחרי שבועות של טלטול וסבל — לגבול הפולני, נתקבלו ע"י „האחים הפולנים", שגם הם חיו בצרה מספר שנים, תחת כובש אכזרי — בשנאה ובבוז ובשאלה: „נשארו עוד 'ז'ידים' חיים?! עוד הם חוזרים לפולין שלנו?" ולא נסתפקו רק בדיבורים. בכמה מקומות בעברם את הגבול היו התנפלויות ויריות בעיקר ע"י ה„פט־ריוטים הגדולים", חברי המחתרת הצבאית הפשיסטית בשם א.ק. („ארמיא קראיאווא"), שמטרתם היתה להילחם בקומו־ניסטים ו...ביהודים. אחרי כמה תקריות כאלה, נתנה הממשלה הפולנית (שהיתה אז מורכבת מקואליציה של האיכרים והקו־מוניסטים) ליווי מזויין צבאי ל„אשלונים" שעברו את הגבול. הממשלה הפולנית שהכירה היטב את „פטריוטיה" ומה שהם מסוגלים לעולל ליהודים החוזרים, וכשראתה גם כמה יהודים

נשארו בכל הערים והעיירות בפולין שהיו פעם „יהודיות" (ואולי רצתה גם ליישב את השטחים החדשים שקיבלה מגרמניה) — הכינה מקומות מיוחדים ליהודים החוזרים בערי שלזיה העילית (אויבערשלעזיען בלע"ז), שסופחו אחרי המלחמה למדינת פולין, ויושביהן הגרמנים גורשו מהן לגרמניה המובסת. לערים האלו התחילו כבר להגיע מתישבים פולנים חדשים, שקיבלו בתים ורכוש, אבל עוד היו ריקות למחצה, לכן הופנו שם ה„אשלונים" היהודיים.

לא קשה לתאר את הרושם המדכא שעשתה „קבלת הפנים הנלהבת" הזו, על היהודים החוזרים, שציפו לרגע זה, בו ינטשו את ה„סובייטסקי סאיוז", וידרכו שוב על אדמת פולין. התברר עכשיו, שהשנאה והאנטישמיות שהיו נפוצות עוד לפני המלחמה במידה לא קטנה, התרחבו והתעמקו והגיעו לממדים מסוכנים, עד שאי אפשר יותר לחיות בין אותם הגויים, שבמשך דורות היו היהודים גרים בשכנותם ביחסים, פחות או יותר, סובלניים. מיד נודע גם שלא נוסעים הביתה, אלא לערים הגרמניות שבשלזיה העילית. אבל הגרוע מכל זה היה, בעת שנודע ליהודים האלה, על ממדי החורבן והשואה. אכזבתם וצערם התערבו עם אבלם ויגונם של משוחררי המחנות. גם אלה וגם אלה לא ראו שום מוצא מן המצב.

כזה היה מצב היהודים מיד אחרי הנצחון הגדול של עמי העולם על גרמניה הנאצית.

**

אביב שנת תש"ו (1946). „אשלונים" עם „רפטריאנטים" הגיעו גם אל העיירה ריכבך (רייכנבך), שהוחלף שמה לשם פולני: דז'רז'וניוב, בחול המועד פסח. הקהלה היהודית, שהספיקה כבר להתארגן עוד מקודם, קיבלה את פני הבאים בברכת אחים וסיפקה להם מצות ומצרכים אחרים. השלטונות דאגו, כאמור, לדיור. במשך זמן קצר צצה „עיירה יהודית" חדשה: קהילה יהודית, בית־כנסת ו...מפלגות. קשה היה להתרגל לתחליף הזה ולשכוח את העיירה הישנה הקודמת...

אבל נחמה פורתא מצאו בכל זאת. הדבר החשוב ביותר: יש בית־כנסת, שאפשר לבוא בו ולשפוך שיח לפני בורא עולם, להתפלל במנין ואפילו ללמוד פרק משניות או „דף היומי". שם גם פוגשים את היהודים החדשים המגיעים עוד מרוסיה. שם אפשר להיוודע, מי נשאר בחיים, ואיפה אפשר לחפש את הקרוב. שוב זה מקום המפגש המרכזי של יהודי העיירה, הגם במהדורה ובצורה חדשה.

אחרון של פסח. בית הכנסת מלא מתפללים על כל גדותיו, אין מקום אפילו לעמוד, ורבים נשארים בחוץ. היום מזכירים נשמות... אצל רוב המתפללים זוהי תפילת חג ראשונה בציבור, אחרי שנים רבות. וכמעט לכולם — זוהי „הזכרת הנשמות" הראשונה אחרי החורבן. ריכוז כזה של יהודים מתפללים כבר לא ראינו מזה שנים, ותפילה רצינית ורגשות נעלים כאלו — אולי עוד לא הרגשנו מעולם.

בעל ה„מפטיר" כבר מסיים את ברכות ההפטרה. להזכרת נשמות נדחפים־נדחסים לתוך בית הכנסת. כולם רוצים להיות בפנים. המתח הוא גדול. שערי הלבבות פתוחים, העיניים נוצצות מהדמעות שעומדות הכן לפרוץ ולנהור בקיתונות. כולם מחכים לאות ה„זינוק": לשמוע „יזכור" מפי החזן.

והנה על הבמה עולה ר' בנימין שכנא, עסקן חרדי מוכשר, להשמיע דברי התעוררות. הוא מתחיל בתיאור החורבן והשואה שאף זה עבר על העם היהודי. פה ושם שומעים אנחות עמוקות ובכיות חרישיות חנוקות. פתאום הוא מרים את קולו ובתוך שאגת־בכי הוא מזכיר את ה„תשעים ושלוש" קרבנות של הבנות, בוגרי הסמינר „בית יעקב" בקראקא שהעדיפו — אחרי ששאלו שאלת חכם — לאבד את עצמן לדעת על קידוש שם שמים, מאשר ליפול לתוך הידיים הטמאות של הרוצחים הנאציים. העובדה הזאת עוד לא היתה ידועה אז ברבים והקהל הגדול שמע על זה בפעם הראשונה.

מה שנעשה ברגע זה בבית הכנסת אין לתאר במלים. דומה היה כאילו נפרץ פתאום הר געש: כל הסכרים הפנימיים



כנס־אזכרה הראשון בעיירה אולם בגרמניה.



האזכרה באולם (גרמניה).

נפרצו בפעם אחת. קולות הבכי והצעקות ההיסטריות מאנשים ומעזרת הנשים מלמעלה התגברו מרגע לרגע ונהפך לקול אדיר מחריש אזניים ומחריד לבבות. למעיין הדמעות לא היה שום מעצור, הוא קלח בלי הפוגות. הנואם לא היה מסוגל להמשיך ולומר אפילו עוד מלה אחת... וכשהשמיע החזן את המלה „יזכור" — התגברו עוד יותר הבכיות והצעקות והגיעו לשיא שאי אפשר לתאר את זה. אצל כל אחד נפתח הפצע הפתוח, שעוד לא הגליד, שעוד שתת דם, כל אחד ראה את חורבנו הוא, ואת חורבן עמו, ושפך את כל לבו המר והדואב ואת כל רגשותיו ומעיינותיו הפנימיים, בעת אמירת ה„יזכור".

שעה ארוכה לא פסקו הבכיות, הצעקות והאנחות עד שאפסו הכחות, אזלו הדמעות ונחלשו הלבבות ואז — נשמע קולו של החזן: „אשרי יושבי ביתך".

המעמד הקדוש המחריד הזה, לא יישכח מכל אלה שהיו נוכחים בו.

***

היהודים שחזרו מרוסיה לא נשארו בפולין. בר־אותם שאין יותר מקום ליהודי על האדמה הטמאה הזאת, ספוגת דם יהודי, ובין העם הזה שחידק האנטישמי המסוכן טבוע עמוק בדמו ומפעפע שנאה וארס לכל יהודי — עזבו רובם את גיא ההריגה הפולני ועברו — בדרכים לא דרכים — למחנות העקורים של איזורי הכיבוש בגרמניה ואוסטריה, וכן לצרפת ואיטליה. משם הובילה הדרך לארץ ישראל לבנות ולהיבנות.

היעוד האלוקי: „כי אני ד׳ לא שיניתי, ואתם בני יעקב לא כליתם", (מלאכי ג׳) עמד גם הפעם במבחן. החיים היהודיים של שארית הפליטה, במחנות העקורים התחילו להתפתח ולהתארגן מחדש ולפעול בכל שטחי החיים. הנשארים בחיים גם לא שכחו את אחיהם־קדושיהם. יוצאי שארית הפליטה של קהילות שונות ערכו אזכרות לזכר קדושיהם. גם כמה עסקנים של יוצאי דזיקוב ערכו אסיפת־אזכרה גדולה במחנה „אולם" שבגרמניה, בשנת תש״ח, בה השתתפו כמעט כל פליטי עירנו שנמצאו בשני איזורי הכיבוש הגרמני: האמריקאי והאנגלי. היה זה המיפגש הראשון של שארית אנשי דזיקוב אחרי השואה. ההתרגשות היתה גדולה, ואלה שהשתתפו בכינוס זה יזכרו אותו כמאורע חשוב בחייהם.

כשאנו מפנים את מבטנו אחורנית לאותה תקופה איומה — גם זו של אחרי ה„נצחון" ואחרי ה„שחרור" — שנדמה היה אז שאין תקומה יותר לאומתנו בדרך הטבעית וח״ו „אבדנו, כולנו אבדנו", ווזוכרים את מעמדנו הירוד והשפל ומצבנו חסר המוצא, ועוקבים, צעד אחרי צעד, איך שבמשך זמן קצר, קרמו העצמות היבשות האלה עור, גידים ובשר ונהפכו לאנשים חיים, גבורים, אמיצים וגאים — עד שהגענו בעזה״י, עד הלום, למעמד נכבד וחשוב בין עמי התבל, אז מי שאינו עיוור לגמרי ואינו מסונוור ע״י השקר והברק המזוייף — רואה בעליל את „חסדי השם כי לא תמנו ולא כלו רחמיו". כי רק בחסדי ובניסי השם יכולנו להחזיק מעמד, לעבור את התקופה המחרידה הזאת ולהראות שוב לכל עמי עולם כי „עם ישראל חי". (פורסם בעתון „שערים", כ״א מנ״א תשל״א.)



בשארית הפליטה במחנה העקורים קסל (גרמניה)
פרידה מהעולים לארץ ישראל. נראים מימין: יעקב פליישר, שלום קורן, האחרון: דוד ויסלר.

ולקחתי אתכם אחד בעיר ושנים ממשפחה והבאתי
אתכם ציון

(ירמיה ג׳, י״ד)

פרק ח׳

ארגון יוצאי טרנובז׳ג בישראל

דוד שליסל

יסוד קופת גמ״ח שע״י ועד יוצאי טרנובז׳ג

(סקירה קצרה)

את קופת גמ״ח יסדנו — כותב השורות ור׳ בנימין בירנהק ז״ל —— בשנת 1950, באמצעים דלים מאד. היה זה בזמן העליה הגדולה אחרי קום המדינה. הגיעו פליטי השואה ויוצאי המחנות, שהיו נזקקים לתמיכה ולעזרה. באסיפה שהתקיימה עוד קודם הוחלט ליסד קופת גמ״ח על יד הועד של יוצאי עירנו.

בעת האזכרה הראשונה לקדושי עירנו, שערכנו בקיץ שנת 1950, שבה השתתפו כמעט כל יוצאי טרנובז׳ג שנמצאו אז בארץ, ותיקים ועולים חדשים שמספרם הגיע לכמה מאות איש, כשהאולם היה צר מהכיל את כל הנאספים והרבה אנשים נשארו עומדים בחוץ — אספנו מבין הנוכחים סך 84 ל״י. החלטנו שהכסף הזה ישמש כיסוד לקופת גמ״ח.

אחרי שמהסכום הנ״ל נאלצנו לתת לעולה חדש יוצא עירנו, יהודי מכובד מאד, שהגיע אז ארצה בחוסר כל, סך 10 ל״י, התחלנו לנהל עם השאר את הקופה. הגיעו הרבה בקשות להלוואות, כל אחד דרש הלוואה „באופן דחוף". אישרנו את כל הבקשות ולא היתה בקשה שדחינו. לשבחו של ר׳ בנימין ז״ל יש לציין, כי הוא חילק הלוואות בהמלצתי, אפילו כשלא היה כסף בקופה. מובן מאליו, שמאד קשה היה לנהל קופה בסכום קטן כזה, בזמן שצרכי עמך היו מרובים כל כך. כל דאגתנו היתה איפוא: „כסף מנלן ?", מנין לוקחים כסף כשהבקשות להלוואות הולכות ומתרבות מיום ליום ?

אך כעבור זמן קצר באה הרווחה שאיפשרה לנו לנהל את הקופה באופן סדיר, פחות או יותר. זאת, הודות לתרומתו הנכבדה של ר׳ חיים פרידמן ז״ל.

ומעשה שהיה כך היה:

לאזכרה השניה של קדושי טרנובז׳ג, בשנת 1951, שערכנו כבר באולם יותר גדול, שלחתי הזמנה לר׳ חיים פרידמן, שהיה נכדו של ר׳ שמעון פרידמן מדזיקוב ז״ל. (עליו כתבתי במאמרי על הרבי ר׳ אליעזר׳ל מדזיקוב זצ״ל). חיים שלח את אשתו חנה שתשתתף באזכרה (אגב, גם היא היתה נכדתם של ר׳ שמעון וחיה אסתר פרידמן ז״ל). אחרי האזכרה מסרה לי הגב׳ פרידמן סך 50 ל״י, בתור „דמי חבר" ובקשה ממנה, בשם בעלה, לבוא אליו לשיחה.

לקחתי עמי את ר׳ בנימין בירנהק, והלכנו אל ר׳ חיים. הוא קיבל אותנו בכבוד ובשמחה. התחיל את השיחה על עניינים צדדיים, עד שהגענו לנושא „דזיקוב". בנימין ז״ל היה מטבעו שתקן וממעט בדיבורים, דיבר רק מעט. אני סיפרתי הרבה על דזיקוב, ועל סבו ר׳ שמעון פרידמן זצ״ל. הזכרנו גם עניין קופת גמ״ח, ומצוקת העולים החדשים יוצאי טרנובז׳ג.

כשראה ר׳ חיים שאני דזיקובאי „מבטן ומלידה", שאל אותי: „כמה כסף אתה יכול להכניס לקופת גמ״ח, אם אני אתן למטרה זו סך של 500 ל״י?" חשבתי רגע ועניתי: 250 ל״י. ז.א. החצי. שוב שאל ר׳ חיים: „ואם אני אתן לך 1,000 ל״י, כמה אתה תכניס?" אחרי הרהור קל עניתי: „לצערי אני לא יכול להכניס יותר מכפי שאמרתי: 250 ל״י"

כנראה שדווקא התשובה הזו נראתה לו ביותר. הוא הוציא המחאה על סך 500 ל״י, ורשם אותה על שמי. הודינו לו במלים חמות. אחר כך ביקרתי עוד פעם אצלו, יחד עם ר׳ דוד יוסט שיחי׳ ור׳ משה מונהייט ז״ל.

זו היתה הרווחה של ממש. היינו יכולים כבר לחלק יותר הלוואות. אבל „אין הקומץ משביע את הארי", ומה שחילקנו יותר, היתה הדרישה להלוואות עוד יותר.

בשושן פורים שנת תשי״ב (1952), מסר לנו שוב המחאה שניה על 500 ל״י. מעתה היינו כבר „עשירים", והקופה פעלה מאז כסדרה, בהדרגה גדלו הכנסותיה. הרבה מיוצאי עירנו נעזרו על ידה במצבים קשים, במיוחד בעת רכישת דירה וכדומה.

בהזדמנות זו יש להזכיר את פעלו של ר׳ בנימין בירנהק ז״ל, שהיה מסור בלב ובנפש לענין קופת הגמ״ח, ממש עד יומו האחרון.

כך אפשר לזקוף לזכותו של ר׳ חיים פרידמן, למעשה, את יסודה והתפתחותה העיקרי של הקופה, ולכן גם הוחלט לקרוא לקופה: „קופת גמ״ח שע״י ועד יוצאי טרנובז׳ג, על שם חיה אסתר ורבי שמעון פרידמן ז״ל".

מילואים שנמסרו ע״י ותיקי הארגון

א) יסוד ארגון יוצאי טרנובז׳ג

ארגון יוצאי טרנובז׳ג בישראל נוסד עוד באמצע שנות מלחמת העולם השניה, בשנת 1943, כתוצאה מלחץ המכתבים האיומים שהחלו להגיע מאנשי עירנו ברוסיה. באסיפת-יסוד שהתקיימה בביתו של ר׳ בנימין בירנהק ז״ל השתתפו: ר׳ בנימין בירנהק, דוד שליסל, דוד יוסט, מרת דבורה הויזר ועוד.

מיד עם גמר המלחמה התאספו שוב: דוד שליסל, דוד יוסט, רחל פרלמן, דבורה מר (בת ר׳ משה הויזר), לאה גולדברנר (ליפשיץ), אלטר יוסט ועוד כמה עסקנים. מטרת האסיפה: לעזור לבני עירנו שהתחילו להגיע ארצה, בסידור ראשון. הוחלט על יסוד קופת גמ״ח. המייסדים היוו את הועד והם גם תרמו את הכספים הראשונים למטרה זו. הסכום שנאסף אמנם לא היה גדול, אך בהתחשב עם ערך הכסף של אז, היה בו כדי התחלה צנועה.

יו״ר היה דוד יוסט ומזכיר — דוד שליסל. הלה הכניס לעבודה פעילה את בנימין בירנהק, שמילא תפקיד חשוב בעבודת הועד ובקופת גמ״ח.

ב) תרומות נוספות לקופת גמ"ח

לסכומי הכסף שנתרמו ע"י ר' חיים פרידמן ז"ל, שהיוו את היסוד העיקרי לפעולה סדירה של קופת גמ"ח, נתוספו במשך הזמן עוד תרומות חשובות, שאיפשרו להרחיב את ההון של הקופה. התרומות הן כדלקמן:

א) מר בני שנל מארצות הברית מסר תרומה בלך 1.000 ל"י בעילום שם. ב) הגב' חיה חורב ע"ה, עסקנית הארגון וממיסדי קופת הסעד שלו, השאירה עזבון לקופת גמ"ח בסך 1.500 ל"י. ג) מר משה בירנהק, בנו של ר' בנימין בירנהק, שהיה פעיל במיוחד בקופת גמ"ח, תרם — אחרי מותו של אביו — סך 1.000 ל"י, על מנת שהקופה תיקרא גם על שם אביו ר' בנימין בירנהק ז"ל.

התרומות הללו סייעו בהרבה להרחיב את פעולות קופת גמ"., שמתנהלת כעת בנהלתו של ר' דוד יוסט.

דוד שליסל

די גרינדונג פון די גמילת־חסד קאַסע ביים ארגון יוצאי טאַרנאָבזשעג

געגרינדעט די גמ"ח קאַסע האָבן פאַקטיש, דער שרייבער פון די שורות ביי דער מיטהילף פון ר' בנימין בירנהאַק ז"ל, אין יאָר 1950, נאָכן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַנד די פליטים פון דער שואה און פון די באַפרייטע פון די נאַצישע לאַגערן. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע דזיקאָווער עסקנים, איז נאָך מיט אַ צייט פריער באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ גמילת חסד קאַסע, נאָר די אויספירונג פון דעם באַשלוס איז געקומען שפּעטער.

ביי די ערשטע הזכרה־פאַרזאַמלונג, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט אין זומער 1950, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע שטאָטישע, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין ישראל, וואָס זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז עטלעכע הונדערט מענטשן, נייע עולים און וותיקים, פאַר וועלכע דער זאַל איז געווען צו ענג און אַ סך האָבן געמוזט בלייבן שטיין אין דרויסן — האָבן מיר דעמאָלט צונויפגעזאַמלט 84 ל"י, אַ שיינע סומע צו יענער צייט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס געלט זאָל דינען אַלס יסוד פאַר אַ גמילת־חסדים־קאַסע.

פון אַט דער סומע האָבן מיר נאָך אַראָפּגענומען 10 ל"י פאַר אַ בכבודיקן נייעם עולה, וועלכער איז געקומען בחוסר כל. מיט די רעשט האָבן מיר אָנגעהויבן פירן די גמילות חסדים־קאַסע.

באַלד האָבן אָנגעהויבן איינפליסן פיל בקשות אויף הלוואות. יעדער האָט געבעטן „דרינגנד". מיר האָבן באַשטעטיקט אַלע ביטעס און צום שבח פון ר' בנימין בירנהאַק דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געטיילט הלוואות אויף מיין רעקאָמענדאַציע, אויך ווען עס איז קיין געלט אין קאַסע נישט געווען... עס איז, פאַרשטייט זיך, שווער געווען צו פירן אַ קאַסע מיט אַזאַ קליינער סומע געלט אין דער צייט, וואָס די באַדערפענישן זענען אַזוי גרויס. אונדזער איינציקע זאָרג איז געווען: ווו נעמט מען געלט?

נישט לאַנג האָט געדויערט און דער מצב האָט זיך פיל פאַרבעסערט. דאָס איז געווען אַ דאַנק די בכבודיקע תרומה וואָס מיר האָבן באַקומען פון ר' חיים פרידמאַן ז"ל, וועלכע האָט דערמעגלעכט צו פירן די קאַסע, מער ווייניק, געהעריק.

און אַזוי איז געווען די מעשה:

צו דער צווייטער יזכור־פאַרזאַמלונג פון די קדושי טאַרנאָבזשעג אין 1951, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט אין אַ גרויסן זאַל, האָב איך אויך געשיקט אַן איינלאַדונג צו ר' חיים פרידמאַן, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון ר' שמעון פרידמאַן ז"ל פון דזיקאָוו. (וועגן אים בפרטות — אין מיין מאמר וועגן ר' אליעזרל פון דזיקאָוו). ר' חיים איז אַליין נישט געקומען, נאָר געשיקט זיין פרוי חנה (אגב, אויך זי איז געווען אַן אייניקל פון ר' שמעון און חיה שרה פרידמאַן ע"ה). נאָך דער הזכרה האָט מיר די גברת פרידמאַן געגעבן 50 פונט אַלס „מיטגליד־געלט" און אין נאָמען פון איר מאַן מיך געבעטן צו קומען צו אים אויף אַ געשפּרעך.

איך האָב מיטגענומען בנימין בירנהאַק און בידע זענען מיר אַהין צו ר' חיים. ער האָט אונדז אויפגענומען מיט גרויס כבוד און שמחה. אָנגעהויבן דעם געשפּרעך האָט ער פון זייטיקע ענינים, ביז מיר זענען צוגעקומען צו די טעמע „דזיקאָוו". בנימין, זייענדיק בטבע אַ שווייגער, האָט ווייניק אָנטייל גענומען אין געשפּרעך. איך האָב אים פיל דערציילט וועגן דזיקאָוו און וועגן זיין זיידן ר' שמעון פרידמאַן ז"ל. צווישן אַנדערן האָבן מיר אויך דערמאָנט דעם ענין פון די גמילת חסד־קאַסע און וועגן די שווערע לאַגע פון די עולים חדשים.

ווען ר' חיים האָט געזען, אַז איך בין אַ דזיקאָווער „דורך־און־דורך", פרעגט ער מיך: „וויפל געלט קענסטו אַריינברענגען אין דער קאַסע, אויב איך וועל געבן צו דעם צוועק אַ סומע פון 500 פונט? טראַכטנדיק אַ ווילע, האָב איך געענטפערט: 250 ל"י, ד. ה. אַ העלפט פון זיין סומע. און וויפל — פרעגט ער ווייטער — וועסטו אַריינברענגען אויב איך וועל אַריינגעבן 1.000 פונט? נישט לאַנג טראַכטנדיק, ענטפער איך: צום באַדויערן קאָן איך מער נישט שאַפן, נאָר וועפל איך האָב געזאָגט פריער."

ווייזט אויס, אַז דער ענטפער איז אים דווקא געפעלן געוואָרן. ער האָט גלייך אַרויסגענומען אַ טשעק און אויף מיין נאָמען אויסגעשריבן: 500 פונט. מיר האָבן אים גע־

דאַנקט מיט וואַרעמע ווערטער. נאָכדעם האָב איך אים נאָך איינמאָל באַזוכט מיט דוד יוסט נ״י און משה מאַנהייט ז״ל.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ ממשותדיקע הילף. מיר האָבן שוין געקענט געבן מער און גרעסערע הלוואות. אָבער דאָס האָט נאָך אויך נישט געקלעקט. דער פאַרלאַנג נאָך הלוואות איז כסדר געוואַקסן. דאָ איז ווידער ר׳ חיים פרידמאַן געקומען צו הילף: אין שושן פורים תשי״ב, 1952, האָט ער ווידער איבערגעגעבן אַ צווייטן טשעק אויך אויף 500 פונט. יעצט זענען מיר שוין געווען „רייך״ און די קאַסע האָט שוין פון דאַמאָלט אָן אָנגעהויבן פונקציאָנירן נאָרמאַל. איינציקווייז זענען געוואַקסן די הכנסות. פיל פון אונדזערע שטעטישע האָבן באַקומען גרעסערע הלוואות, וועלכע האָט זיי אַרויסגעהאָלפן ספּעציעל ביים איינאָרדענען זיך מיט אַ דירה.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף דערמאָנט ווערן די אומדערמידלעכע אַרבעט פון ר׳ בנימין בירנהאַק ז״ל, וועלכער איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש די אַרבעט פון דער גמילת חסד קאַסע, ממש ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר די חשובע תורמים: ר׳ חיים פרידמאַן און זיין פרוי, וועלכע קאָנען פאַקטיש גערעכנט ווערן אַלס גרינדער פון די גמ״ח־קאַסע, האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן די קאַסע אויפן נאָמען פון ר׳ חיים פרידמאַן און זיין פרוי, זכרונם לברכה.

דערגענצונגען צום אויבנדערמאָנטן אַרטיקל פון דוד שליסל

(איבערגעגעבן פון די ותיקי הארגון)

א) די גרינדונג פון ארגון יוצאי טרנובז׳ג

דער „ארגון״ איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1943, אונטערן דרוק פון די שרעקלעכע בריוו, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אונדזערע שטעטישע אין רוסלאַנד. אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען ביי ר׳ בנימין בירנהאַק ז״ל, האָבן אָנטייל גענומען: ר׳ בנימין בירנהאַק, דוד שליסל, דוד יוסט, מרת דבורה הויזער און נאָך אַנדערע.

באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט: דוד שליסל, דוד יוסט, רחל פּערלמאַן, דבורה מער (די טאָכטער פון משה הויזער), לאה גאָלדבערגער (ליפשיץ), אַלטער יוסט און נאָך עטלעכע עסקנים. דער ציל פון דער אסיפה איז געווען: אַרויסהעלפן די שטעטישע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַנד. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ גמילת חסדים קאַסע. די גרינדער זענען אויך געווען די ערשטע וואָס האָבן געשפּענדעט אויף דעם צוועק. די סומע וועלכע איז געשאַפן געוואָרן איז נישט געווען קיין גרויסע, נאָר לויט דעם ווערט פונעם געלט צו יענער צייט, האָט דאָס געקענט זיין אַ באַשיידענע התחלה.

פּרעזעס פונעם ארגון איז געווען דוד יוסט און סעקרעטאַר — דוד שליסל, וועלכע האָבן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט בנימין בירנהאַק, וואָס האָט דערפילט אַ וויכטיקן תפקיד אין דער אַרבעט פון ועד און גמילת חסדים קאַסע.

ב) ווייטערדיקע שפּענדונגען פאַר די קופת גמ״ח

צו דער סומע, וועלכע עס האָט געשפּענדעט ר׳ חיים פרידמאַן ז״ל, וואָס האָט געדינט אַלס יסוד פון די קופת גמ״ח, זענען נאָך צוגעקומען, אין משך פון דער צייט, וויכטיקע תרומות, וועלכע האָבן דערמעגלעכט צו פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל פון דער קאַסע. די תרומות זענען פאָלגנדע:

א) ה׳ בעני שנאל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט איבערגעגעבן אַ סומע פון 1.000 פונט אויף אַן אומבאַקאַנטן נאָמען.

ב) די גברת חיה חורב ע״ה, די גרויסע טוערין אינעם ארגון און די גרינדערין פון דער הילפס־קאַסע, האָט איבערגעלאָזט אין איר ירושה לטובת קופת גמ״ח 1.500 ל״י.

ג) ה׳ משה בירנהאַק, דער זון פון ר׳ בנימין בירנהאַק, וועלכער איז געווען גאָר טעטיק אויף דעם געביט, האָט געשפּענדעט — נאָכן טויט פון פאָטער — 1.000 ל״י, מיטן באַדינג, אַז די קאַסע זאָל אויך גערופן ווערן אויפן נאָמען פון זיין פאָטער.

די אַלע שפּענדונגען האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרברייטערן די טעטיקייט פון דער גמילת חסדים קאַסע, וועלכע ווערט היינט צו טאָג געפירט דורך ר׳ דוד יוסט.

שפרה נוסבוים-מאַנטל

די גרינדונג פון די הילפס־קאַסע (קופת סעד)

קומענדיק אין לאַנד אין יאָר 1954, האָב איך זיך אָנגע־הויבן צו פאַראינטערעסירן וועגן דעם מצב פון די שארית־הפליטה פון אונדזער חרוב געוואָרענעם שטעטל, און שאַפן אַ פאַרבינדונג מיט זיי.

צו יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט די גמילת־חסדים קאַסע ביים ארגון יוצאי טאַרנובז׳ג, אָנגעפירט דורך ר׳ דוד שליסל שיחי׳ און בנימין בירנהק ז״ל, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו געבן הלוואות אויף קליינע ראַטעס, אָן פראָ־צענט, צו דערמעגלעכן דעם נויט־באַדערפטיקן, ספּעציעל פון די נייע עולים, איינצושאַפן פאַרשידענע חפצים פון ערשטן געברויך.

פון איין פסח צום צווייטן, האָט דער וועד פון דער גמ״ח, פאַר די גאַנץ אָרעמע און קראַנקע, אויך אַ געוויסע געלט־אונטערשטיצונג געגעבן. דאָס געלט איז געשאַפן געוואָרן צווישן די מער פאַרמעגלעכע שטעטישע. אויך האָט דער וועד אין די ערשטע יאָרן, געשיקט יעדעס יאָר אַ רשימה פון רוב משפחות, וועלכע האָבן זיך געפינען אין לאַנד צו דעם טאַר־נאָבזעג־דזשיקאָווער קאָמיטעט קיין אַמעריקע, וועלכער פלעג שיקן שפּייז־פּעקלעך אָדער אַ פּאָר דאָלאַר, כמעט יעדן פון דער רשימה.

דאָס זאַמלען דאָס געלט אויף פסח איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן צוליב פעלן פון אַ טעלעפאָן און פון קאָ־מוניקאַציע־מיטלען. עס איז אויסגעקומען צו באַזוכן די נדבנים עטלעכע מאָל, ביז מ׳האָט זיי געטראָפן.

ווי געזאָגט, איז די הילפס־אַקציע געטאָן געוואָרן נאָר איין מאָל אין יאָר, אויף פסח. אַ גאַנץ יאָר האָט קיין ספּע־ציעלער פאָנד נישט עקזיסטירט. באַקענענדיק זיך מיטן מצב, און זעענדיק, אַז די נויט איז גרויס, ספּעציעל פון די הילפלאָזע קראַנקע מענטשן, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז אומבאַדינגט נייטיק צו שאַפן אַ שטענדיקן פאָנד (קרן) צו קענען אַרויסהעלפן צו יעדער צייט די גאָר נויט־באַדערפטיקע און קראַנקע, צו דערלייכטערן זייער מצב.

איך האָב זיך געווענדעט צו דער גברת חיה חורב ע״ה, די טאָכטער פון דזשיקאָווער מורה הוראה ז״ל און אויך צו ר׳ דוד שליסל מיטן פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן מיט געמיינזאַמע כוחות, גרינדן אַ קופת סעד. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אונדזער „לאַנדסמאַנשאַפט" ד. ה. דעם דזשיקאָווער קאָמיטעט אין אַמעריקע, זיי זאָלן שיקן אַ תרומה, וואָס זאָל דינען אַ יסוד צו גרינדן די קאַסע.

לײדער איז אויף דער דאָזיקער ווענדונג, וועלכע איז געטאָן געוואָרן דורך דוד שליסל, קיין שום ענטפער נישט געקומען. באַין ברירה האָבן מיר זיך געוואָנדן צו ר׳ יאָסעלע נוסבוים ז״ל און יוסף בראַנדמאַן מיט דער ביטע, זיי זאָלן אונדז שיקן אַדרעסן פון די שטעטישע אין אַמעריקע, מיר זאָלן זיך קענען ווענדן פּערזענלעך און זיי אויפקלערן די לאַגע פון די קראַנקע, הילפלאָזע שטאָטישע ברידער.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָבן מיר פון זיי דער־האַלטן 300 דאָלאַר. דאָס איז געווען דער יסוד פון די קופת סעד. מיר האָבן זיך טאַקע, אַ דאַנק די באַקומענע אַדרעסן, פאַרבונדן דירעקט מיט די תורמים, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אויף אונדזער רוף.

מיר האָבן גלייכצייטיק אויך ממשיך געווען די זאַמלונג ביי די שטעטישע אין ישראל, וועלכע שיקן אַריין, ביזן היינ־טיקן טאָג, זייערע תרומות אויף פסח.

זייט דעמלט האָבן מיר די מעגלעכקייט צו טיילן געלט־שטיצע פאַר די שטעטישע נויט־באַדערפטיקע צוויי מאָל אין יאָר — אויף פסח און אויף די ימים טובים. חוץ דעם ווערט אַרויסגעהאָלפן ביי ספּעציעלע פאַלן, ווי: אויסקויפן מעדי־קאַמענטן פאַר קראַנקע, אַ פּאָר שיך, שטעלן אַ מצבה און אַפילו זאָרגן פאַר אַ קדיש, ווען עס איז נייטיק.

די „קופת סעד" איז ממשיך איר וויכטיקע סאָציאַלע אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג און אינעם ועד הקופה זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן, צו די עלטערע עסקנים: דוד יוסט, שפרה מאַנטל, אויך יינגערע קרעפטן: שמואל שאָלער, יהושע קאָלר, וועלכע קומען און וועלן נאָך אוודאי מער טאָן און לייסטן אויף דעם געביט.

צום סוף וויל איך נאָך דערמאָנען און אונטערשטרייכן די גרויסע אַרבעט פון דער גברת חיה חורב פאַרן קופת־סעד, וועלכע האָט פיל צייט און כוח און אויך תרומות אַוועקגע־שענקט צו גרינדן און צו אַנטוויקלען די קופת־סעד.

ת. נ. צ. ב. ה.

דוד יוסט

מפעולות ועד ארגון יוצאי טרנובז'ג

במשך כל השנים התקיים ארגון יוצאי טרנובז'ג—דזיקוב בישראל בלי תקנות (תקן) ובלי אישור משרד הפנים. ביום 3.1.68 הגשנו את תקנות הארגון למשרד הפנים לשם אישורן, וביום 2.4.68 קבלנו את אישור הארגון.

בתור ועד זמני נבחרו החברים דלהלן: דוד יוסט, דוד שליסל, יוסף לויפר, יהושע קלך, דוד ויסלר, יעקב יהושע פליישר, יוסף צימרמן, שפרה מנטל ושמואל שלר.

מפעולות קופת גמילות חסדים

אחרי פטירתו של חברנו ר' בנימין בירנהק ז"ל, ביום ג' דחול המועד סוכות תשכ"ח (22.10.67), ועד הארגון הטיל על החברים ד. יוסט, ד. שליסל, י. לויפר וי. קלך לנהל את קופת גמילות חסדים. הון הקופה הסתכם ב־7060 ל"י. במשך הזמן הזה חולקו 11 הלוואות בסכום כולל של 5500 ל"י. בעזרת בנו של המנוח ר' בנימין בירנהק ז"ל נוסדה קרן ע"ש המנוח הנ"ר ע"י קופת גמילות חסדים.

מפעולות קופת סעד יוצאי טרנובז'ג בישראל

אחרי פטירת הגב' חיה חורב ז"ל ביום י"ג ניסן תשכ"ח (11.4.68), ועד הארגון הטיל על החברים: שפרה מנטל, דוד יוסט, יוסף לויפר ושמואל שלר לנהל את קופת הסעד הנ"ל. במשך הזמן הזה נשלחה תמיכה ל־15 מנצרכי עירנו בסכום של 750 ל"י.

הערה:

הדו"ח הנ"ל התפרסם בחוברת שהוציא ועד הארגון ליום האזכרה השנתית בשנת תשכ"ח.

הפעולות של הקופות גמ"ח וסעד התרחבו והן נמשכות עד היום. עשרות יוצאי עירנו נעזרים אם ע"י הלוואה מקופת גמ"ח ואם ע"י עזרה כספית לצרכים חיוניים, כתמיכה וסעד.

כינוסי האזכרה

לפעולות הועד יש גם לזקוף את ארגון כינוסי האזכרה בכל שנה ליום היארצייט של קדושי עירנו, החל ב־י' מנחם אב. זהו מיפגש שנתי מעניין של בני עירנו הנמשך זה עשרים וכמה שנים. עד לפטירתו של ר' בנימין בירנהק ז"ל היו הוא ור' דוד שליסל יבלחט"א המארגנים את הכינוסים האלה, אולם בשנים האחרונות הוטל הדבר על יו"ר הארגון מר דוד יוסט המ־ארגן את האזכרות על הצד היותר טוב.



אסיפת אזכרה בתל־אביב בשנת תשכ"ט (1969)

הפעולות למען הוצאת הספר יזכור

ואחרון אחרון: בשנתיים האחרונות התרכזה פעולת הועד בעיקר סביב הוצאת הספר יזכור לזכר קדושי עירנו. עשרות ישיבות התקיימו בבתיהם של חברי הארגון וחברי ועד הספר. היו דיונים רציניים ונוקבים והרבה זמן מזמנם היקר הקדישו החברים למטרה נעלה זו. נשלחו חוזרים ומאות מכתבים בארץ ולחוץ לארץ בענין הוצאת הספר. והנה אנחנו יכולים בעז"ה לברך על המוגמר, כי המטרה הנכספת הושגה, והיא: הנצחת קדושי עירנו ע"י הוצאת ספר יזכור זה.






אסיפת אזכרה בתל־אביב בשנת תשכ"ט (1969)

יעקב פליישר

מייסדי ועסקני קופת גמ"ח וקופת סעד

ר' בנימין בירנהק ז"ל

נולד בדזיקוב בשנת תרס"ה (1905). אין צורך להרחיב בדבורים ובשבחים על ר' בנימין היקר. הוא ידוע לכל יוצאי עירנו, במיוחד לאלה שהגיעו ארצה אחרי הקמת המדינה.



בנימין בירנהק בצעירותו.

בעבודתו המסורה במשך שתי עשרות השנים — יחד עם ר' דוד שליסל יבדלח"ט — בניהול קופת גמ"ח ובשקידה להתפתחותה. ר' בנימין היה פעיל גם בשטחים האחרים של הארגון: טיפל בעריכת האזכרות בכל שנה, גם בענין הוצאת ספר יזכור לקדושי עירנו התענין הרבה, ונענה תמיד לכל קריאה, לעזרה ולפעולה. הוא לא נעדר אף פעם מישיבות הועד ואפילו כשלא הרגיש טוב. והכל עשה בשקט, בלי פרסומת וללא התבלטות יתירה. על כן השרה מותו אבל כללי על כל בני עירנו ובמיוחד על אלה שעבדו אתו ביחד.

נפטר בג' דחול המועד סוכות שנת תשכ"ח. בן ששים ושלש היה ר' בנימין במותו. יהא זכרו ברוך!

מרת חי' חורב ע"ה

יום לפני ערב חג הפסח שנת תשכ"ח נפטרה, אחרי מחלה קשה, הגב' מרת חי' חורב ע"ה, או כפי שהיתה ידועה בין אנשי עירנו בשם „חי'טשה דעם מורה הוראה'ס" (בתו




חיה חורב ע"ה

של המורה הוראה) גם היא ידועה מאד בין יוצאי טרנובז'ג, במיוחד בין אלה שנזקקו לעזרה כספית. הגב' חורב היתה מוסד צדקה בפני עצמו בתוך הארגון שלנו. היא יסדה את קופת הסעד והתמסרה בכל לבה — יחד עם חברתה לעבודה הגב' שפרה מנטל-נוסבוים שתחי' — לפעולה חשובה זו: להגיש סעד ותמיכה לנזקקים. היא לא חכתה עד שהנצרך יבוא אליה לבקש עזרה, היא ממש חיזרה וחיפשה את הנזקק ולא פעם כתתה את רגליה בהיותה כבר זקנה וחלשה, הרחק מחוץ לתל-אביב, כדי להגיש עזרה ותמיכה כספית לעני מיוצאי עירנו. ואף ששטח פעולתה הקיף הרבה ענינים ומסדות שונים בעיר ת"א, העדיפה את הפעולות לטובת עניי עירנו ובזה קיימה דרשת חז"ל: „עניי עירך קודמין". והם העניים, יחד עם יוצאי עירנו יזכרו אותה לטובה.

חברי ועד ארגון יוצאי טרנובז׳ג — בתקופת הוצאת הספר


שפרה מנטל (נוסבוים)



דוד יוסט



דוד שליסל


יעקב יהושע פליישר


יהושע קאלך


יוסף לויפר


יוסף צימרמן


דוד וייסלר


שמואל שלר

עם הסיום אנו מביעים את תודתנו לכבוד נשיא המדינה מר זלמן שזר

עבור תרומתו הנכבדה להוצאת הספר הזה — גם ברוך יהיה!

יעקב פליישר

קדיש

(עם סיום הספר)

מלה מחרידה... מרטיטה את הנפש...

...כי אין במשמעות המלה הזאת רק התפילה הנאמרת לעילוי נשמת הנפטר; יש בה יותר, הרבה יותר — זהו מושג רחב, רב־אנפין ורב־גווניז. הוא כולל: קדושה ואצילות, זכרון והנצחה, המשכיות וקשר של העבר והחולף עם ההווה והעתיד.

הקדיש הוא הבטוי הסמלי והמוחשי למדת האבל והיגון של החי על הנפטר. הוא המגשר בין ההעדר וההוויה, ומראה שההעדר איננו מוחלט, שיש המשכיות גם אחרי ההפסד הנראה והמוחש.

לכן — הצורה המקובלת והמקודשת ביותר באומה להנ־צחה וזכרון של נפטר הקרוב ביותר לאדם: — הוריו — הוא: הקדיש.

שנה שלמה, פעמיים ביום, בוקר וערב, שומרים הבנים על אמירת קדיש אחרי הורים. גם אחרי תום השנה לא פסק הק־שר הנפשי הזה בין העבר, ההוויה והעתיד. מדי שנה, ביום השנה (ה,,יארצייט") זוכרים ומזכירים את ההמשכיות — על ידי הקדיש. הקדיש נעשה כל כך מושרש וסמלי, שבשם זה נקרא בפי העם הבן־היורש־הממשיך. אומרים: ,,פלוני השאיר אחריו קדיש..."

★

יש קדיש של פרט ויש קדיש של כלל.

גם הקדיש של הכלל הוא ביטוי של אותה הרגשה שיש לבן־הקדיש להוריו. משום כך, כשישבה הרבנות הראשית בישראל על המדוכא ודנה בכובד ראש על הנצחה הולמת שתבטא את חורבננו ואסוננו על השואה, החליטה לקבוע יום הקדיש הכללי — ביום צום העשרה בטבת. ביום זה מתאספים המוני עם ישראל בבתי כנסת ומתייחדים עם זכר הוריהם, אחיהם וקרוביהם על ידי — אמירת קדיש.

גם הממשלה והכנסת שקבעו יום נוסף לזכר השואה — יום כ"ז בניסן — הקשור עם זכר גבורי מרד גטו ורשא והוא נקרא: יום שואה וגבורה — באותו יום מתחיל כל טכס שנערך באמירת קדיש.

ולבסוף: כל האזכרות הנערכות על ידי שרידי יוצאי הקהילות לזכר קהילותיהם שנחרבו, דבר המובן מאליו הוא, שהדבר הראשי והעיקרי באותן האזכרות הוא — אמירת ק ד י ש.

★

כמו הפרט דואג שישאיר אחריו ,,קדיש", כן ציבור, קהילה שנחרבה, יש לדאוג להם לקדיש כזה, שישמור ויז־כיר תמיד את הקהילה שלו. קדיש כזה הוא בלי ספק — ס פ ר הנשאר על שמה של הקהילה. כי אומרי הקדיש החיים, הם בבחינת ,,דור הולך", כלומר: הולכים ומתמעטים, הולכים וכלים, אך הספר־הקדיש נשאר לעד, לעולם.

זהו תפקידו ויעודו הגדול של הספר.

★

תמה כתיבת הספר שלנו, אך לא נשלם הסיפור. עוד נשאר לספר — כדברי המקונן על ,,עשרה הרוגי המלכות" בקינה ,,ארזי הלבנון", שקוראים בתשעה באב — ,,כהנה וכהנה הוסיפו בני עולה לענות בגערה — בסקילה, שריפה, הרג וחנק — מי יוכל לשערה".

אך החומר שבידינו נגמר. כך יצרנו בעז"ה גם אנחנו ספר־קדיש לזכר קהילתנו בכלל ובעיקר לזכר הקרבנות הקדושים, חללי השואה, אשר —

,,מבין עשני הגופים החרוכים
קול חשאי מתגבר והולך עולה ובוקע
קול חוצב להבות אש ועצים כסוחים
לנו העתיד — עוד יבוא הגואל ואף על פי
שיתמהמה!

(הרב שמעון אפרתי בספרו ,,מעמק הבכא")

ולכן — יתגדל ויתקדש שמיה רבא!



אסיפת אזכרה בתל־אביב בשנת תשכ"ט (1969) — הנשיאות


דפי זכרון והנצחה



ר׳ ישכר דב (בעריש) לויפר ואשתו חיה, הי״ד



ר׳ אריה ליב (ליבטשה) הלוי ויידמן ז״ל
(חתנו של ר׳ בעריש לויפר)



יצחק חנוך שטורם ורעיתו פסל לבית הויזר ובנם אלטר ניסן הי״ד



משפחת יוסף פייט ז״ל (בשורה שלמטה)



ר׳ אלעזר מלך גולד ז״ל (היה שו״ב
בטרנובז׳ג, עבר לארה״ב ושם נפטר)



ר׳ יעקב בייגל ואשתו פסיה ז״ל



חיים גוטמן ז״ל
(בנו של ר׳ אלעזר מלך שו״ב ז״ל)
נפטר ביום אחרון של פסח תשל״ב בניו־יורק
והובא לקבורה בירושלים על הר המנוחות.




מנדל טופר ז״ל (נפטר בשנת תשכ״ח)

מצבת זכרון

יוסף קומיטו אסתר קומיטו
טובה קומיטו יהושע קומיטו
אלתר חיים קומיטו ומשפחתו

זכרונם לברכה



מימין: בנימין בירנהק, אבל׳ה לנגר, חיים יוסט (בארץ), פייבל ארליך,
פסח הרצל („חזנ׳ס״), פסח קסטנבוים (בארה״ב)



שרה זילבר (גטרר) ז״ל



מימין: שפרה ומשה צוויימן, רייזל רוקר, שמואל קניגסברג

מצבת זכרון

חיה׳לה לויפר
דוד לויפר
ישראל לויפר

שרה שיינמן

זיסל הרינגפס
רחל הרינגפס
פרל הרינגפס

זכרונם לברכה

הערה: תמונות האלו נמסרו ע״י קרובי משפחות הנפטרים בתשלום מיוחד.

מזוועות השואה



בדרך למוות



ערימת אפר של הקדושים

DZIEJE I LIKWIDACJI ŻYDÓW

m. TARNOBRZEG — DZIKÓW

Wydano przez Komitet Org. Żydów Tarnobrzeskich
w Israelu, 1973